- 1 -

Roskies / LIT 5506

COPYRIGHT, 1938, BY SHOLEM ASCH

All rights reserved. This book, or parts thereof, must not be reproduced in any form without permission.

# אנקל מאזעס

ראמאן אין 3 טיילן



מאָריס שווארץ אין אנקל מאָזעס, אויפגעפירט אין ניו־יאָרקער יודישן קונסט־טעאַטער און דערנאָך געשפּילט אין בועגאָס־איירעס, וואַרשע, פּאַריז און אַנדערע וועלטשטעט

# UNCLE MOSES

trans. Elsa Krauch

Serialized from Jan. 1917 for 31 weeks.

15-17 Uncle Moses Returns Home

43-45 Masha

54 Masha Becomes a Bride

Coney Island
Young People
1001 Nights

People, What's Happening Here?

## CONTENTS

| CHAPTER | | PAGE |
|---|---|---|
| I. | On the Other Side of the Williamsburg Bridge | 3 |
| II. | The Children | 11 |
| III. | In the Morning | 17 |
| IV. | Brother Berl and His Children | 22 |
| V. | Uncle Moses | 30 |
| VI. | Uncle Moses' Life | 39 |
| VII. | The New Pharaoh | 47 |
| VIII. | An Important Visitor | 53 |
| IX. | The Kusmin Countrymen | 60 |
| X. | Esther and Ahasuerus | 67 |
| XI. | "He Will Have Children" | 75 |
| XII. | The Bridegroom | 80 |
| XIII. | Manny, the Agitator | 85 |
| XIV. | Uncle Moses' Foresight | 91 |
| XV. | Charlie Melnik | 97 |
| XVI. | The New America | 102 |
| XVII. | The Bride Says No | 110 |
| XVIII. | Possessed of the Devil | 116 |
| XIX. | Mascha Comes to Uncle | 124 |
| XX. | The Blue Room | 132 |
| XXI. | Man and Wife | 141 |
| XXII. | Mascha Presents Uncle with an Heir | 148 |
| XXIII. | The Mother | 153 |
| XXIV. | Kusmin Goes on Strike | 157 |
| XXV. | The New Master | 165 |
| XXVI. | On the Other Shore | 170 |
| XXVII. | Loneliness | 175 |

# 1

## 1 איבער וויליאַמסבורג־בריק

איבער דאַון־טאַון [1] ניו־יאָרק איז די זון פֿון דער וועלט אונטערגעגאַנגען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז פֿון דער גאַנצער וועלט האָט זי אויסגעקליבן די פֿאַרוואָלקנטע הויכע קאַסטנס, וואָס שטייען ביים ברעג פֿון איסט ריווער [2], איבער זיי אונטערצוגיין. און ווי הויך די קאַסטנס זיינען נישט געווען, ווי העכער איינער האָט נישט געפּרוווט איבערן אַנדערן איבערצושטייגן, האָט מען ערשט פֿון דאַנען, פֿון דעם וויליאַמסבורג־בריק, אַנגעזען ווי קליין און ווי נידעריק זיי זעען דאָך אויס קעגן דער הויכקייט פֿון הימל, ווי פּאַפּירענע קאַרטן־הייזלעך, וואָס קינדער האָבן אויפֿגעשטעלט צו שפּילן זיך מיט זיי. נאָר די קאַרטן־הייזלעך האָבן איינזאַם און פֿאַרלאָזט געבלאָנדזשעט אין דער ברייטער און הויכער אומענדלעכקייט פֿון חלל, און זיינען פֿאַרשעמט געוואָרן, וואָס זיי האָבן געוואָגט זייערע קעפּ אויפֿצוהייבן אַזוי הויך פֿון דער ערד...

אַ פֿייערדיקע זון איז אַרויס פֿון איר טוי באַדעקטן רונדיקן פֿורעם און אַ צעבלוטיקטע האָט זי זיך אויסגעגאָסן איבערן גאַנצן הימל — גאַנצע טייכן האָט זי פֿאַרפֿלייצט. און אַ שטאַרקע, מאַכטיקע האַנט האָט פֿון דער זייט פֿון ים מאַטע שלייערס געצויגן און איבערגעוועבט איבער די טייכן רויט בלוט, און איבער די בלויע פֿעלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן איבער דער ווייטקייט און ברייטקייט פֿון ניו־יאָרקער דאַון־טאַונער הימל. ווי זיי וואָלטן געוואָלט פֿאַרשטעלן פֿון מענטשנס אויגן, וואָס דאָרט, אונטער די שלייערס, קומט־פֿאָר. די גרויסע, איינזאַמע, שטיינערנע קאַסטנס, האָבן זיך מיט אַ מאָל אָנגעצונדן. גאַנצע ווענט־שויבן האָבן געברענט אין





בלישטשענדיקן שיין פֿון דער רויטער אונטערגייענדיקער זון. און דאַון־טאַון ניו־יאָרק, באַגאָסן מיט דער אונטערגייענדיקער זון, האָט זיך אויסגעדאַכט אויסצוזען ווי אַ צעשטערטער בבֿל, ווי אַ צעפֿאַלענע אַלטע שטאָט, וואָס איז צעטריגען [3] געוואָרן פֿון אַלטקייט. די הויכע, איינזאַמע, פֿינקלדיקע ווענט זיינען די חורבֿות פֿון פֿאַרגעסענע זונען־טעמפּלען פֿון ווילדע הימל־שרייענדיקע טורעמס, וואָס מענטשן האָבן אַמאָל אויפֿגעשטעלט אין די הימלען, צו שטייגן און מיט די געטער מלחמה צו האַלטן...

די וויליאַמסבורגער בריק איז געווען ווי אַן אייזערנער לעבעדיקער ריז וואָלט זיך אויסגעצויגן איבער דער איסט ריווער און מיט זיינע הענט און פֿיס אָנגעכאַפּט די ביידע ברעגן פֿון טייך און איבער זיין רוקן זיינען געפֿלויגן, ווי ווילדע אייזערנע חיות מיט אָנגעצונדענע קעפּ, איין באַן נאָך דעם אַנדערן. און די חיות האָבן געהאַט אין זייערע בייכער איינגעשלונגען טויזנטער און טויזנטער מענטשן. זיי זיינען געשטאַנען קעפּ אויף קעפּ און מיט דערשראָקענע, געפּייניקטע אויגן אַרויסגעקוקט פֿון די פֿענצטערלעך, פֿון די אייזערנע חיהשע פֿענצטער־אויגן. דאָס האָבן די אייזערנע קאַסטנס, וואָס פֿינקלען זיך איצט אין דער רויטער זון, צוריקגעשיקט זייערע איינוווינערס אויף איבער נאַכט צו זייערע ווייבער און קינדער איבער דעם טייך.

די לויפֿנדיקע באַנען מיט די מענטשן זיינען געווען אַזוי פֿיל און אַזוי אָפֿט, אַז דער אייזערנער ריז — די וויליאַמסבורגער בריק — האָט געקרעכצט אונטער זייער לאַסט. טייל מאָל האָט זיך געדאַכט, אַז דער ריז וועט עס נישט אויסהאַלטן און אָפּלאָזן זיינע הענט און פֿיס, און אַלץ וועט פֿאַלן אונטער אים אין טיפֿן טייך אַריין. נאָר יעדעס מאָל, ווען אַ באַן איז דורכגעלאָפֿן, האָט דער ריז געגעבן אַ ציטער. זיין רוקן האָט זיך געגעבן אַ וויכן עלאַסטישן

---

[1] אונטערשטאָטיש. — [2] טייך.

[3] צעקרישלט, צעברעקלט.

# UNCLE MOSES

### CHAPTER I

### *On the Other Side of the Williamsburg Bridge*

THE SUN, ruler of the earth, was setting directly above downtown New York. With all the world to choose from, it seemed to have selected the vicinity of the tall, bleakly-gray structures on the shores of the East River for the enactment of its evening drama. However tall these structures might be, however majestically they might tower one above the other, nevertheless, when viewed from the Williamsburg Bridge, and seen against the broad expanse of the heavens, they appeared small and low, almost like the little card houses which children build for a moment's amusement. But the little card houses stood there, bleak and deserted in the wide-flung infinitude of space, and were ashamed that they had dared to raise their heads so far above the earth's surface.

Then the sun, a flaming disc, finally burst through its misty confines and poured itself out across the sky—red, blood-red. And a mighty Hand reached down into the sea and drew up great vaporous veils and spread them out across the blood-red torrents and the fields of blue clouds, and they extended across the space of the downtown sky, as though they wished to conceal what was happening from the eyes of man.

Suddenly the high, bleak stone structures were aglow. Windows, entire walls of windows, burned in the glistening splendor of the sinking sun. Bathed in this flood of light, downtown New York resembled a devastated Babylon—a deserted old city,





ravaged by time. The tall, bare, shining walls were like the ruins of buried Sun Temples, towers which yearned toward the skies, erected by man centuries ago in an attempt to conquer the heavens and to give battle to the gods.

The Williamsburg Bridge looked like an iron giant who had reached across the East River and dug his feet and hands into the shore at either side of the river; train after train raced across his back, like steel monsters with flaming heads. The bellies of the monsters were filled with people, thousands and thousands of them. There they stood, cheek by jowl, looking frightened and tortured as they stared out of the little windows, the eyes of the metal monsters. The stone structures, ablaze with the red glow of the setting sun, were about to send their inhabitants home for the night, to the wives and children awaiting them on the other side of the river.

There were so many of these crowded, hurrying trains that the iron giant, the Williamsburg Bridge, groaned beneath the burden. Sometimes it seemed as though the giant could bear the load no longer, but would have to loosen his hold and plunge into the river below. Whenever a train raced across, the giant quivered, his back yielded gently, and the train rushed along like a sharp skate across the ice.

There were an uncanny number of these trains. From every corner of New York they crept up out of the bowels of the earth, and all of them hurried across the back of the giant, one after the other, two at a time, three at a time; it was like a mad race. And along either side of this gigantic back, wagons, automobiles, electric cars, and vehicles of all descriptions raced on, like flies crawling about on some fantastically huge man. And the giant bore it all; he groaned, but he stood firm.

To one side of the bridge there is a narrow walk for pedestrians; it is the only path across the bridge which is practically

בריק אַ קאַלטער ווינט און האָט געטראָגן דעם גרינעם, פֿײַכטן ריח פֿון ים איבער דער בריק, און האָט געזאַלציק געמאַכט דאָס מויל — דעם פֿאָטער מיט דער טאָכטער האָט זיך געגלוסט עסן. דער ווינט האָט צעיאָגט מאַשאָס האָר און געטראָגן איר צו קורץ קלײדל, פֿון וועלכן עס האָבן זיך די הויכע שיין מידלשע פּיס צו ווײַט אַרויסגעזען. מאַשאַ האָט געקעמפּט מיטן ווינט, און דאָ געשלעפּט דאָס קלײדל אַראָפּ צו פֿאַרשטעלן אירע פּיס, און דאָ געשלעפּט דאָס קלײדל אַרויף צו פֿאַרשטעלן אירע נאַקעטע הענט. און די פֿרייד, וואָס דער פֿאָטער גייט מאָרגן צו דער אַרבעט, האָט זי געטראָגן מיט אימפּעט אַהיים צו דער מאַמען...

אַז דער פֿאָטער מיט דער טאָכטער זײַנען אָנגעקומען אין האָפּקינס סטריט איז שוין טונקל געווען. וואַרעמע גאַזליכט האָט זיך אַרויסגעגאָסן פֿון די געוועלבער, און פֿאַר די מווינג־פּיקטשור [7] און פֿאַרן אײַז־קרים־פּאַרלאָר [8] זײַנען געשטאַנען קינדער און מיט זשעדנע אויגן צוגעקוקט ווי „באָיס" [9] און „גוירלס" [10] גייען אַהין אַרײַן און האָבן „פּלעזשור" [11].

אַ פּאָר פֿון די קינדער האָבן אין אַהרן מעלניק, וועלכער איז דורכגעגאַנגען, געפֿירט פֿון זײַן טאָכטער מאַשאַן, דערקענט זייער פֿאָטער, און מיט אַ געשריי און אַ ליאַרעם „פּאַפּאַ!" זײַנען זיי אים נאָכגעלאָפֿן. מאַשאַ האָט זיי באַרויִקט מיט אַ ווונק און מיט אַ וואָרט, און מורא האָבנדיק, אַז דער פֿאָטער זאָל ניט פֿאַרשווינדן פֿאַר דער טיר פֿון הויז, האָט זי זיך געהאַלטן בײַ אים זייער נאָענט. נאָר וואָס נענטער אַהרן מעלניק איז צו דער טיר פֿון זײַן הויז צוגעקומען, איז אַהרן מעלניקס צוריקקומען אַלץ געוואָרן מער זיכער, אי פֿאַר אים און אי פֿאַר זײַן טאָכטער מאַשאַ. פֿאַר דער טיר פֿון הויז זײַנען אין וואַרעמען פֿאַרנאַכט געזעסן די ווײַבער, וועלכע האַלב אָפּגעוואַשן און אָנגעטאָן האָבן אָפּגעוואַרט זייערע מענער, וועלכע

---

[7] קינאָמאַטאָגראַפֿן. — [8] אײַזקרעם־לאָקאַלן. — [9] בחורים. — [10] פּרײַלינס. — [11] האָבן פֿאַרגעניגן.



קומען צוריק פֿון דער אַרבעט. די אַלע שכנים, וועלכע האָבן אַ לעבעדיקן אינטערעס גענומען אין די פֿאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן איינער פֿון אַנדערן, האָבן, פֿאַרשטענדלעך, געוווּסט פֿון אַהרנס אַנטלויפֿן פֿון דעם ווײַב מיט די קינדער און האָבן מיט גרויס אינטערעס צו זייער אַלעמענס גרויסער צופֿרידנקייט צוגעזען, ווי מאַשאַ פֿירט איצט אַהיים דעם פֿאָטער. און, ווי זיי וואָלטן זי אַרײַנגענומען אין זייער ווײַבערשער חבֿרותא, האָבן זיי איר צוגעוווּנקען מיט די בליקן און די מינעס פֿאַר דער גוטער אַרבעט, וואָס זי האָט געטאָן, צוריקברענגענדיק דעם טאַטן.

אין דער שטוב האָט אַהרן געפֿונען זײַן ווײַב ראָזע מיט דעם קליינעם קינד אויף דער האַנט, וואָס אַזוי ווי עס וואָלט געווען געוווּסט, אַז עס איז דער איין־איינציקער זון צווישן די פֿיר טעכטער, וואָס אַהרן האָט געהאַט מיט זײַן ווײַב, האָט עס קיין מאָל נישט געוואָלט אַראָפּ פֿון דער מוטערס הענט. ראָזע, וועלכע האָט מיט אירע דרײַסיק יאָר לעבן אויסגעזען שוין ווי אַ ייִדענע אין די איינציקע און פֿערציק, האָט נאָך איין רעשט געהאַט איבעריק פֿון איר יוגנט און דאָס זײַנען געווען אירע געדיכטע שוואַרצע האָר, וועלכע האָבן מיט זייער יוגנטלעכן גלאַנץ זיך גאָר נישט צוגעפּאַסט צו איר פֿאַרעלטערטן געזיכט, קאַליע געוואָרענע גאָלדענע ציין, וואָס האָבן דאָ און דאָרט אַרויסגעקוקט פֿון איר מויל. זי איז געווען פֿאַרביטערט און בייז פֿון צרות און קלאָג, און זי האָט געליטן פֿיזישע ליידן אַ גאַנצן טאָג פֿון האַלטן דאָס קינד אויף די הענט. זי האָט אָנגעקוקט איר מאַן:

— גיב נאָר אַ קוק, ער איז דאָך שוין דאָ! די מציאה האָט זיך דאָך שוין אָפּגעפֿונען...

ראָזע האָט געוואָלט עפּעס ווײַטער ריידן, נאָר די קליינע מאַשאַ איז אונטערגעשפּרונגען, אַרויסגענומען פֿון אירע הענט דאָס קינד און געזאָגט:

— מאַמאַ, שווײַג! דו וועסט ניט שווײַגן?

— וואָס זאָל איך שווײַגן? וואָס, ער וועט אַנטלויפֿן, דער תּכשיט!

— האָט די מוטער געזאָגט מיט מער דרייסטקייט און מוט נאָך דעם ווי זי האָט געהאַט פֿרײַער אָפּגעאָטעמט פֿון דעם קינדס לאַסט, וואָס זי האָט געפֿילט אַ גאַנצן טאָג אויף די הענט — זאָל ער אַנטלויפֿן! ווער האָט געשיקט נאָך אים?

— מאַמאַ, דער טאַטע גייט דאָך מאָרגן אַרבעטן, דער אַנקל בערל האָט געשאַפֿן אַ פּליים [12], שווײַג.

דאָס וואָרט „אַרבעט" האָט געבראָכן אַ ביסל דאָס אײַז, און איר טאָן איז געוואָרן אַ ביסל אַנדערש.

— אַזוי, ער גייט שוין אַרבעטן... ער וועט מיך שוין ניט לאָזן הונגערן מיט מײַנע שוואַלבן, אַ־וואַ, אַן אײַנזעעניש!



were sitting on their doorsteps, some of them unwashed and carelessly dressed, waiting for their husbands to come home.

As the neighbors all took the liveliest kind of interest in one another's affairs and knew all about Aron Melnik's flight from home, they noted with the greatest of interest and the very greatest of satisfaction that Mascha was fetching her father home. And, as though they wished to welcome the girl to their sisterhood, they nodded at her in a friendly and understanding manner, expressing their recognition of the good deed she had done.

In the house Aron met his wife Rosa, carrying a little baby. The little fellow seemed to realize that, as an only son, with four older sisters, he was a privileged character; and he stubbornly refused to leave his mother's arms, even for a moment. Rosa, who was thirty and looked forty, had retained one remnant of her youthful charm, her heavy black hair whose lovely sheen contrasted so strangely with her faded face and her few remaining decayed yellow teeth. An embittered woman, irritated by poverty and misfortune, and weary too, from holding the little boy in her arms all day. Now she looked angrily at her husband and said:

"Well, look at that, look who's back. So the precious jewel has been found after all!"

Rosa was about to say something more, but little Mascha interfered, lifting the boy from his mother's arms, and admonished: "Keep still, mamma; will you keep still?"

"And why should I keep still? He runs away, my fine husband!" repeated Rosa more firmly, and then, with even greater spirit, as she had been relieved of her lively burden: "Let him go if he likes; who sent for him, anyway?"

"Mamma, father is going back to work right away—tomorrow! Uncle Berl has found a job for him. Do keep still."



## UNCLE MOSES

The word "work" broke the tension a little, and Rosa changed her tune.

"Oh, so, he's going to go to work, is he? He's really not going to let me and my little brood starve any longer, well, well, now I call that clever!" cried Rosa with an ironic pretense of good-nature.

But Aron had no desire to please his wife. The constant destitution in which this man and woman lived had embittered them both, and they found their only pleasure in hurting one another. But this enmity had not prevented them from living together for almost sixteen years and from having children. In fact, their enmity seemed to be the very thing that held them together. And so now, when Aron saw that his wife's eyes grew less tortured at his daughter's words, he was grieved.

"Well, let your mother go to work. I suppose she can't do that? Why should I be the one to do it?" These words came from the corner where Aron was sitting.

"Why did you bring him home?" Rosa screamed at her daughter. "I'll bash his head against the door. Get out of my house—quick, get out of my house!"

Mascha stood there, distracted. She tried to save the situation, she ran from one to the other, beseeching them with her child eyes, and her upraised hands:

"Mamma, do keep still, please! Father, do keep still, please do. What will the neighbors say?"

And suddenly she thought: Father is hungry and tired; mother is hungry and tired. It is dark here and gloomy, and that is why they are fighting. If I could set the table and bring in the supper, and if it were bright in the room, they would not fight. Quickly she lighted the gas, and the little room became cheery. And truly, as soon as it was light in the room, the

נאָר אַהרן האָט דעם ווײַב נישט געוואָלט צוליב טאָן. די טאָגטעגלעכע צרות, וואָס דאָס לעבן האָט זיי געשאַפֿן, האָבן אין מאַן־און־ווײַבס הערצער אָנגעזאַמלט אַזוי פֿיל ביטערניש איינער אויפֿן צווייטן, אַז זייער איינציק ביסל נחת איז געווען, ווען איינער האָט דעם צווייטן געקענט קרענקען. דאָך האָט זיי די פֿײַנדשאַפֿט ניט געשטערט צו לעבן צוזאַמען פֿופֿצן־זעכצן יאָר, קינדער האָבן, און עס איז געווען ווי די פֿײַנדשאַפֿט וואָלט געווען דאָס ליים, וואָס קנעטצוזאַמען זייער לעבן, און אַז אַהרן האָט געזען דעם ווײַבס אויגן זײַנען רויִקער געוואָרן פֿון דער טאָכטערס רייד, האָט עס אים געקרענקט.

— די מאַמע וועט קענען גיין אַרבעטן. זי קען נישט אַרבעטן מיט די זײַטן? פֿאַר וואָס מוז איך דאָס? — האָט ער זיך אָנגערופֿן פֿון ווינקל אַרויס.

— צו וואָס האָסטו אים אַהיים געבראַכט? — האָט ראָזע אָנגעהויבן צו שרײַען אויף דער טאָכטער — די טיר וועל איך אויסקלאַפּן מיט אים. גיי־אַרויס פֿון מײַן שטוב, די מינוט פֿון מײַן שטוב!

מאַשאַ איז געבליבן שטיין פֿאַרצווייפֿלט. זי האָט געזוכט אַן עצה, ווי צו ראַטעווען די לאַגע. זי איז געשפּרונגען פֿון איינעם

[12] אַ פּלאַץ, אַ פּאָסטן.



צום אַנדערן און געבעטן זיך מיט אירע קינדערשע אויגן און הענטלעך:

— מאַמע, שווײַג, איך בעט דיך. טאַטע, שווײַג, איך בעט דיך. עס איז דאָך ניט שיין פֿאַר די שכנים.

אין איר קליין קעפּל איז אויפֿגעגאַנגען אַ געדאַנק: דער טאַטע איז הונגעריק און מיד, און די מאַמע איז הונגעריק און מיד; אין שטוב איז פֿינצטער און טרויעריק — דורך דעם קריגן זיי זיך. ווען זי וואָלט געקענט גרייטן צום טיש און אויפֿגעבן סאַפּער[13]. אין שטוב וואָלט געווען ליכטיק, וואָלטן זיי זיך נישט געקריגט. זי האָט פֿלינק אָנגעצונדן דאָס גאָזליכט און דאָס שטיבל איז באַלויכטן געוואָרן. און ווירקלעך, ווי עס איז אין שטיבל ליכטיק געוואָרן, האָבן זיך מאַן־און־ווײַב אויפֿגעהערט צו קריגן. זיי האָבן זיך געשעמט איינער פֿאַרן צווייטן אין דעם ליכט, פֿאַרן קינדס אויגן. ראָזע האָט אָנגעהויבן צו וויינען אויף איר ביטערן מזל, וואָס דער גזלן האָט איר געשלעפּט אין וויסטן „אַמעריקאַ", און „איר פֿאָטער און מוטער וועלן קיין רו אין קבֿר נישט האָבן, ווען זי וואָלט זיי נאָר אויף זייערע קבֿרים געקענט אָנזאָגן אין וועמענס הענט זיי האָבן זי איבערגעגעבן". אַהרן איז געזעסן אַ פֿאַרשטיינערטער אין ווינקל און געשוויגן. אין שטיבל האָבן זיך אָנגעהויבן צו קלײַבן די קינדער פֿון דער גאַס און אָנגעהויבן צו פֿאָדערן סאַפּער. די מוטער האָט זיי אָפּגעשיקט צום פֿאָטער און צום טײַוול. דעמאָלט האָט מאַשאַ איבערגעלאָזט דאָס קליינע קינד אויף אַ שוועסטערלס הענט און איז אַליין אַרויס אין גאַס שאַפֿן סאַפּער. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון געדאַנק, וואָס זי האָט פֿריִער געהאַט, צו באָרגן בײַ דער בוטשערין[14], אויפֿן ערשטן פֿלאָר[15] פֿופֿציק סענט, ביז דער טאַטע וועט אַרבעטן. דאָס, וואָס דער פֿאָטער איז צוריקגעקומען און דער אַנקל לוי האָט אים געקראָגן אַ פּלאַץ, האָט איר מער שטאַרקייט און גלויבן געגעבן

[13] אָונטבברויט. — [14] קצבטע. — [15] גאָרן.



אין זיך. זי איז אַרײַן מיט דרייסטקייט אין דער גראָסערי[16], וואָס איז געווען אין ווינקל גאַס און האָט זיך געהייסן געבן ברויט און פּוטער און קעז, און טאָמייטאָ־זופּ אין קען[17], און זי האָט נאָך פֿאַרלאַנגט אַ מאַרינירטן הערינג און פּיקלס[18]. האָט זי דער גראָסערימאַן אָנגעקוקט פֿאַרוואונדערט. האָט זי שטאָלץ אָפּגעענטפֿערט:

— פּאַפּאַ גייט מאָרגן אויף אַ פּלייס. אַנקל בערל האָט אים פֿאַרשאַפֿט.

האָט דער גראָסערי־מאַן פֿאַרשטאַנען, און שוין גאָר נישט געזאָגט. איר וואָרט „פּאַפּאַ גייט מאָרגן אויף אַ פּלייס" איז געווען אַ ווינטש־פֿינגערל, וואָס האָט פֿאַר מאַשאַן אויפֿגעעפֿנט דעם גראָסערימאַנס גראָסערי, דעם בוטשערס שאַפּ[19] און זי האָט געקראָגן, וואָס זי האָט געוואָלט.

און מאַשאַ האָט רעכט געהאַט. קוים איז ליכטיק געוואָרן אין שטיבל און מאַשאַ האָט אויפֿן טיש דערלאַנגט דעם רײַכן סאַפּער, מיטן מאַרינירטן הערינג און די פּיקלס, און די טאָמייטאָ־זופּ, איז נישט נאָר מאַן־און־ווײַב האָבן זיך אויפֿגעהערט צו קריגן. אַהרן מעלניק האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז אַ פֿאָטער פֿון פֿיר טעכטער און אַ זון, האָט די קינדער אַרומגעזעצט בײַם טיש, אָנגעזאָגט זיי, אַז זיי זאָלן זיצן אָרנטלעך — און אין שטיבל בײַם טיש זײַנען אַרום



man and his wife stopped fighting. Both of them were ashamed to fight in front of the children, when the lights were burning brightly.

Rosa began to cry and to bemoan her harsh lot. Just to think that that robber of a husband of hers had brought her to America! "And my father and mother won't have any peace in their graves; oh, if I could tell them as they lie there into whose hands they entrusted me!"

Aron remained in the corner as though turned to stone and said nothing. Gradually the children came into the room, running in from the streets, one after the other, and demanded their supper. Their mother told them to go to their father—or to the devil. Then Mascha quickly handed the baby to one of her younger sisters and hurried out into the street to buy their supper. As she went, she abandoned her original plan of borrowing fifty cents from the butcher's wife on the first floor until her father went back to work. The very fact that her father was home again, and that Uncle Berl had found a job for him, lent her added strength and self-confidence. She walked boldly into the delicatessen store on the corner and bought bread, butter, cheese, and a can of tomato soup, and asked for herring and pickles. The proprietor stared at her in surprise. Mascha met his glance proudly and said:

"Papa is going back to work tomorrow. Uncle Berl found a job for him."

The man understood and asked no more questions. The words, "Papa is going back to work tomorrow," were an open sesame so far as the delicatessen store and the meat market were concerned. Mascha could demand anything now.

Mascha had been right. Just as soon as the room was bright and Mascha had placed the tempting supper, including the herring, pickles, and tomato soup, on the table, her father and





mother not only stopped quarreling, but Aron Melnik even remembered that he was the father of four daughters and one son; he directed the children to take their places at the table and to behave properly; and very soon there was a happy family in the little room, sitting round the table, eating supper.

— שוין, שוין, עס איז שוין טאָג געוואָרן. די חבֿרה הייבן זיך אויף... — האָט בערל געזאָגט צום ברודער מיט אַ שמייכעלע, וואָס איז געקומען פֿון זײַנע ריינע קוואַלנדיקע אויגן, צונעמענדיק זײַנע ספֿרים און אַוועקטראָגנדיק זיי אין אַ ווינקל אַרײַן. — דו ווייסט, אהרן, אין דער היים האָב איך געלעבט בײַ טאָג, מיט אַלע מענטשן צו גלײַך, ווען אַלע זײַנען וואַך. דאָ לעב איך בײַ נאַכט, ווען אַלע שלאָפֿן. בײַ טאָג וואָס בין איך? גאָר נישט, אַ וויסטער שוירט־מייקער [36], זיץ צווישן איטאַליעניִשע שיקסעס און ניי העמדער. איך בין גאָר נישט בײַ מײַן ווײַב, בײַ מײַנע קינדער. בײַ נאַכט, זעסטו אָבער, ווען אַלע שלאָפֿן, בין איך ווידער צוריק בערל, לערן איך מיר מײַן בלאַט גמרא, מײַן משניות. איך הער־אויס, וואָס דער תנא זאָגט, ווי אין דער היים. מיר דאַכט זיך, אַז איך בין אין בית־המדרש און לערן. אַמעריקע איז אַ פֿאַרדרייטע וועלט. דאָ לעבט מען בײַ נאַכט, און מען איז טויט בײַ טאָג.



a stooped old man so early in life, she had lost all respect for him. It was a hard life he led with his wife in his old age.

"Now put up your things and make room for the children's breakfast; it's time for them to eat." (Genendel, who was speaking Yiddish, used the word "breakfast" with conscious pride, for she did like to make use of the few English words she had learned from her children.)

"Yes, yes, in a minute; well, the day is here, and they're all getting up," and Berl turned to his brother with a smile in his clear, round eyes, took up his books, and put them away in a corner. "Do you know, Aron, back home I used to live my life during the day. Together with other people, when we were all awake. Here I live my real life at night, when everyone else is asleep. For what am I by day? Nothing at all, a poor machine operator, working on aprons, sitting there with Italian Christian girls. But at night, when everyone is asleep—see, then I am Berl again, reciting my page of Talmudic commentaries, reading what this or that great scholar has to say, just as I used to do at home. Then I feel as though I were back home in the House of Prayer, studying. America is a topsy-turvy world, after all. Here one lives at night, and is dead during the day."

## 4 דער ברודער בערל מיט זײַנע קינדער

— טשאַרלי, טשאַרלי, הייב דיך אויף. נו, ס׳זײַנען דאָך שוין אַלע אָנגעטאָן! — האָט די מוטער געוועקט דעם בחור, וואָס איז געשלאָפֿן אין דער קיך אויפֿן אויסגעשטעלטן בעט, ווו דער פֿאָטער האָט געדאַוונט.

— וואָס, ער שלאָפֿט נאָך, דער לערן־בחור? ער מיינט, אַז ער איז אין דער היים? ער וועט ווידער פֿאַרלירן דעם דזשאָב, און מיר וועלן מוזן אַרבעטן פֿאַר אים... — האָט זיך אָנגערופֿן דבֿורה, בערלס עלטסטע טאָכטער, אַ מיידל פֿון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, וועלכע איז אַרײַנגעקומען פֿון דער צווייטער שטוב, אָנגעטאָן אין הוט און זשאַקעט, גרייט אַרויסצוגיין, און פֿון איר טונקלברוין געזיכט האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר פֿרישע אויגן, נאָר די דיקלעכע ליפּן און די בלויע אָדערן בײַם האַלדז, וועלכע זײַנען געווען זייער דין, האָבן געמאַכט איר אויסזען רחמנותדיק, אַן אויסזען וואָס האָט דאָס פֿאַרעלטערטע מיידל זייער אויפֿגערעגט. צײַט איר ייִנגערע שוועסטער, ראָכעלע, האָט חתונה געהאַט פֿריִער פֿאַר איר, איז דאָס מיידל געוואָרן אומדערטרעגלעך אין שטוב.

— שוין, זיך אויפֿגעהויבן, וואָס ווילסטו פֿון אים? — האָט די מאַמע זיך אַרײַנגעמישט.

נאָר טשאַרלי, מיט אַ גרויסער פֿאַרפֿעדערטער טשופּרינע און מיט אַ פֿאַרוועבטן פּנים פֿון שלאָף, האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, ווי אַ פֿײַער וואָלט אויסגעבראָכן, אַרומגעקוקט זיך פֿאַרוווּנדערט. באַלד זיך געפֿונען אין דער לאַגע, אויסגעריבן זיך די אויגן און גענומען זיך אָנטאָן לאַנגזאַם.

— מאַמאַ, דער ברעקפֿעסט נאָך נישט פֿאַרטיק? אײַ דאָן קער, וועל איך עסן ברעקפֿעסט אויס־סייד [37]. איך האָב נישט קיין צײַט צו וואַרטן, אַז דער פֿאָרמאַן [38] זאָל מיר אַראָפּרעכענען פֿון דער פּיי.

— אָבער דבֿורה, אָט שוין, די קאַווע שטייט שוין אויפֿן טיש. דער טאַטע האָט זיך נאָר פֿאַרשפּעטיקט אַ ביסל מיטן דאַווענען. דער פֿעטער איז געקומען, זעסט, אָט שוין, וואָס ווילסטו? — איז די מוטער פֿלינק צוגעלאָפֿן צום קיכל.

— עס איז נישט מײַן ביזנעס, יאָ פֿעטער אָדער נישט פֿעטער. אַז איך קום־אַרויס, דאַרף מײַן ברעקפֿעסט שטיין אויפֿן טיש. איך קען מיך ניט פֿאַרשפּעטיקן צוליב מײַן פֿעטער.

— דבֿורהלע! — האָט זיך דער פֿאָטער אָנגערופֿן, צונויפֿלייגנדיק די תּפֿילין — דבֿורהלע!

דבֿורהלע, וועלכע האָט נאָך גוט געדענקט דעם פֿאָטער פֿון דער היים, געדענקט נאָך די גוטע צײַטן, ווען דער פֿאָטער איז געווען

[36] העמדער־מאַכער.

[37] [illegible]

CHAPTER IV

## *Brother Berl and His Children*

"CHARLIE, CHARLIE, get up! Well, are you coming? Everyone else is up and dressed!" Genendel awakened her son, who was sleeping on a folding cot in the kitchen.

"What, is he still asleep, our fine student? He'll lose his job again, and we'll have to work for him," was the way that Deborah, Berl's oldest daughter, a girl in her late twenties, announced her presence as she entered from the adjoining room, wearing her hat and jacket. Her olive skin was clear, her eyes were fresh and young; but her too-full lips and the blue veins on her thin throat made her appear rather pathetic and sad. Deborah was well aware of this and it worried and aged her. Since her younger sister Rachel had been married, Deborah's temper was always uncertain.

"He is up now; what do you want him to do?" answered her mother, irritably.

Charlie, hair rumpled and face sleepy, jumped up as though there were a fire and stared round the room in surprise. Soon he oriented himself, however; he rubbed his eyes and began to dress, quite slowly.

"Mamma, isn't breakfast ready yet?" called Deborah. "Oh, thank you, I'll get my breakfast on my way to work. I haven't time to wait, I don't want to give the foreman a chance to dock me."

"Now, Deborah, in a minute, in a minute! The coffee's on the table, see it's all ready! Father delayed me a little too, with

— נעם שוין צונויף דײַנע תּפֿילין, מיטן תּהילים, מיטן טלית, נעם שוין צונויף, אַלץ איז איבער דיר. אַז עס קומט אין דער פֿרי צעלייגט ער זיך אַזוי, אַז די קינדער האָבן נישט ווו ברעקפֿעסט צו עסן... — האָט גענענדל אויסגעלאָזט איר ביטער האַרץ אויפֿן מאַן.

בערל האָט זיך געשעמט פֿאַרן ברודער, האָט ער געשמייכלט מיט זײַנע קלאָרע קינדישע אויגן.

— גענענדל, עס איז דאָך ווער דאָ אין שטוב, גענענדל.

גענענדל האָט זיך גאָר נישט אָנגערופֿן. שטיל געגרייט צום טיש. אין אַ מינוט איז דער געבעטטיש געוואָרן פֿאַרוואַנדלט אין אַן עסטיש. בערל האָט זיך געוואַשן און געשטופּט דעם ברודער צום טיש.

אַהרן, וועלכער האָט זיך שרעקלעך געפֿילט בײַם ברודער, האָט שוין לאַנג געוואָלט אַרויסלויפֿן פֿון שטוב, נאָר ער האָט גרויס רחמנות געקראָגן אויפֿן ברודער און ער האָט אים זייער ליב געקראָגן. זעענדיק זײַנע לײַדן, האָט ער אָנגעטאָן אַ כּוח איבער זיך, געוואַשן זיך (כאָטש ער האָט עס קיין מאָל נישט געטאָן) און אַוועקגעזעצט זיך בײַם טיש מיטן ברודער עסן.

אַז דער באָי איז צוגעקומען צום טיש אָן הוט אומגעדאַוונט און אומגעוואַשן עסן, האָט בערל, וועלכער האָט דענסטמאָל געהאַלטן פֿאַר דער המוציא און נישט געטאָרט מפסיק זײַן, געברומט צום יונג:

---

[49] נישט אַזוי!

43 אָנקל מאָזעס

— נו — נו — נו!

— וואָס נו? אָט שוין נו... — האָט גענענדל גענומען דעם באָיס היטל און אָנגעטאָן אים אויפֿן קאָפּ — גיי, טשאַרלי, זאָג קריאת־שמע.

דער זיבעצן יאָריקער בחור האָט געטאָן, וואָס די מאַמע האָט אים געהייסן, גענומען דעם טאַטנס טלית בײַ די ציצית, געמורמלט אַ פּאָר ווערטער, אַ קוש געגעבן און אַוועקגעזעצט זיך עסן.

— גענענדל! — האָט בערל געברומט בייז.

— וואָס איז? שוין, דו דאַוונסט פֿאַר אים. דו דאַוונסט פֿאַר אַלע. אין אַמעריקע האָט מען נישט קיין צײַט צו דאַוונען.

אַהרן האָט אָנגעקוקט די שוועגערין און האָט זי נישט דערקענט. איז דאָס די פֿרומע ייִדענע, וועלכע פֿלעגט אין דער היים זײַן די זאָגערין אין דער שול און לויפֿן יעדעס מאָל אין בית־המדרש אַרײַן מיט אַ לעפֿל, מיט אַ טעפּל, אַ שאלה פֿרעגן? שטענדיק האָט זי געהאַט שאלות צו פֿרעגן. וואָס איז דאָס געוואָרן מיט איר דורך דער קורצער צײַט, וואָס זי איז אין אַמעריקע!

נאָר גנענדל, ווי געזאָגט, איז אין אַמעריקע געוואָרן „ליבעראַל". דאָס הויז בײַם פֿעטער בערל איז געווען צעטיילט אין צוויי פּאַרטייען. איין פּאַרטיי איז געווען דער פֿאָטער מיט די עלטסטע צוויי טעכטער, דבֿורה, די פֿאַרזעסענע, און אַ ייִנגערע, וואָס האָט חתונה געהאַט פֿאַר אַ גאַליציאַנער, וועלכע האָבן געדענקט דעם טאַטן פֿון דער היים, ווען ער איז געווען גוד־אָף [50] און רעספּעקט געהאַט פֿאַר אים. די אַנדערע פּאַרטיי, די מאַמע מיט די ייִנגערע צוויי קינדער, טשאַרלי און קלאַראַ, וועלכע האָבן זיך האַלב דאָ דערצויגן. זיי האָבן די מוטער ליב געהאַט און די מוטער האָט זיי ליב געהאַט. און די רײַבונגען פֿון די „פּאַרטייען" האָט זיך געפֿילט בײַ יעדער מאָלצײַט.

בערל האָט אויך ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס איז געוואָרן אין אַמעריקע מיט זײַן ווײַב, נאָר ער איז געוואָרן צוגעוווינט דערצו. ער

---

[50] אין אַ גוטן מצב.



your prayer shawl; do put them away; this is all your fault. Every morning he takes up so much room that the children haven't any place to eat their breakfast." Genendel vented all her worries and troubles on her husband.

Berl was ashamed to have his brother see this, and so he smiled at him with his honest child eyes.

"Genendel, there's someone here, Genendel."

Genendel didn't answer. She set the table quietly. In a moment the table of prayer was transformed into a breakfast table. Berl washed his hands and drew his brother to the table.

Aron, who felt miserable in his brother's home, had been quite ready to go for some time, but he was sorry for his brother, of whom he was very fond; and now when he saw him suffering as he did, he pulled himself together, washed (he rarely did this before breakfast) and sat down at the table to eat with his brother.

When the boy sat down at the table without his hat, without having prayed or washed, Berl, who was just pronouncing a blessing on the food, and could therefore not stop to speak, turned toward his son and grumbled something like, "Hm, huh, hm."

"What, hm, huh? It's beginning, of course!"

Genendel took up Charlie's hat, pulled it down over his ears, and said, "Go ahead, Charlie, and pray."

The seventeen-year-old boy did what his mother told him to do, grasped the fringes of his father's prayer shawl, and then sat down to breakfast.

"Genendel!" grumbled Berl, indignantly.

"What's the matter? It's all right, you're praying for him. You pray for all of us. No one has time to pray in America."

Aron stared at his sister-in-law; he simply did not recognize her any more. Could this be the pious Jewish wife who had



recited her prayers in the women's balcony of the synagogue at home, and who had often run into the prayer house, holding her spoon or kettle, and asked for a "schaal"? What had happened to her during the short time she had spent in America?

But Genendel, as we have said, had grown "liberal" in America. So it was that Uncle Berl's family divided itself into two factions. One of them included the father and the two older daughters: Deborah, the old maid, and the younger one who had married a Galician Jew; these two daughters remembered their father as he had been in the old country, when he had been a man of some importance; and they respected him. The other faction included the mother and the two youngest children, Charlie and Clara, who had practically grown up in America. They loved their mother, and their mother loved them. The friction between the two factions was in evidence at every meal.

Berl did not quite understand what had happened to his wife in America, but he had accustomed himself to it. After all, there was so much here in America which he could not understand. But he accustomed himself to everything, and no longer asked questions. During the twelve years he had spent in the new country Berl had lived a solitary and lonely life in the very midst of his family. He had no one in whom he could confide; not only had his children become alienated from him before his very eyes, but his own wife, with whom he had begotten children and with whom he had spent an entire lifetime, had become a stranger to him here in America. This loneliness impelled the pious Jew to religious fervor. He sought his life in his religion. This world in which he was now living had become lost to him; so he wanted to make sure that the next world, for which he was preparing, might be the more abundant, the more glorious....

-15-



— קום, אַהרן, מיט מיר.

— ווּ אַהין?

— איך וועל דיר צוריקפֿירן צום אָנקל מאָזעס. איך וועל בעטן פֿאַר דיר, אַז ער זאָל דיר צוריקנעמען אויפֿן פּליס. מן הסתם איז דאָך שוין אונדזער מזל אַזוי... מיר מוזן אָפּריכטן גלות. געהייסן פֿון אויבן... אפֿשר אויף דער אַנדערער וועלט... ווער ווייסט? זאָג מיר, אַהרן, דו דאַוונסט אַ מאָל?

— איך האָב קיין מאָל נישט געקלערט וועגן דעם... — האָט אַהרן צו זיך אַליין געזאָגט.

— אויב אַזוי, צו וואָס טויג דאָס גאַנצע לעבן? צו וואָס לוינט עס זיך?

„צו וואָס לוינט עס זיך"? — האָט אַהרן נאָכגעזאָגט דעם ברודערס ווערטער אין זײַן געדאַנק, און טאַקע נישט געוווּסט צו וואָס עס לוינט זיך, אַז קיין לעבן ווי אויף דער וועלט האָט ער נישט געהאַט. און דאָס לעבן איז געווען אַן אָרעמס, אַ מיאוס — און אַ לאַנגווײַליקס... און דאָך איז ער געגאַנגען נאָכן ברודער צום אָנקל מאָזעס בעטן זיך, אַז מען זאָל אים לאָזן פֿאָרזעצן דאָס לאַנגווײַליקע לעבן...

## 5 אָנקל מאָזעס

פֿאַר אַ שטיק, שטיק צײַט פֿריִער, אײדער אונדזער געשיכטע פֿאַנגט זיך אָן, האָט זיך אַמאָל, אין אַ קליין שטעטל אין פּוילן, פּלוצלינג באַוויזן אַ פֿרעמדער, אָנגעטאָן אַנדערש ווי אַלע אײַנוווינערס פֿון שטעטל, קורץ געקליידט, „דײַטש", אין מאָדנע געקעסטלטע הויזן, געמאַכט פֿון אַ ווײַבערשער סחורה, מיט אַ ברייט, שטײַף קאַפּעלושל און אַ ווײַסן ווײַט אויסגעשניטענעם קראַגן, אַ „פֿאָטער־מערדער", ווי מען האָט עס דענסטמאָל גערופֿן. גרויסע גאָלדענע



רינגען אויף די הענט און אַ גאָלדענע קייט אויף דער סאַמעט־געקעסטלטער וועסט. אַ מענטש אָן וואָנצעס, נאָר מיט אַ בערדל. דער פֿרעמדער האָט אַרויסגערופֿן אַזאַ דערשטוינונג, אַז ווען ער וואָלט נישט געגאַנגען אין גאַס מיט אַ גוט באַקאַנטן אײַנוווינער, מיט יוספֿשי קאַשע־מאַכער, וואָלט מען זיך פֿאַר אים דערשראָקן. נאָר אַלטע אײַנוווינערס האָבן באַלד אין דעם פֿרעמדן דערקענט יוספֿשי קאַשע־מאַכערס עלטסטן זון, וועלכער איז אַוועק מיט יאָרן צוריק אין די ווײַטע מקומות. יונגע מענטשן האָבן גאָר נישט געוווּסט, אַז יוסף קאַשע־מאַכער האָט אַן עלטסטן זון, און די, וועלכע האָבן יאָ געדענקט, האָבן געמיינט, אַז ער איז שוין לאַנג געשטאָרבן. זײַן באַווײַזן זיך פּלוצלינג אין די געסלעך פֿון שטעטל האָט בײַ אַ סך אַרויסגערופֿן זכרונות פֿון דער יוגנט. זיי האָבן דערקענט אין דעם פֿרעמדן זייער יוגנטפֿרײַנד, זייער חדר־חבֿר, און זײַנען צוגעגאַנגען צום פֿרעמדן און האָבן אים אָפּגעגעבן דעם ברייטן שלום עליכם. באַלד איז דאָס גאַנצע שטעטל געוווּיר געוואָרן פֿון דעם „אַמעריקאַנער", וואָס איז צוריק אַהיים געקומען פֿון די ווײַטע, ווײַטע מקומות. און אין אָוונט איז יוסף קאַשע־מאַכערס שטיבל באַלאַגערט געוואָרן פֿון קרובֿים, נאָענטע און ווײַטע, פֿון שכנים און גלאַט אײַנוווינערס פֿונעם שטעטל, וועלכע זײַנען געקומען נאָכפֿרעגן זיך נאָך זייערע, וואָס זיי האָבן אין אַמעריקע. האָט איינער געהאַט אַ זון אין אַפֿריקע, אין בראַזיל אָדער אַפֿילו אין לאָנדאָן — ענגלאַנד, איז מען געקומען זיך נאָכפֿרעגן אויף אים בײַם אַמעריקאַנער. ווײַל וואָס דאָס איז אַמעריקע, אַזעלכער האָט מען נאָך נישט גאַנץ גוט געוווּסט אין שטעטל, און אַלץ האָט געהייסן דענסטמאָל „אַמעריקאַ" — פֿון יענער זײַט גרענעץ אָן, האָט זיך אויסגעוויזן, איז דאָ איין־איין גרויסע שטאָט, און די שטאָט הייסט „אַמעריקאַ".

באַלד האָט דאָס שטעטל אָנגעהויבן צו קלינגען פֿון דעם „אַמעריקאַנערס" רײַכטום. מען האָט דערציילט פֿון אַ שטעקן מיט אַ גאָלדענעם קאָפּ, וואָס ער האָט געבראַכט דעם פֿאָטער זײַנעם, און פֿון מתּנות, גאָלדענע זייגערס און קייטן, וואָס ער האָט געבראַכט די



"If that is the way you feel, then what does life mean to you? What is the good of it all?"

"What is the good of it all?" Aron repeated his brother's words to himself, and he really did not know what was the good of it all, since life meant nothing to him except existence on this earth. And life on this earth was a poor, ugly, stupid thing.... And yet—Aron went with his brother to Uncle Moses, so that he might beg for permission to continue this stupid life on earth.

ברידער און דער גאַנצער משפּחה. און האָט ער זיך נאָר שבת אין גאַס אַרויסגעוויזן אין אַ נײַעם געקעסטלטן אַנצוג, אַן אײבערראָק מיט אַ זײַדענעם אונטערשלאַק, און בײַ דער שיינער עליה, וואָס מען האָט אים געגעבן, האָט ער פֿאַרן פֿאָטער געלאָזט מאַכן אַ מי שברך און געשאָנקען אַ גאַנצן רובל, האָט דאָס אַרויסגערופֿן אַזאַ רושם, אַז דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך געטראָגן אין וואָלקנס פֿאַנטאַזיע פֿון דער לעגענדע פֿון „אַמעריקאַנערס" רײַכטום. יוספּשי קאַשע־מאַכער, וועלכער איז געווען אין שטעטל נישט קיין זייער אַנגעזעענער באַלעבאָס, אַ ייִד וואָס האָט אַ גאַנצע נאַכט געמאָלן קאַשע אין אַ קליין געוועלבל און שטענדיק אַרומגעגאַנגען בײַ טאָג אַ פֿאַרשלאָפֿענער, איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַזאַ אָנגעזעענער באַלעבאָס, ווי ער וואָלט דאָס גרויסע געווינס געווונען. און אַ גאַנצן שבת האָט מען געהאַלטן אין איין טראָגן קוגל און טשאָלנט פֿון שיינע אָרנטלעכע באַלעבאַטימס טישן צו יוסף קאַשע־מאַכערס שטוב, מכבד צו זײַן דעם גרויסן גאַסט, דעם „אַמעריקאַנער".

גערעדט האָט מען, אַז דער אַמעריקאַנער איז אַראָפּגעקומען אין שטעטל אַרײַן גרויסע געשעפֿטן מאַכן, אַז באַלד נאָך שבת שטעלט ער זיך מאַכן אַ גרויסע קאַשעמיל. און ער האָט שוין אָפּגעקויפֿט בײַם שררה פֿון שטעטל די פֿעלדער הינטער דער שטאָט. ייִדן האָבן זיך געמאַכט חשבונות, אַז זיי וועלן גליקלעך ווערן דורך אים. און נאָך שבת זײַנען אַרײַנגעקומען צו יוספּשי קאַשע־מאַכער פֿאַרשיידענע באַלעבאַטים, ייִדן מעקלערס און ייִדן סוחרים, און האָבן אָנגעהויבן אָנצושלאָגן פֿאַרשיידענע געשעפֿטן. איינער — אָקסן, דער צווייטער — וואָל און אַ דריטער — אַ הלוואה דעם שררה פֿון שטאָט אויף גוטע פּראָצענטער. אַנדערע זײַנען ווײַטער און טיפֿער געגאַנגען און אָנגעהויבן זיך אײדל צו אינטערעסירן מיט האָרץ־אַנגעלעגנהייטן. וואָרעם געהערט האָט מען, אַז דער אַמעריקאַנער איז נאָך אַ בחור. דער אַמעריקאַנער האָט אַלץ אויסגעהערט זייער ערנסט, מיט אַלץ זיך אינטערעסירט, אויף אַלץ זיך נאָכגעפֿרעגט און די אײנצלהייטן פֿון אַלץ געוואָלט וויסן, און האָט אַלעמען האָפֿענונגען געגעבן, און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָט שוין־שוין גייט ער טאָן דאָס געשעפֿט. נאָר קיין געשעפֿטן אין שטעטל האָט ער נישט געטאָן.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, אַז דער אַמעריקאַנער האָט זיך אַרומגעדרייט אין שטעטל פּוסט־און־פּאַס, געווינט אַלץ בײַם פֿאָטער דעם קאַשע־מאַכער, קיין מילן האָט ער נישט אויפֿגעמויערט און קיין געשעפֿטן האָט ער נישט געמאַכט און קיין גראָשן האָט מען בײַ אים נישט פֿאַרדינט — האָט ער זײַן גאַנצן רייץ פֿאַרלוירן. קיינער האָט זיך שוין מיט אים נישט אינטערעסירט. די אַמעריקאַנער געקעסטלטע הויזן האָבן קיין באַוווּנדערונג מער נישט אַרויסגערופֿן, אַפֿילו זײַנע גאָלדענע רינגען מיט די גאָלדענע מתנות. יוסף קאַשע־מאַכער איז געוואָרן אויס מחותן. מען האָט ווײַטער געהערט אַ גאַנצע נאַכט די שטיינמילן אַרויסווײַנען פֿון געוועלבל אַרויס און בײַ טאָג געזען אַ שלעפֿעריקן פֿאַרמעלטן ייִדן. יעדער האָט געהאַט צו טאָן מיט זײַנע אייגענע געשעפֿטן. אין אַמעריקאַנער האָט מען מער נישט געדענקט.

נאָר ווען קיינער האָט זיך שוין מער נישט אינטערעסירט מיט דעם „אַמעריקאַנער", האָט זיך דער אַמעריקאַנער אָנגעהויבן צו פֿאַראינטערעסירן מיט די אײַנוווינערס פֿון שטעטל. אויסגעפֿרעגט יעדן באַקאַנטן פֿון וואָס ער מאַכט אַ לעבן, וויפֿל ער פֿאַרדינט אַ וואָך, און וויפֿל ער באַדאַרף אַ וואָך. אַרײַנגעקומען אין פֿרעמדע שטובן און געזען ווי מען וווינט און ווי מען לעבט, וואָס מען עסט און אויף וואָס מען שלאָפֿט, און מען האָט אים געפֿרעגט, צו וואָס באַדאַרף ער דאָס וויסן, אויב ער וויל געבן פּרנסה. האָט ער געשמייכלט:

— אַ מענטש דאַרף אַלצדינג וויסן. עס איז גוט צו וויסן.

אין אַ געוויסער צײַט אַרום איז דער אַמעריקאַנער פֿאַרשוווּנדן פֿון שטעטל, מיטגענומען אַ ייִנגערן ברודער מיט זיך, איבערגעלאָזט דעם פֿאָטער, זאָגט מען, אַ פּאָר הונדערט רובל דאָס מילעכל צו פֿאַרגרעסערן. און אַזוי ווי ער איז געקומען פֿון דער „אַמעריקאַ",



אַזוי איז ער פֿאַרשוווּנדן. צו ערשט האָט מען עס אַפֿילו נישט באַמערקט. נאָר דערנאָך, ווען מען איז געווויר געוואָרן, אַז דער „אַמעריקאַנער" איז אַוועק, האָט מען גערעדט אין שטעטל, אַז עס האָט גאָר אַנדערש נישט געקענט זײַן. ווײַל דאָס „אַמעריקאַ" איז אַ כּישוף, וואָס לאָזט נישט רוען. און דער וואָס האָט נאָר די שוועל איבער אַמעריקע איבערגעטראָטן, וועט שוין ניט קענען אײַנזיצן אויף אַנדערער ערד, מעג עס זײַן אייגענע געבוירענע, ווײַל עס ציט אים צוריק, אַזוי ווי דעם גנבֿ צו דער תּליה....

נאָר נאָך דעם „אַמעריקאַנער“ האָט זיך דאָס שטעטל אָנגעהויבן צו לאָזן קיין אַמעריקע. קיינער האָט אין אָנפֿאַנג נישט באַמערקט, ווי דאָס שטעטל ווערט ביסלעכווײַז, ביסלעכווײַז שיטערער און שיטערער. די אַלטע גייען אויפֿן בית־עולם און די יונגע ווערן פֿאַרשוווּנדן אין „אַמעריקאַ“... צו ערשט האָט דער אַמעריקאַנער איבערגענומען זײַנע אייגענע: די ברידער. דערנאָך — די משפּחה, די ברידערס קינדער, די פֿעטערס, די אײדעמס און די זין פֿון די פֿעטערס. דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן צו ווענדן צו אים קינדער פֿון מחותּן, באַקאַנטע און גלאַט אַזוי „לאַנדסלײַט“ נאָך שיפֿקאַרטעס. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו יחסנען צום „אַמעריקאַנער“ גלאַט פֿרעמדע ייִדן. געזוכט אַבי נאָר אויסצוגעפֿינען אַ שטיקל מחותּנשאַפֿט און דערוויזן עס אין בריוו און געבעטן אַ שיפֿקאַרטע. דער אַמעריקאַנער זאָגט נישט אָפּ. און דאָס שטעטל ווערט אײַנציקווײַז אויסגערונען. די „שטעט“ אין דער קאַלטער שול ווערן שיטערער, גאַנצע משפּחות ווערן פֿאַרשוווּנדן. שבת נאָכן דאַווענען, בײַם דײַנס חומש־לערנען, ווערט דער עולם וואָס אַ מאָל ווינציקער. אין שטעטל זעט מען מער ווײַבער ווי מענער, מער עלטערן ווי קינדער, מער קליינע און אַלטע ווי דערוואַקסענע. אַלע זײַנען זיי גאָך נאָכן „אַמעריקאַנער“. אַפֿילו דער אַלטער קאַשע־מאַכער האָט אויף דער עלטער פֿאַרשלאָסן זײַן בודקעלע — און דאָס ווייגען פֿון די מילשטיינער האָט אויפֿגעהערט בײַ נאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק — און איז אַראָפּגעפֿאָרן נאָך דער „אַמעריקאַ“ צו זען זיך מיט זײַנע קינדער אײדער



ער שטאַרבט. אַזוי פֿאָרן זיי נאָך דעם „אַמעריקאַנער“, ווי ער וואָלט זיי מיט אַ כּישוף אַהין געצויגן, ביזן הײַנטיקן טאָג...

אין „אַמעריקאַ“ האָבן זיך די אײַנוווינערס פֿון שטעטל צוריק געפֿונען. אויף דער בויערי איז געשטאַנען אַ דרײַשטאָקיק הויז, פֿאַרשטויבט און שמוציק, וואָס די עלעווייטערס האָבן אָנגעטראָגן דערויף דעם שטויב פֿון די גאַסן. אין די אייבערשטע שטאָקן איז געזעסן דאָס גאַנצע שטעטל קוזמין... און האָט גענייט מלבושים בײַם אַמעריקאַנער. און ווער איז אויף דער בויערי נישט געזעסן? די למדנים פֿון שטעטל, די יחסנים, צוזאַמען מיט בעלי־מלאכות און גלאַט גראָבע־יונגען פֿון דער היים — אַלע זײַנען זיי געזעסן אויפֿן הויכן גאָרן אין דער בויערי און האָבן גענייט און גענייט. און די וועלכע זײַנען דאָרט אַרײַנגעפֿאַלן — זײַנען געבליבן אויפֿן לעבן לאַנג. זיי האָבן מער נישט געוווּסט ווי נאָר איין וועג: אין דער פֿרי צו דער בויערי [51], אין אָוונט פֿון דער בויערי — אַהיים. און בײַם אַרײַנגאַנג פֿון דעם הויז אויף דער בויערי איז געשטאַנען אַ קליין פֿאַרשטויבט שילדל, וואָס האָט געטראָגן דעם אַמעריקאַנערס נאָמען: מאָזעס מעלניק.

## 6 דער „אַמעריקאַנער“ אין אַמעריקע

אין געוועלב פֿון קליידער איז געשטאַנען דער „אַמעריקאַנער“, דער אַנקל מאָזעס, אָן אַ ראָק, און האָט מיט אַ גרויסער שנײַדער־שער זיך אָפּגעשוירן די נעגל פֿון די פֿינגער. איבער דער גאַנצער לענג פֿון געוועלב זײַנען געשטאַנען לאַנגע, ברייטע טישן, אויף וועלכע עס איז געווען אָנגעלייגט ביז אין האַלבן באַלקן אַרײַן קופּעס מיט קליידער פֿון אַלערליי סאָרטן: רעק, מאַרינאַרקעס, הויזן און וועסטן.

בײַ די טישן האָבן זיך אַרומגעדרייט שטאַרקע יונגען, ברייטביניקע, מיט שטײַפֿע, אַרויסגעשטעלטע ברוסטן און האָבן געשוויגן פֿאַר אימה פֿאַרן „אַנקל“. נאָר פֿון צײַט צו צײַט האָט איינער געווונקען דעם צווייטן מיט די אויגן. עס איז נאָך געווען זייער פֿרי אין מאָרגן, און די שנײַדער־אַרבעטערס זײַנען ערשט אַרײַנגעקומען צו דער אַרבעט.

— קוזמין קריכט... לוק, לוק [52], ווי קוזמין קריכט... — האָט דער אַנקל מאָזעס געוויזן מיט דער גרויסער שער אויף די אַרײַנגעקומענע ייִדן, אַ טייל מיט בערד, אַ טייל אָן בערד, אַ טייל אַלטע, שוין אײַנגעהויקערטע, אַ טייל יונגע מיטליעריקע, וועלכע זײַנען מיט אַ געוויסער פֿוילקייט אַרײַנגעקומען אין געוועלב אַרײַן און אַרויסגעלאָזט זיך אויף די טרעפּ אויף די אייבערשטע שטאָקן, וווּ עס זײַנען געווען די געוועלב־שטולן.

— לוק, לוק, ווי קוזמין קריכט... היי, דו, גרינער נאָטע! ווי האָט מען אים גערופֿן אין דער היים? נאָטע פּוטערמילך... — האָט ער אָפּגעשטעלט איינעם פֿון די אַרבעטערס, אַ מיטליעריקן ייִד, וועמעס אויגן זײַנען נאָך געווען האַלב פֿאַרוועבט אין שלאָף און די פּיאות נאָך נאַס פֿון וואַשן, און איז געגאַנגען פֿוילנדיק זיך.

— וואָס קריכסטו? וואָס מיינסטו, דאָ איז קוזמין? אין קוזמין איז מען געקראָכן, אין אַמעריקע לויפֿט מען. האַררי־אַפּ [53], פֿאַרשטאַנטעז? — הייב די פֿיס, דו, אוגערקע!

[51] נ״י אַרעמע געגנט.

CHAPTER V

*Uncle Moses*

UNCLE MOSES stood in his clothing store, cutting his fingernails with a large tailoring shears. He was in his shirt sleeves. Down the entire length of the room there were long broad tables, heaped high with all kinds of clothing: coats, shirts, trousers, waistcoats.

Young men dashed up and down between the tables—broad-shouldered, well-groomed men; they were working busily. They worked quietly too, afraid of "Uncle." Occasionally they signaled to one another with their eyes, that was all. It was early in the morning, the tailors were just arriving.

"Kusmin comes creeping in; look how Kusmin comes creeping in." Uncle Moses pointed his big shears at the Jews who were entering. Some of them were still wearing beards, others had shaved theirs off; many of them were old and stooped, others were quite young, and some were middle-aged; all of them came in rather lazily, and sauntered up to the top floor where the workrooms were located.

"Just see, see how Kusmin comes creeping in—hey, you green Nathan! Now what was his name back home? Nathan Buttermilk." Thus did Uncle Moses greet one of the workers, a middle-aged man whose eyes still showed signs of sleep and whose temple locks were still moist from washing; he loitered along slowly.

"Why do you creep along like that? We're not in Kusmin!

— אַנקל מאָזעס איז נישטאָ. וואָס ווילסטו פֿון אַנקל מאָזעס?

— איך ווייס שוין וואָס איך וויל -- איז דאָס מיידל ווײַטער געגאַנגען און געפֿרעגט אַן אַנדערן יונג.

— איך וויל זען דעם אַנקל מאָזעס.

דער אַנקל מאָזעס, וועלכער איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט דער גרויסער שנײַדער־שער אין דער האַנט (פֿון וועלכער ער האָט זיך נישט געקענט אָפּגעווינען זײַן גאַנץ לעבן) אין פֿראָנט פֿון זײַן געשעפֿט, בײַ דער טיר פֿון זײַן פּריוואַטן אָפֿיס [60] און בײַם אַרויפֿגאַנג פֿון די טרעפּ, וועלכע האָבן געפֿירט צו די אייבערשטע שטאָקן פֿון די געוועריק־שטעלן, האָט דערהערט ווי דאָס מיידל פֿרעגט זיך אויף אים. האָט ער געפֿרעגט פֿון דער ווײַטנס, נישט אויפֿהייבנדיק די אויגן:

— וואַט איז דהי מעטער [61]?

אין דעם טאָן האָט דאָס מיידל דערקענט, אַז דאָס איז דער אַנקל מאָזעס. זי איז פֿלינק צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט אין אַ בעטנדיקן, קינדישן טאָן:

— פּליעז, אַנקל מאָזעס, בי גוד טו מײַ פֿאַטהער [62]. דו קענסט אים העלפֿן. פּליעז, העלף אים.

— וועמעס איז דאָס? — האָט דער אַנקל געפֿרעגט די מענטשן זײַנע.

די יונגע האָבן געצויגן מיט די אַקסלען, ווי זיי וואָלטן געווען באַנוצט באַוועגונג אַנשטאָט ווערטער.

— וואַט איז יור נעים [63]? — וועמעס ביסטו?

— מײַ נעים [64] איז מאַשאַ. איך בין אַהרן מעלניקס טאָכטער. דו ביסט זײַן אַנקל. אײַ נאָו [65], דו ביסט אַנקל מאָזעס! — דער פּאָ האָט דאָס געזאָגט.

[60] ביוראָ. — [61] וואָס פּאַסירט? — [62] זײַ גוט צו מײַן פֿאָטער. — [63] וואָס איז אײַער נאָמען? — [64] מײַן נאָמען. — [65] כ'ווייס.

— דו ביסט דעמס, אַז איך ווייס שוין... אײַ נאָו... וואָס ווילסטו?

— איך וויל, אַז דו זאָלסט אויסבאָרגן פּאָ הונדערט דאָלאַר. פּאָ וויל גיין אין ביזנעס. ער האָט נישט קיין געלט. דו האָסט יאָ. פּליעז, באָרג אים הונדערט דאָלאַר. פּליעז, אַנקל.

דער אַנקל מאָזעס האָט אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן דעם מיידל, נאָר אַז ער האָט דערזען די נאָסע צוויי שוואַרצע צעפּ און דאָס ווײַסע שירצל, איז אים דאָס מיידל געפֿעלן. ער האָט צוריק אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געזאָגט:

— גאָ האָם, קיד, גאָ [66] צו מאַמאַ. איך וועל זען, וואָס איך קען טאָן.

— וועסטו באָרגן פּאָ הונדערט דאָלאַר, אַז ער זאָל גיין אין ביזנעס, אַנקל? יעס?

— אָל רײַט, גאָ האָם [67]. איך וועל שוין זען וואָס איך קען טאָן.

דאָס מיידל איז נאָך געשטאַנען פֿאַרן אַנקל, און אין דער טיר האָבן זיך באַוויזן איר פֿאָטער אַהרן מיט דעם עלטסטן ברודער זײַנעם, בערל. די ייִדן זײַנען אַרײַנגעגאַנגען מיט מורא און געשלעפּט זיך מיט שרעק צום אַנקל.

— אָט איז פּאָ! — האָט מאַשאַ אויסגערופֿן, דערזעענדיק דעם פֿאָטער — ווייסט פּאָ, אַנקל מאָזעס האָט געזאָגט, ער וועט דיר באָרגן געלט צו גיין אין ביזנעס.

— וואָס טוסטו דאָ? אַהיים גיי, גיי אַהיים! — האָט זיך אַהרן פֿאַרשעמט פֿאַר די מענטשן איבער דעם, וואָס זײַן קינד איז אַרײַנגעקומען בעטן פֿאַר אים.

מאַשאַ האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ ווינקל.

— וואַט איז דהי מעטער [68]? — האָט דער אַנקל צוגעשריִען נאָך פֿון דער ווײַטנס, ווען ער האָט דערזען די ייִדן אַרײַנקומען. און דער „וואַט איז דהי מעטער" האָט די ייִדן אָפּגעשטעלט.

[66] גיי אַהיים, קינד (ציגעלע). — [67] אין אָרדענונג, גיי אַהיים. — [68] וואָס איז?

סעם, אַ שטאַרקער יונג פֿון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, איז צוגעלאָפֿן צו די ייִדן, זיי אָפּגעשטעלט און עפּעס גערעדט מיט זיי.

סעם איז געווען דעם אַנקל מאָזעס' ליבלינג. ער איז געווען זײַן שוועסטערס קינד, וואָס ער האָט אַראָפּגעבראַכט קיין אַמעריקע, און גענומען אים צו זיך אין געשעפֿט אַרײַן. סעם איז געווען דעם אַנקל זייער געטרײַ און אָפּגעהיט דעם אַנקלס אינטערעסן. דער אַנקל האָט געוווּסט דערפֿון און ער האָט געהאַט צו דעם יונג מער צוטרוי ווי צו אַלע אַנדערע. ער האָט אים געמאַכט פֿאַר דעם געלטנעמער.

קיינער האָט נישט געטאָרט נעמען קיין געלט, ווען ער האָט עפּעס פֿאַרקויפֿט, נאָר סעם. סעמען האָט דער אַנקל ליב געהאַט, ווײַל ער איז געווען ענלעך צו אים, ווען דער אַנקל אַליין איז נאָך געווען אַ קצבֿ־יונג אין דער היים. סעם האָט געקענט בײַם אַנקל אַלץ אויספֿירן, און אַלע לאַנדסלײַט, וואָס האָבן באַדאַרפֿט עפּעס צום אַנקל, האָבן זיך צו ערשט געווענדט צו סעמען, אַז ער זאָל זײַן זייער מליץ־יושר.

— סעם, בעט פֿאַר אים. וועסט טאָן אַ מצווה. סעם, טו אַ טובֿה אַהרנען. טו אַ טובֿה... — האָט בערל געבעטן בײַ סעמען פֿאַר זײַן ברודער.



heard the girl's question. So then he called out from where he was, without ever lifting his eyes from his nails: "What is the matter?"

The girl recognized Uncle Moses by the tone of his voice; she walked toward him quickly and said in a childlike, pleading voice:

"Please, Uncle Moses, be good to my father. You can help him. Please help him."

"To whom does she belong?" Uncle Moses asked of the men.

The young men shrugged their shoulders to indicate that they did not know.

"What is your name? To whom do you belong?"

"My name is Mascha. I am Aron Melnik's daughter. You are his Uncle. I know, you are Uncle Moses—papa said so."

"Oh, you belong to him! I know, I know—what do you want?"

"I want you to lend papa one hundred dollars. Papa wants to start up in business. He hasn't any money. You have plenty of money. Please lend him one hundred dollars. Please, Uncle."

Uncle Moses raised his eyes. He wanted to say something to the girl. But when he saw her two shining black braids and her clean white apron, he lowered his eyes again.

"Go home, kid, go home to your mother. I'll see what I can do."

"Will you lend papa one hundred dollars to start up in business, Uncle? Will you?"

"All right, go home. I'll see what I can do."

Mascha was still standing in front of her uncle when the door opened, and Aron came in with Berl. Both of them pushed their way in hesitantly and then approached Uncle Moses timidly.

"There is papa!" called Mascha as she saw her father. "Do you





know, father, Uncle Moses says he will lend you the money to start up in business?"

"What are you doing here? Go home! Go home, go on!" Aron was ashamed to have these people see that his child had come to plead for him.

Mascha withdrew into a corner.

"What is the matter?" Uncle shouted at the two brothers from afar as soon as he saw them enter. This "What is the matter?" brought the two brothers to a halt.

Sam, a strong young man in his twenties, ran up to the two brothers and whispered to them.

Sam was Uncle Moses' favorite. He was the son of Uncle's sister, and Uncle had brought him to America and had taken him into the business. Sam was devoted to his uncle and guarded his interests everywhere and all the time. His uncle, recognizing this fact, placed more confidence in the young man than in anyone else. He made him his cashier. No one except Sam was allowed to receive money for anything he sold. Uncle Moses loved Sam because Sam looked like him. That was the way Uncle Moses had looked when he had been a butcher's apprentice back in his native Poland. Sam could do anything he liked with Uncle, and all the Kusmin Jews who wanted Uncle to do anything for them saw Sam first, and asked him to intercede for them.

"Sam, put in a good word for him. You will be doing a good deed. Sam, do Aron the favor, do him this favor, be a good fellow!" Berl pleaded with Sam for his brother.

Sam went over to his uncle and said: "Uncle, Aron Melnik from Kusmin has come back to work—shall we put him on again?"

"Nothing doing!" Uncle turned his attention to his shears again, which was always a sign that "that was that." "He can

סעם איז צוגעגאַנגען צום אַנקל און געזאָגט:

— אַנקל, אהרן מעלניק פֿון קוזמין איז צוריקגעקומען צו דער אַרבעט — אים צוריקנעמען?

— נאָטהינג דוּינג[69]! — האָט דער אַנקל זיך אָנגעהויבן באַשעפֿטיקן מיט דער שער, וואָס דאָס איז געווען אַ צייכן, אַז „אַלע טירן זײַנען צוגעשלאָסן" — זאָל ער גיין מיטן ברודער קיין ברוקלין שוירטס נייען מיט איטאַליענישע שיקסעס — איך באַדאַרף אים נישט מער. פֿאַר מיר איז ער שוין צו אַלט.

סעם האָט געוויזן צום ברודער בערל מיט דער האַנט און פֿאַרצויגן די ליפּן. עס הייסט, אַז ער קען גאָר נישט מאַכן.

---

[69] גאָר נישט צו טאָן! געענדיקט! אויס!

— אַנקל, האָט רחמנות אויפֿן... — האָט דער עלטערער ברודער בערל געוואָגט צוצוטרעטן אַ טריט נענטער פֿאַרן אַנקל — ער האָט דאָך אַ ווײַב מיט קינדער. זאָל דער אַנקל רחמנות האָבן אויף זײַן ווײַב מיט קינדער. דער אַנקל וועט זיך אַ גרויסע מצווה פֿאַרדינען. אַ גרויסע מצווה.

— איך טו נישט קיין מצוות. איך האָב שוין גענוג געטאָן מצוות, אַז מען זאָל מיך דערנאָך שעלטן דערפֿאַר, זידלען דערפֿאַר. וואָס האָט ער געזאָגט אויף מיר? זאָג, סעם, וואָס ער האָט אויף מיר געזאָגט, ווען ער איז אַראָפּגעלאָפֿן פֿון דער הייך?

— האָט דער אַנקל אַ זאָרג, וואָס ער האָט געזאָגט, ווער עס האָט געזאָגט... שנאָרערס! אַז ווען נישט דער אַנקל, וואָלטן זיי דאָך אַלע געווען געפֿוילט אין קוזמין. דער אַנקל האָט אים אַראָפּגענומען, אים מיט די בעבעכעס, געשיקט געלט, שיפֿקאַרטעס נאָך זיי, און ער וואָגט דעם אַנקל אָקעגנצורעדן. אַ, זײַן גליק איז, וואָס איך בין נישט געווען אין סטאָר. איך וואָלט אים געוויזן דעם אַנקל אָקעגנצורײדן! — האָט זיך סעם פּלוצעם צעקאָכט פֿאַרן אַנקל.

— מילא, מען זאָגט, האָט ער געזאָגט. ער ווייסט דען, מישטיינס געזאָגט, וואָס ער רעדט? עס איז אים שלעכט, רעדט ער... גאָט איז דאָך אויך מוחל... ער האָט גערעדט נאַרישקייטן. זאָל אים דער אַנקל...

— נאַרישקייטן? בײַ מיר רעדט מען נישט קיין נאַרישקייטן! בײַ מיר רעדט מען גאָר נישט. בײַ מיר שווײַגט מען. געהערט? מען שווײַגט! — האָט דער אַנקל אויפֿגעהויבן די ברעמען — ווי האָט מען אים גערופֿן אין דער היים, סעם?

— אַהרן גאַרגל.

— גאַרגל האָט מען אים גערופֿן — האָט דער אַנקל זיך הויך פֿונאַנדערגעלאַכט — גאַרגל, גאַרגל איז גוט. נאָר דאָ, אין אַמעריקע, גאַרגלט מען נישט. אין קוזמין גאַרגלט מען, נישט דאָ, אין אַמעריקע.

אַהרן איז געשטאַנען די גאַנצע צײַט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אײַנגעגראָבן דעם בליק אין דר'ערד. ער האָט געלאָזן פֿאַלן איבער זײַן קאָפּ אַלע שפּאָטערײַען, וואָס מען האָט געזאָגט איבער אים, און געשוויגן. ער האָט געוואָלט וואָס שנעלער צוריק אַרויפֿקומען אין דער הייך אַרויף, צו דער מאַשין, און ווידער זײַן אײַנגעשפּאַנט אין דעם לעבן.

— זאָל דער אַנקל רחמנות האָבן, ווען נישט אויף אים, איז אויף זײַן ווײַב און קינדער. וואָס זײַנען זיי שולדיק, אַז ער רעדט נאַרישקייטן? ער וועט שוין נישט ריידן. ער וועט עס שוין געדענקען אויפֿן גאַנצן לעבן...

— נאָטהינג דוּינג.

מאַשאַ איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און צוגעזען און צוגעהערט ווי מען שפּאָט און באַליידיקט איר פֿאָטער. אירע בעקלעך האָבן געברענט און אירע הענטלעך האָבן געציטערט. צו ערשט איז עס איר געווען אַ ווונדער, וואָס דער פּאַ לאָזט זיך אַזוי, וואָס דער פּאַ שווײַגט. דערנאָך האָט עס איר אָנגעהויבן וויי צו טאָן. זי האָט געוואָלט וויינען, שרײַען. זי האָט זיך אײַנגעהאַלטן. אײַנגערעדט זיך: זיי זײַנען גרויסע, ווייסן זיי וואָס צו טאָן. נאָר ווען זי האָט געהערט, ווי מען רופֿט איר פֿאָטער גאַרגל, איז זי אויפֿגעשפּרונגען פֿון איר ווינקל, וווּ זי האָט זיך באַהאַלטן די גאַנצע צײַט, און צוגעגאַנגען צום פֿאָטער און אָנגעהאַלטן זיך בײַ דער האַנט, און גרויסע טראָפּנס טרערן האָבן אַרויסגעשפּראָצט אויף די הערעלעך פֿון אירע אייגעלעך:

— קום פּאַ, אַהיים. זײַ נישט דאָ, פּאַ. זיי זײַנען שלעכטע מענטשן... זאָרג זיך נישט פּאַ. מיר וועלן שוין לעבן. מיר וועלן זיך שוין אַן עצה געבן... נעם נישט קיין געלט פֿון אים — זי ווײַזט אָן אויפֿן אַנקל מאָזעס — דו ביסט אַ שלעכטער מענטש! — זאָגט זי צום אַנקל מאָזעס — אַ ברוטאַל... אַ ביעסט... אַ דאָג[70]... דאָס ביסטו!

---



go to Brooklyn to sew aprons with his brother, can't he? With the Italian girls. I don't need him any more. He is too old for me."

"Uncle, do take pity on him." Berl pulled himself together and took another step toward Uncle. "He has a wife and children. Uncle certainly will take pity on his wife and children. Uncle will really be doing a kind turn. It will be an act of charity."

"I'm not interested in charity. I've had enough of that. All I get for it is curses and insults. What did he say to me? Just tell them, Sam, what he said to me, when he came down from the shop."

"Uncle certainly doesn't have to pay any attention to what was said or who said it. They're all good-for-nothing beggars. If it weren't for Uncle, they'd all have rotted in Kusmin. It was Uncle who brought him here, him and his worldly goods, Uncle who sent him money and his steamship ticket. Oh, and he dares to say anything against Uncle. It's a lucky thing I wasn't here at the time. I'd have shown him what it means to talk against Uncle." Sam, in a burst of verbosity, had suddenly worked himself up into a passionate championship of Uncle.

"Oh, well, one says a lot of things! He made some remark or other—well, all right. Does he know, for God's sake, what he is talking about? He has a streak of bad luck, then he begins to talk—God forgives him, doesn't he? He was talking nonsense. Certainly no one can . . ."

"Nonsense? There isn't to be any nonsense talked here; there isn't to be any talking at all here—silence, that's what we demand here. Do you understand? Silence!" Uncle raised his brows. "What was his name back home, do you remember, Sam?"

"Aron Gargle."





"Gargle we called him," Uncle laughed heartily. "Gargle, that's fine—but here in America we don't gargle; in Kusmin we gargle, but not here in America."

Aron stood there with bowed head during the entire conversation, his eyes fixed on the floor. Patiently he allowed them to make sport of him, and he kept silence. He had only one wish, and that was to get upstairs to the machines as quickly as possible, and to be back in the treadmill of his former life again.

"Uncle can take pity, can't he, if not on him, then on his wife and children? Is it their fault that he talks nonsense? He won't do any more talking, he'll remember this all his life. . . ."

"Nothing doing!"

Mascha was standing in a corner; she saw and heard how her father was being made sport of and insulted. Her cheeks burned hotly, and her hands trembled. At first she was surprised that her father allowed all this to happen without saying a word. But then it began to grieve her. She wanted to cry, to scream. She restrained herself with difficulty. Then she said to herself: These are important people, they know what they are doing. But when she heard that her father was being called Gargle, she hurried out of the corner where she had been hiding, walked up to her father, and took hold of his hand. Big tears stood in her eyes.

"Come home, papa. Don't stay here, papa. These are bad people. Don't worry, papa. We'll find some way to get along. We'll figure out something. Don't take any money from him." She pointed at Uncle Moses. "You are a wicked man," she screamed at Uncle Moses, "a brute, a beast, a dog—that's what you are!"

"Mascha, in heaven's name, what are you doing? Ask Uncle

-21-



— מאַשאַ, געדענק אין גאָט, וואָס טוסטו? דעם אַנקל בעט־איבערן וואָס האָסטו געזאָגט?

— איך וויל נישט איבערבעטן דעם אַנקל. קום, פּאַ, אַהיים, קום, פּאַ. איך וויל נישט, דו זאָלסט דאָ זײַן.

— שאַט אַפּ, טייק האָר אַוועי [71]! — האָט סעם געשריִען צו אַהרנען און צו בערלען, און אָפּגעשטופּט זיי פֿון אַנקל.

דער אַנקל מאָזעס האָט אויפֿגעהויבן זײַנע ברעמען. עס האָבן זיך אַרויסגעוויזן זײַנע פֿײַכטע בלוילעכע אויגן. ער האָט אַוועקגע־לייגט די שער פֿון דער האַנט, פֿאַרלייגט די הענט זיך אויפֿן בויך און אָנגעקוקט דאָס מיידל, וואָס האָט געהאַלטן דעם פֿאָטער בײַ דער האַנט און אים אַוועקגעשלעפּט. ער האָט אײַנגעביסן זײַנע אָפּגעגאָל־טע ליפּן און געזאָגט ווי צו זיך:

— אײַ לײַק דהיס קיד [72].

אַז סעם האָט דערהערט דעם אַנקלס שטימע, האָט ער אָפּגעלאָזט דאָס מיידל. אַ מינוט האָט דער אַנקל געקוקט אויף דעם מיידל, און מאַשאַ האָט אים אָנגעקוקט. דער אַנקל האָט זיך באַמיט איר צו קוקן גלײַך אין די אויגן אַרײַן. דער אַנקל איז ערנסט געוואָרן, פֿאַרביסן די ליפּן און געזאָגט צו מאַשאַן:

— איך וואָלט זיך געווונטשן, אַז דו זאָלסט זײַן מײַן טאָכטער.

מאַשאַ האָט אים געקוקט אין פּנים אַרײַן. אויף די הערלעך פֿון אירע הײַטלעך זײַנען ווידער טראָפּנס טרערן געהאַנגען. און זי האָט אים אָפּגעענטפֿערט:

— אַי העיט יו [73]!

דער אַנקל האָט געשמייכלט. זײַנע גרויסע פֿלײשיקע ליפּן האָבן זיך אויפֿגעעפֿנט און ער האָט געוויזן זײַנע געזונטע ווײַסע ציין, אָנ־גענומען דאָס גאָלדענע קייטל פֿון זײַן זייגער, מיט דעם געבאַמבלט און אויסגערופֿן:

— סעם!

[71] שווײַגט, נעמט איר אַוועק! — [72] דאָס קינד געפֿעלט מיר. — [73] איך האָס אײַך.



— יעס, אַנקל! — איז דער יונג צוגעלאָפֿן.

— ווי האָט מען אים גערופֿן אין דער היים? — האָט ער אָנגע־וויזן אויף אַהרנען.

— גאַרגל.

— נעם דעם גאַרגל אַרויף אין דער הייך און גיב אים אַרבעט. וועסט אים געבן פֿינף דאָלאַר מער אַ וואָך ווידזשעס [74], פֿאַר דער גוירל [75] (אָנווײַזנדיק אויף מאַשאַן).

דער פֿעטער בערל, אַהרן, סעם און אַלע מענטשן אין געוועלב האָבן אויפֿגעעפֿנט זייערע אויגן און מײַלער, און אָנגעקוקט דעם אַנקל, אויב ער מיינט עס ערנסט.

— זעסט, זעסט, דאַנק דעם אַנקל, גיב אַ קוש אין דער האַנט! — האָט דער פֿעטער געשריִען אויף מאַשאַן.

מאַשאַ האָט געקוקט אויפֿן פֿאָטער, וואָס וועט פּאַ טאָן. זי האָט געזען, ווי פּאַ איז מיט פֿרייד אַרויפֿגעשפּרונגען די טרעפּ צו די װערקשטעל נאָך סעמען, און דער אַנקל האָט אים נאָכגעשריִען:

— גיי, גאַרגל, גיי.

פּאַ האָט גאָר נישט אָפּגעענטפֿערט, נאָר צוגעשמייכלט.

דאָס מיידל איז פֿלינק אַרויסגעלאָפֿן פֿון געוועלב און די טרערן האָבן זיך ווי ליכטיקע רונדיקע פּערל געקײַקלט איבער אירע צע־גליטע בעקלעך.



"I won't ask Uncle to forgive me. Come home, papa, come; I don't want you to stay here."

"See to it that you get out of here," shouted Sam and pushed Aron, Berl, and Mascha toward the door.

Uncle Moses raised his eyebrows. His moist, pale-blue eyes were opened wide in amazement; he put down his shears, folded his hands across his abdomen, and stared at the girl who held her father's hand tightly and was pulling him away. He bit at his upper lip, and said, half to himself:

"I like the kid."

When Sam heard his uncle's voice, he loosened his hold on the two men and the girl. For a full minute Uncle Moses stared at the girl, and Mascha stared back at him. Uncle's glances wavered uncertainly in embarrassment. He turned serious, bit his lips again, and spoke to Mascha:

"I wish you were my daughter."

Mascha looked him full in the face. The tears still trembled in her eyes, and she answered:

"I hate you!"

Uncle laughed. His big full lips opened and revealed his strong white teeth; he played with his gold watch chain, and then called, after a few moments:

"Sam!"

"Yes, Uncle." Sam rushed up.

"What was his name back home?" Uncle Moses pointed at Aron.

"Gargle."

"Take Gargle upstairs and put him to work. He's to have a five-dollar raise from now on—for her." He pointed to Mascha.

Uncle Berl, Aron, Sam, and all the other employees stared at Uncle with their mouths wide open, wondering whether he really meant what he said.





"Now do you see, thank Uncle, kiss his hand," Berl shouted at Mascha.

Mascha turned to her father. What would father do now? She saw that he hurried up the stairs delighted, following Sam to the workroom. Uncle called after him:

"Go on, Gargle, go on."

Father didn't answer, he merely smiled happily.

Mascha ran away quickly; the tears ran down her flushed cheeks like bright round pearls.

-22-



אין דער לעצטער צײַט האָט אַנקל מאָזעס זייער פּיל געקלערט וועגן זיך, וועגן זײַן לעבן, זײַן פֿאַרגאַנגענהייט און זײַן צוקונפֿט. אַ זאַך צו וועלכער ער איז גאָר נישט געווינט געווען. און אויך

[74] לוין. — [75] מיידל.

איצט, נאָך מאַשאַס אַוועקגיין, האָט אַנקל מאָזעס זיך פֿאַרקלערט. דאָס קינד מאַשאַ האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק.

קיין קינדהייט האָט אַנקל מאָזעס נישט געהאַט. אַנקל מאָזעס איז אויפֿגעצויגן געוואָרן בײַם פֿאָטער, דעם קאַשע־מאַכער. דער פֿאָטער האָט געריבן קאַשע פֿאַר די פּויערים און זײַנע קינדער אַליין האָבן געהונגערט. פֿון קליינערהייט אָן האָט ער געמוזט אַרבעטן און פֿאַרדינען פֿאַר זיך: שלעפּן פּעקלעך פֿון מאַרק אַהיים נאָך אַ באַלע־באָסטע, לויפֿן אין שלאַכטהויז אַרײַן אַ הון שעכטן. און אין שלאַכט־הויז האָט ער זיך באַקענט מיט די קצבים־יונגען און שוין ניט אָפּ־געטראָטן פֿון זיי. געהאָלפֿן בהמות בינדן. אַ מאָל פֿון אַ געשאָכטן שעפּסל דאָס פֿעלכל אַראָפּגעצויגן. אַזוי האָט ער זיך פֿאַרדינט זײַן שטיקל ברויט, ביז ער איז אויסגעוואַקסן אַליין פֿאַר זיך. קיינעם האָט ער נישט געהאַט און האָט נישט באַלאַנגט צו קיינעם. אַז ער האָט באַדאַרפֿט זיך שטעלן צו סאָלדאַטן און מורא געהאַט, אַז מען זאָל אים ניט פֿאַרשיקן, איז ער אַנטלאָפֿן פֿון שטעטל, געגנבֿעט די גרענעץ און מיט אַן אָקסנשיף איז ער דעם וואַסער דורכגעפֿאָרן, אָן געלט, נאָר פֿאַר אַרבעט, וואָס ער האָט געהאָלפֿן די אָקסן פֿיטערן אויפֿן וועג. מיט אונטערגעשלאָגענע זײַטן, וואָס די מאַטראָסן האָבן אים געשלאָגן איבערן וועג, און מיט צוויי רובל רוסיש געלט, האָט ער דעם באָדן באַטראָטן — און הײַנט איז ער מאָזעס מעלניק, דער „מאַנופֿעקטשורער פֿון דער בויערי״־גאַס, פּרעזידענט פֿון דער „קאָנ־גרעגיישאָן אַנשי קוזמין״, באַשעפֿטיקט האַלב קוזמין בײַ דער אַר־בעט, די שענסטע ייִדן פֿון זײַן שטאָט זײַנען בײַ אים פּרעסערס, אָפּערייטאָרס און זיי. אַרבעטן פֿאַר אים און זיי חנפֿענען אים; אַ באַ־לעבאָס פֿון טענעמענט [76]־הײַזער, אין וועלכע די קוזמינער לאַנדסלײַט וווינען בײַ זייער לעבן. אַ פּאָר בעטלעך טראָגן זײַן נאָמען אין שפּי־טאָל „ביקור חולים״, אין וועלכע די קוזמינער ייִדן ליגן קראַנק, ווען זיי ווערן אַלט. און „מאָזעס מעלניק״ פֿינקלט זיך מיט גאָלדענע

[76] קאָלעקטיווע הײַזער (דעפּאַרטאַמענטן).

בוכשטאַבן איבער דעם טויער פֿון שער רחמים בײַם אַרײַנגאַנג פֿון דער סעמעטערי [77], אויף וועלכן די קוזמינער רוען נאָך זייער טויט.

אָבער וואָס האָט ער פֿון זײַן לעבן? טייל מאָל דאַכט זיך אים, אַז אויך ער, ווי זײַנע אַרבעטערס, איז ווי דער פֿאָדעם, וואָס איז אײַנגעפֿעדעמט אין דער נאָדל. די מאַשין לויפֿט און די נאָדל נייט, נייט, צי זי וויל יאָ, צי זי וויל נישט... אַלע אין אַמעריקע זײַנען אײַנגעפֿעדעמט אין דער נאָדל, און אויך ער. פֿון ערשטן טאָג אָן, צײַט ער האָט די ערשטע פֿלעשער ביר אָפּגעטראָגן פֿון דעם סאַלון [78], אין וועלכן ער האָט געפֿונען אַרבעט דעם ערשטן טאָג פֿון זײַן קומען, ביזן הײַנטיקן טאָג, שטעקט ער אין דער נאָדל, און ער האָט קיין איין מינוט צײַט נישט געהאַט זיך אָפּצושטעלן און איבערצוקלערן. די ענערגיע האָט אים געטריבן ווי אַ משוגענע מאַשין און האָט אים אויף איין מינוט נישט אָפּגעלאָזט. גאַנצע נעכט איז ער געלעגן אויף זײַן געלעגער און אויסגעאַרבעט פּלענער, בויענדיק זיך זײַן קאַריערע.

פֿאַרשיידענע זײַנען געווען די געלעגערס, אויף וועלכע ער איז געלעגן אין זײַן לעבן. אויף שמוציקע מאַטראַצן אין פֿינצטערע בייסמענטס [79], אויף בעסערע בעטן אין ליכטיקע שטובן — ער האָט אין אַלע בעטן פֿאַרבראַכט די נעכט נאָר מיט געדאַנקען וועגן ביז־נעס־פּלענער, מיט פּלענער ווי צו עפֿענען אַ לאָנטש־רום [80] אין אַ ווינקל גאַס, נישט ווײַט פֿון אַ פֿעקטאָרי [81], וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן אַ פּאָר יאָר אין דער ערשטער צײַט פֿון זײַן קומען, איידער ער האָט חתונה געהאַט. דערנאָך האָט ער איבערגעטוישט דעם לאָנטש־רום אויף אַ סטאָר [82] פֿון אויסגעבראַקירטע מענער־מלבושים, וואָס ער האָט אָפּגעקויפֿט פֿון גרויסע פֿאַבריקן און אַוועקגעשיקט אין דער סאַוט [83] צו פֿאַרקויפֿן. פֿון דער סטאָר איז אויסגעוואַקסן אַ שנײַדער־פֿעקטאָרי פֿון מענער־קליידער. שטענדיק איז דער קאָפּ געווען פֿאַר־

[77] בית־עולם. — [78] שענק. — [79] קעלערשטוב. — [80] רעסטאָראַנדל (אויף צובײַסן). — [81] פֿאַבריק. — [82] געשעפֿט. — [83] דרום (פֿאַר די אָרעמערע).

## CHAPTER VI

### *Uncle Moses' Life*

UNCLE MOSES had never known a real childhood. His father had been a miller, who ground grain for the peasants while his own children went hungry. Even as a child Moses had to work and to earn his own money. He carried baskets for the women as they returned from the market-place; he took their chickens to the slaughter-house for them. Having become acquainted with the butchers' apprentices he met at the slaughter-house, he was soon spending all his time there. He helped the men tie up the animals, and occasionally he was permitted to skin a sheep. In this way he managed to earn a meager living, but he grew up quite alone. He had no close friends, he belonged nowhere. When the time came for him to report for military duty he was afraid that they might keep him in the army; so he left the country one day, escaped across the frontier, and came over the ocean on a cattle boat, without a ticket; he worked his way over by feeding the cattle. With his shoulders still aching from the lashes which the sailors had heaped upon him during the trip, and with two rubles in his pocket, he arrived in America—and now he was Moses Melnik, owner of the largest men's-wear business in the Bowery, president of the "Ansche Kusmin Congregation." Half of Kusmin was working for him, the leading Jews in his home town were tailors or pressers in his establishment; they trembled in his presence and flattered him. Moses Melnik owned several houses which he rented out, and Kusmin families lived in these. In the





"Bikur Cholim" Hospital there were beds which bore his name, and these were occupied by Kusmin Jews who had grown old and were ill; the name Moses Melnik glittered in gold letters above the gate of the "Schaar Rachmin," at the entrance to the cemetery where the former residents of Kusmin found peace after death.

But what did Moses Melnik get out of life?

Sometimes it seemed to him that he, like his workers, was nothing more than a thread in the eye of a needle. The machine runs and the needle sews, whether it likes or not. Everyone in America is threaded into a needle—Moses Melnik included. From the very first day, when he had begun to work in a saloon, soon after his arrival in America, until right now, Moses Melnik had remained threaded in the needle, and never had a moment's time to think things through. His energy urged him on like a machine gone mad and never gave him any peace at all. He lay awake all night making plans to get ahead.

Moses Melnik had slept on many a bed during his life. On dirty straw pallets in dark inns, and on dry clean beds in bright rooms—but he always spent the night in making business plans: the plan to open a lunchroom not far from a factory, the first plan he was ever able to put through. And he managed the lunchroom himself during the first years of its existence, and up to the time he married. Then he traded it for a men's clothing business which sold cheap goods; he was a shrewd buyer, and he hired shrewd salesmen to sell his goods down south. Finally he established his own factory too. Moses Melnik's head was constantly filled with plans for the future. Later on he conceived the idea of building houses. This became a mania with him. Whenever he saw a vacant lot, he immediately wanted to put up a big apartment house. And he began to build at the very time when he had the least money, when he was

נומען מיט פלענער וועגן דער צוקונפט. דערנאָך זײַנען אויסגעוואַקסן די פלענער פון בויען הײַזער. דאָס בויען הײַזער איז געקומען אי־בער אים ווי אַ משוגעת. ווו ער האָט דערזען אַ לײדיק פלאַץ, האָט ער עס געוואָלט פאַרבויען מיט הויכע טענעמענט־הײַזער... ער האָט אָנגעהויבן צו בויען דווקא דענסטמאָל, ווען ער איז געווען צום ענג־סטן אין געלט, דווקא דענסטמאָל ווען ער האָט געהאַלטן פאַר אַ קריזיס, געשטאַנען פאַר אַ גרוב — דווקא דענסטמאָל האָט ער זיך גענומען אויסצופירן די גרעסטע אונטערנעמונגען. עס איז געווען בײַ אים ווי אַ שפּיל, ווי אַ וועט — ווי ער וואָלט געוואָלט אַליין מעסטן זײַנע אייגענע כּוחות.

נישט די באַדערפענישן האָבן אים געטריבן צו דעם אייביקן יאָגעניש נאָך געלט. אַנקל מאָזעס אַליין האָט געהאַט די קלענסטע באַדערפענישן. פאַר זיך האָט ער גאָר נישט געדאַרפט. עס איז אים נישט געווען קיין אונטערשייד אין וואָס פאַר אַ וווינונג ער וווינט, אין וואָס פאַר אַ בעט ער שלאָפט. עס האָט זיך אים זייער אָפט פאַר־בענקט נאָך איצט צו שלאָפן אין אַ בייסמענט, און ער האָט אייגנט־לעך גאָר קיין הנאה נישט געהאַט פון דעם ליכטיקן צימער מיט דעם ווייכן בעט און מיט דעם דעליקאַטן געשניצטן מעבל, אין וועלכן ער האָט מורא געהאַט זיך ריכטיק אַוועקצוזעצן... און נאָך הײַנט פלעגט ער אָפט, אין לאָנטש־צײַט, אַריבערגיין מיט זײַנע אַרבעטערס אינעם ביליקן לאָנטש־רום[84] און אַרײַנכאַפּן שטייענדיק, אין אײַלע־ניש, שטופנדיק זיך, אַ סענדוויטש, אַ פּאַטייטאָ, אַ קאַפּע קאַווע, און נישט געוואָלט גיין מיט די ביזנעס־לײַט עסן אין דעם ביזנעס־רעס־טאָראַן, נישט דערפאַר ווײַל ער איז געווען קאַרג, נאָר דערפאַר, ווײַל צו דעם אָרעמען לעבן, אין וועלכן ער האָט אָפּגעלעבט די גרעסטע העלפט פון זײַן לעבן, איז ער געווען מער צוגעוווינט און האָט דער־פון מער הנאה געהאַט ווי פון דעם רײַכן לעבן. עס איז געווען עפּעס מער פון געלט, וואָס האָט אים אין די קאַלטע ווינטערס אַזוי

[84] עסצימער בײַ אַ שפּײַזקראָם.

פרי פון בעט אַרויסגעיאָגט צו זײַן דער ערשטער אין געוועלב און אָפּוואַרטן צו זען, צי די אַרבעטערס קומען צו דער ריכטיקער צײַט צו דער אַרבעט; מער פון געלט איז עס אויך געווען, וואָס האָט אים באַוויגן אין די זומערדיקע הייסע חדשים צו בלײַבן אין שטאָט — און וויפל ער האָט נישט געליטן פון דער היץ, וועלכע האָט אַזוי פײַנלעך געווירקט אויף זײַן פעטן קערפּער, האָט ער דאָך נישט גע־וואָלט אַוועקפאָרן ערגעץ ווו אין אַ זומערפלאַץ, נאָר איז געשטאַנען אין געוועלב צווישן די באַשטויבטע אָנגעלייגטע מלבושים, שווער געאָטעמט און געקילט מיטן שטײַפן הוט זײַן צעשוויצטן פּנים, גע־ווישט זיך דעם צעהיצטן, שיטער באַוואַקסענעם קאָפּ מיט אַ טיכל און נישט געוואָלט זיך פאַרלאָזן אַפילו אויף סעמען, צו וועלכן ער האָט צוטרוי געהאַט. עס איז געווען עפּעס מער פון געלט — עס איז געווען, ווי ער וואָלט פאַרשקלאַפט געוואָרן צו זײַן אומדער־שעפּטער ענערגיע, און די ענערגיע יאָגט אים ווי אַ נישט גוטע קראַפט, און ער מוז בלינד אויספירן די באַפעלן, וואָס זי באַפעלט אים.

וואָרעם אַנקל מאָזעס האָט נישט געהאַט פאַר וועמען צו אַרבעטן און וועמען זײַן געלט איבערצולאָזן. אַנקל מאָזעס איז געווען אַן אַלמן. קינדער האָט ער יאָ געהאַט, נאָר נישט מיט זײַן פרוי, מיט אַ פרוי פון אַן אַנדערן מאַן, און ער האָט נישט געוווּסט, אויב די קינדער זײַנען זײַנע אָדער נישט... יעדנפאַלס האָט ער זיי נישט ליב געהאַט.

עס איז אַזוי געווען: ווען אַנקל מאָזעס איז יונג געווען און האָט געוואָלט איבערגיין פון לאָנטש־רום צו אַ געוועלב מיט אויסגעבראַ־קירטע מענער־קליידער, האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ שותּפס אַ טאָכטער. דאָס חתונה האָבן איז געווען אויסגערעכנט מער אויף געשעפטלעכע יסודות ווי אויף ליבע. אַנקל מאָזעס האָט נישט גע־ווּסט אין זײַנע יונגע יאָרן פון ליבע. ער איז געווען אַזוי פאַרנו־מען אין זײַנע געשעפטן, אַז ער האָט קיין צײַט נישט געהאַט אָפּצו־געבן אָדער אָפּצושטעלן זיך אויף אַזעלכע זאַכן... דאָס יונגע ווײַבל,

facing a crisis, possible failure—that was the very time when he was determined to put through his most ambitious enterprises. He regarded it all as a game, a gamble, a way of testing his own powers.

It was not personal desire of any kind that urged Uncle Moses on in his eternal pursuit of money. He demanded very little of life. He required nothing for himself. It made no difference to him where he lived, or on what kind of bed he slept. Even now he often longed to sleep in a tavern, and the bright room with its soft bed and its lovely furniture, and the chairs on which he scarcely ventured to sit, really gave him no pleasure at all. Even now he often went out to lunch with his own workers and had a sandwich and coffee, standing at a counter, wedged in tightly among crowds of laborers. He never really cared to eat in a fashionable restaurant with other business men; not, to be sure, because he was penurious, but because he was more accustomed to the poverty in which he had spent most of his life and felt more at home in it than he did in more luxurious surroundings. It wasn't money but something else which drove him out of bed on cold winter mornings so that he might get down in time to see that the workmen came early enough; and it wasn't money, it was something else, that made him stay in town during the hot summer months. Although he suffered terribly from the heat because he was so stout, still he would not go to the country, but remained in his place of business, standing there between the mounds of dusty clothing, breathing with difficulty, fanning his flushed face with his hat, and wiping his head with his handkerchief. He wouldn't entrust his affairs even to Sam, in whom he placed so much confidence. It wasn't money, it was something more than money—it was as though he had become a slave to his own inexhaustible energy, which spurred him on with demoniacal force and which forced him to unquestioning subservience.

For Uncle Moses had no one for whom he could work, to whom he could leave his money. Uncle Moses was a widower. He did have children, to be sure, but they were not the children of his own wife; they were his by the wife of another man, and he wasn't quite sure of their paternity. At any rate he did not love them.

This was the way it happened. When Uncle Moses was still a young man and was trying to trade his lunchroom for a men's clothing business, he had married the daughter of a business associate. It was a marriage contracted for business reasons rather than for love. Uncle Moses had known nothing about love in his youth. He had been so taken up with his plans and business affairs that he had had no time for such things. But Rebecca, his young wife, who came from Galicia and was of a sentimental nature, a delicate, dainty little person, really loved him. Not only physically—she would have loved any man she married, because it was her nature to love, to idolize and to serve, and she would have done so whoever the man might be. She revered him like a god, she stood in awe of his broad manly shoulders and was afraid of his serious worried face, marveling at his energy and his ability to gain his ends. But he paid no attention to her. He looked upon her as a convenience. Often, at night, as she lay beside him, she yearned hungrily for a caress, for some expression of tenderness. She wanted him to hold her and to pet her as one fondles a beloved child; but he was cold and unresponsive, and turned his face away from her, either snoring loudly or entirely occupied with business plans. His thoughts centered about coats, trousers, waistcoats, buttons, linens, broadcloth—these things constituted his entire life, and he paid little attention to anything else. When

וועלכע איז געקומען פון גאליציע און האט געהאט א סענטימענטאל
געפיל, א שוואכע און אן אידעלע, האט אים דווקא יא ליב געהאט.
נישט פערזענלעך אים — יעדן איינעם. וואס וואלט מיט איר חתונה
געהאט, וואלט זי ליב געהאט. ווייל זי איז געבוירן געווארן ליב צו
האבן און צו פארגעטערן און זיין פארשקלאפט אונטער וועמען עס
איז... זי האט ארויפגעקוקט צו אים ווי צו א גאט. זי האט דרך־
ארץ געהאט פאר זיין בריטן מענלעכן קארק. זי האט מורא געהאט
פאר זיין ערנסט. פארזארגט געזיכט און האט באוואונדערט זיין ענער־
גיע און זיין טעטיקייט. נאר ער האט זי נישט געזען. ער האט זי
געהאלטן פאר א זאך... אפט מאל איז זי געלעגן נעבן אים ביי נאכט
אויפן געלעגער און האט געבענקט נאך לאסקעס, נאך צערטלעכקייטן,
צו טוליען זיך צו אים. זי האט געבענקט נאך גלעטן, פיעשטשען
זיך ווי א קינד, און ער איז געלעגן אומגעדרייט מיט זיין שווערן
קערפער צו דער וואנט, אדער ער האט הויך געשנארכעט, אדער ער
איז געווען פארנומען קלערנדיק וועגן ביזנעס. שטענדיק איז זיין
קאפ פול געווען מיט רעק, הויזן, וועסטן, קנעפלעך, לייוונט, סחורה
— שטענדיק האט ער געטראכט וועגן דעם, און גאר נישט געזען
ארום זיך. און האט פון אים די נאטור פארלאנגט דאס איריקע, האט
ער עס אויסגעפירט גראב, אן סענטימענטן, ווי מען עסט־אפ א מי־
טאג און מען ווישט זיך אפ די ליפן און מען גייט־אוועק פון טיש...
אזוי האט ער זיך באלד אויסגעדרייט אויף דער צווייטער זייט און
איז איינגעשלאפן... דאס ווייבל האט אבער נישט געהאט קיין פאר־
לאנג נאך געשלעכטלעכן לעבן, זי האט געבענקט נאך ליבע, נאך
לאסקעס, נאך ווארעמקייט... און דאס האט ער נישט געהאט צו געבן
און נישט געקענט געבן. ער האט ניט פארשטאנען, וואס זי פאר־
לאנגט פון אים, און געוואונדערט זיך פאר וואס זי האט קיין קינדער
נישט. און א מאל, אז ער איז געווען ביי זיינעם א פריינד, אן על־
טערן מענטשן, ביי א זילבערנער חתונה, און געזען ווי די קינדער
פון זיין פריינד האבן די עלטערן צוגעטראגן א טארט מיט אנגעצונ־

דענע ליכטלעך, און געפרייט זיך מיט זיי, איז ער אהיים געקומען
א בייזער און געברומט צום ווייב:

— קינדער... פאר וואס האסטו קיין קינדער נישט?... גיי צו
א דאקטער.

נאר דאס ווייבל האט נישט געבענקט נאך קינדער. זי האט גע־
בענקט נאך ליבע. און אין דארשט נאך ליבע איז זי אויסגעגאנגען.
זי איז וואס א טאג שוואכער געווארן און קראנקער. געוויס האט ער
אויף איר רחמנות געהאט. ער האט שוין קיין פארגעניגן נישט גע־
האט פון זיין לעבן. אז ער איז ארויסגעגאנגען מיט גוטע פריינד
א מאל לעבן, פארברענגען ערגעץ ווו אן אוונט, האט ער זיך פאר־
ווארפן געמאכט, וואס ער האט זי איבערגעלאזט אליין אין דער היים.
ער האט דעמאלט אוועקגעווארפן די געזעלשאפט און איז אהיים גע־
קומען, אבער דעם ווייבל האט ער גאר נישט געקענט געבן. ער האט
נישט געוווסט פאר וואס זי איז קראנק. ער האט זיך קיין עצה נישט
געקענט געבן. פלעגט ער שרייען אויף איר:

— וואס איז דיר? פאר וואס גייסטו נישט צו א דאקטער? פאר
וואס ביסטו קראנק?

א פאר יאר פאר איר טויט האט ער שוין קיין ווייב נישט גע־
האט... דאס האט אים געבראכט, אז ער זאל מער קלערן וועגן דעם
און אנהייבן צו קוקן אויף פרויען... געפעלן איז אים דווקא א ווייבל
פון א יידישן רעסטאראן, ווו ער פלעגט עסן לאנטש. דאס ווייבל איז
געווען א ברונעטקע, מיט שארפע, שווארצע ברעמען. געפעלן זיינען
אים די שווארצע הערעלעך, וואס זיינען געוואקסן ווי פיאות אויף
אירע באקן. א מאל האט ער זי געזען הינטערן בופעט אין א ווייס
קאפטנדל, אין א שירץ, קלימפערנדיק מיט די שליסעלעך אין די
הענט און האט עפעס באפוילן די קעלנערס, האט זי אים דערמאנט
אין א יידישער באלעבאסטע אין דער היים. האט ער אנגעהויבן
מאכן חנדלעך צו איר, בעטן זי מיט אים אויסצוגיין. אלע האבן
זיך פארוואונדערט אויף מאזעס מעלניק, נאר דאס ווייבל איז זייער



גוט געווען צו אים. דער מאן אירער האט יא געזען, נישט געזען
— געמאכט נישט וויסנדיק זיך. ער האט געלעבט מיט איר אין
געהיים און דאס ווייבל האט געהאט יעדעס יאר אויף זיין חשבון
א קינד... ער האט נישט געוווסט, אויב דאס זיינען זיינע קינדער
אדער איר מאנס... דער מאן אירער פלעגט קומען ציען ביי אים
געלט, שרעקן אים מיט סקאנדאלן, האט אנקל מאזעס געגעבן. די
געשעפטן האט ער פארטרויט סעמען, און סעם האט אים פון אלע
זארגן ארויסגענומען. אלץ שוין פאר אים פארזארגט.



nature demanded her rights, he did his duty, grossly and without any show of sentiment, as one might eat one's dinner, wipe one's lips, and leave the table. But his young wife hungered for love, for tenderness and warmth. These were not part of his nature, and he could not give them to her. He did not understand her wistful desires, and wondered why there were no children. Once, when he returned from the home of a friend who was celebrating his silver wedding anniversary, and remembered how the man's children had brought in a festive cake decorated with candles, and how happy they all were together, he was in a very bad mood and grumbled at his wife:

"Children! Why haven't you any children? Go to see your doctor!"

But it was love the woman wanted, not children, and finally her desire for love destroyed her. She grew weaker from day to day and became more and more of an invalid. Uncle Moses was very sorry for her. He no longer enjoyed life. Sometimes when he went out in the evening with friends he reproached himself for having left his wife alone. Then he would rush away and hurry home, but there was nothing he could do for her, after all. He did not know why she was ill, and because he was so helpless, he would shout at her, irritably:

"What is the matter with you? Why didn't you go to see the doctor? Why are you ill?"

He really lost his wife several years before she finally died—and that was why he began to think of other women and to pay attention to them. He became fond of a young woman who was the wife of a Jewish restaurant keeper. She was a brunette and her eyebrows were like a fine black line; he loved the way her soft black hair grew down about her temples, curling round her ears. He often went to her husband's restaurant





for lunch, and one day when he saw this pretty woman standing behind the counter, wearing a white blouse and apron, and jingling her keys, she reminded him of the Jewish housewives back home in Poland, and he began to flirt with her. The affair progressed rapidly, and finally she became his mistress. Everyone was surprised at Moses Melnik; but he was happy with this woman, who suited him perfectly. Her husband saw what was going on, but he raised no objections. So Uncle Moses had this clandestine affair with the wife of the Jewish restaurant keeper, and she had a baby every year, for which he was held responsible. He himself was not quite sure whether he or the woman's husband was the father of the children. What he did know was that the husband came to him from time to time, and threatened to start a scandal unless Uncle Moses paid him; and Uncle Moses always gave the man whatever amount was demanded. That is—Sam took care of all this; Sam was always the one to "arrange" these matters without any fuss.

The fact that Uncle Moses was living with another woman was more than his own delicate wife could bear. She died as the result of this blow; she died without having presented her husband with a child. So Uncle Moses really had no legitimate heirs. The children of the restaurant keeper's wife belonged officially to her husband, and besides, Uncle Moses wasn't at all sure of their paternity.

קוזמין האָט טרײַ געדינט „פּרעהן". קוזמין איז געזעסן בײַ דער אַרבעט און האָט גענייט רעק, הויזן, וועסטן פֿאַר מענטשן, וואָס זיי האָבן נישט געוווּסט, ווו זייער געביין געפֿינט זיך. גאַנץ קוזמין איז געזעסן בײַם אָנקל מאָזעס אין דער הייך אין שאַפּ. ר' יואל־חיים, דער דאָזאָר פֿון דער שול און איטשע דער שוסטעריונג, און יונדל, דער ווײַבערשער שנײַדער, דער גרויסער פֿראַנט און עלעגאַנט פֿון קוזמין, וואָס האָט אַמאָל באַצויבערט די הערצער פֿון די קוזמינער ווײַבער, און חיימשע דער פֿעלדשער, וואָס האָט די ווײַבער געשטעלט באַנקעס — וואָס עס האָט זיך נאָר געטראָפֿן מיט אַ ייִדענע אין שטעטל, האָט ער איר געהייסן דאָס העמד אַראָפּלאָזן און געשטעלט איר באַנקעס... ביז אַ מאָל זײַנען זײַנע באַנקעס פֿאַרדעכטיקט גע־



וואָרן... און חיימשע האָט געקראָגן גוט אויסגעפּאַטשט פֿון אַ פּאָר שיינע באַלעבאַטים. צוויי ציין פֿעלן אים פֿון די דעמאָלטיקע פּעטש — הײַנט שטעלט ער שוין נישט קיין באַנקעס, נאָר זיצט בײַם אָנקל מאָזעס אויפֿן „בוידעם" און נייט הויזן. אַלע נייען זיי הויזן. אָנקל מאָזעס האָט אויסגעגלײַכט גאַנץ קוזמין. נישטאָ מער קיין שיינע באַלעבאַטים, דאָזאָרצעס מיט אָרעמע בעלי־מלאכות. נישטאָ קיין שוסטערס, קיין סטאַרשעס[88], ייִדן וואָס שטעלן ווײַבער באַנקעס... און ייִדן וואָס קיצלען ווײַבער הינטער די אָרעמס, ווען זיי ברענגען זיי אָנצומעסטן די קליידער — אַלע דינען צו איין אָפּגאָט, אַלע טוען איין זאַך — נייען הויזן...

נאָר קוזמין וויל נאָך ניט שטאַרבן. בײַם אָנקל מאָזעס אויפֿן „בוידעם", בײַ דער נאָדל, לעבט ווידער דאָס אַלטע קוזמין אויף מיט אַלע אירע מערקווערדיקייטן. יעדער אַלטער שטיין, יעדעס אַלט הויז און ווינקל ווערט מיט ליבע און בענקשאַפֿט דערמאָנט פֿון די געטרײַע קינדער פֿון אַלטן קוזמין, וועלכע זיצן מיט די הויזן אין זייערע הענט און בענקען נאָך איר, און ווו נישט ווו פֿאַלט אַ טרער, לאָזט זיך הערן אַ קרעכץ פֿון אַן אַלטן אײַנוווינער פֿון קוזמין וואָס האָט זיך דערמאָנט אין איר שיינקייט...

— אַנו, לייבל, וואָס שווײַגסטו הײַנט? לאָמיר הערן דעם אַלטן חזנס קדושהלע!

און לייבל, וועלכער האָט ליב געהאַט דאָס „ברעטל"[89] פֿון עמוד זײַן גאַנץ לעבן, און קיין מאָל אין דער היים קיין געלעגנהייט נישט געהאַט צוצוקריגן זיך דערצו און אַרויסצווײַזן זײַנע חזנישע פֿעי־קייטן — ווײַזט עס איצט אַרויס פֿאַר קוזמין, בײַ דער נאָדל און בײַ די הויזן.

דעם אַלטן חזנס ניגון טראָגט־איבער קוזמין אין דער אַלטער שול אַרײַן, און עס דערמאָנט זיך זיי דער שיינער שבֿועותדיקער שבת, ווען יעדער באַלעבאָס איז געזעסן אין זײַן שיינער „שטאָט"

[88] „עלטערע", אָנפֿירערס. — [89] מעשה חזן.



מיטן טלית און גאָלדענער עטרה באַפּוצט, און געקוואָלן זיך מיטן חזנס ניגונים, און הײַנט זיצט קוזמין מיט הויזן אין די הענט...

באַלד אָבער פֿאַרשווינדט די אַלטע שול, און דער שיין פֿרי־מאָרגנדיקער שבת און דאָס בענקשאַפֿט און די ליבע נאָך קוזמין. עס בלײַבן־איבער בלויז הויזן און נאָדל.

סעם באַווײַזט זיך אין דער טיר פֿון דעם שאַפּ און גיט אַ געשריי:

— נאַ, זעט קוזמין זינגט! אַזוי איז גוט. איר וועט זיך דאָ אַ שוואַרץ־יאָר אויסריכטן פֿון מיר. איך רוף באַלד אַרויף דעם אָנקל מאָזעס צו אײַך.

און אין קוזמינער באַלעבאָס שרעקט דעם צוויטן:

— שווײַג, שווײַג, דער „גובערנאַטאָר" איז דאָ.



## The New Pharaoh

KUSMIN SERVED its Pharaoh faithfully. Kusmin labored industriously, sewing coats, trousers, and waistcoats for people of whom it had not the slightest knowledge. All Kusmin sat upstairs in Uncle Moses' workroom. Reb Joel Hyman, the elder of the Kusmin House of Prayer; Izzy, the cobbler's assistant; Jankel, the women's tailor who had been the elegant and the Don Juan of Kusmin and broken many hearts; Hyman, the barber-surgeon, who had consistently prescribed leeches for the women of Kusmin (no matter what had ailed a woman in Kusmin, Hyman had ordered her to undress so that he might apply leeches, until one day someone became suspicious concerning these leeches, and Hyman had been given a sound thrashing by several of the prominent citizens of the little village and lost two teeth)—all of these men now worked for Uncle Moses. Hyman no longer applied leeches, but sat in Uncle Moses' workroom sewing trousers. They all sewed trousers. Uncle Moses made all the citizens of Kusmin equals. There were no more fashionables, no elders and no tradesmen, no Talmudic scholars and no dunces. There were no more cobblers, no Don Juans, no barber-surgeons to apply leeches to women, no tailors to caress the women slyly when they came to have their dresses fitted; all of them now served one god, all were doing the same kind of work—they were sewing trousers.

But Kusmin refused to die. Up there on the top floor of Uncle Moses' establishment, where the needles flew, old Kus-





min and its idiosyncrasies came to life again. Every stick and stone, every dear old corner was recalled by the faithful children of old Kusmin. They remembered Kusmin with love and longing as they sat there, holding their work in their hands, yearning for dear old Kusmin; and there was an occasional sigh or tear as one or another of them called to mind the beauties of the old home.

"Well, Levy, why are you so quiet today? Sing us one of the melodies of the old Chasan, won't you?"

And Levy, who had always wanted to be an elder in the House of Prayer, but who never had the opportunity of proving his talents while he was still in Kusmin—now he did prove it to his countrymen as they sat there thoughtfully, stitching away at the trousers.

The melody of the old Chasan transported all Kusmin back into the House of Prayer at home, and they remembered the Sabbath and their prayer shawls with gold-embroidered borders, and how happy they had been; and now Kusmin was sitting here in this bleak room, wearily sewing trousers.

But soon the House of Prayer vanished, the lovely Sabbath morning was only a memory, and the love and longing for Kusmin was put aside; nothing remained except the trousers and the needles.

For Sam appeared in the doorway of the workroom, shouting:

"Well, just see, Kusmin is singing! Fine! Fine! There's nothing I like better! I'm going to have Uncle Moses come right up!"

The frightened men whispered to one another, apprehensively:

"Be quiet, be quiet, the Governor is here."

-27-

סעמען רופֿט קוזמין „גובערנאַטאָר״ און דעם אַנקל „דער קייסער״.

און פֿאַרן גובערנאַטאָר האָט מען נאָך מער מורא ווי פֿאַרן קייסער.

קוזמינער באַלעבאַטים ווערן פֿאַרשטומט, דערשראָקן פֿאַר דעם קליינעם שגץ סעם, וואָס אין דער היים איז ער געווען אַ קצבֿ־ייִנגל. און דאָ איז ער דער „גובערנאַטאָר״ פֿון קוזמין...

אָבער קוזמין האָט אַ גרויסן מליץ־יושר. דאָס איז דער אַלטער מעלניק, אַנקל מאָזעס׳ פֿאָטער, וועמען דער זון האָט אַראָפּגעבראַכט קיין אַמעריקע. דער אַלטער דרייט זיך אום מיט דעם גאָלדענעם שטעקן, וואָס דער זון האָט אים געשאָנקען אַ מתּנה, און דאָס שטײַפֿע קאַפּעלושל, צו וועלכן ער איז נישט געוווינט, פּײַניקט אים. פֿאַררוקט ער עס אין אַ זײַט. ער לאַנגווײַליקט זיך דאָ אין אַמעריקע און בענקט נאָך דעם קאָשע־מילעכל, און פֿאַר לאַנגווײַליקייט האָט ער אָנגעהויבן צו טרינקען. אַ שנעפּסל האָט ער ליב געהאַט פֿון דעם היים, נאָר דאָ, אין אַמעריקע, ווו ער האָט זיך געקענט פֿאַרגינען און גוטע ברידער האָבן זיך שטענדיק געפֿונען, וואָס האָבן דעם אַלטן געוואָלט „טריטען״[90], איז דער אַלטער שטענדיק שיכּור גע־

[90] טראַקטירן, פֿונדעווען, פֿאַרבעטן.



ווען. קיין באַקאַנטע האָט ער נישט געהאַט. זײַנע אַלע לאַנדסלײַט האָבן געאַרבעט בײַ זײַן זון אין שאַפּ — האָט ער ליב געהאַט אַרויפֿצוקומען אין שאַפּ און צו פֿאַרברענגען מיט זיי, און מיט זיי שמועסן וועגן קוזמין. אָפֿט מאָל האָט זיך דעם אַלטן אויך פֿאַרגלוסט צו נייען הויזן. געזען, אַז אַלע זײַנע חבֿרים פֿון די קינדער־יאָרן, אַלע שיינע באַלעבאַטים, פֿאַר וועלכע ער האָט אין דער היים דרך־ארץ געהאַט, נייען בײַם זון הויזן — פֿאַר וואָס זשע זאָל ער נישט נייען? פֿלעגט ער אַרויפֿקומען אין שאַפּ און מיטהעלפֿן נייען. דעם אַנקל מאָזעס איז אָבער ניט אָנגעשטאַנען, אַז זײַן פֿאָטער זאָל זיצן אין שאַפּ. און אַז דער פֿאָטער איז אַרויפֿגעקומען אין דער געוועַרקשטעל, האָט ער קוזמין געשטערט צו אַרבעטן. ער האָט פֿאַרפֿירט שמועסן מיט די לאַנדסלײַט פֿון דער היים, פֿון אַלטע שׂררים, פֿון דאָרף־געשעפֿטן, פֿון רבֿ און חזן, און אָפֿט מאָל האָט זיך קוזמין אַזוי אַרײַנגעלאָזט אין די שמועסן פֿון דער היים, אַז זיי האָבן זיך צעקריגט איבער אַ חזן אָדער אַ שוחט, — און פֿאַרגעסן זיך, אַז זיי זײַנען שוין ניט קיין באַלעבאַטים פֿון קוזמין... נאָר דאָס ריידן אַליין האָט זיי פֿאַרגעניגן פֿאַרשאַפֿט. און דעם אַלטן האָט עס אַהין געצויגן צו דעם זונס שאַפּ. אַנקל מאָזעס האָט אָנגעזאָגט סעמען, אַז ער זאָל דעם פֿאָטער נישט אַרויפֿלאָזן אין שאַפּ אַרײַן. נאָר אַז דער אַלטער מעלניק האָט זיך אָנגעשיכּורט, האָט ער קיינעם נישט געהאָרכט, פֿאַר קיינעם קיין מורא נישט געהאַט, סעמען געשלאָגן מיטן גאָלדענעם קאָפּ פֿון שטעקן און אַרײַנגעלאָפֿן אין שאַפּ.

— אַזאַ טויבן־כאַפּער איז דאָס! אַזאַ ימח־שמוניק, אַזאַ קצבֿ־יונג, ער וועט מיך נישט אַרײַנלאָזן? מײַן זונס פּראַצע איז דאָס, און ער וועט מיך נישט אַרײַנלאָזן? — האָט ער אָוועקגעיאָגט סעמען מיטן שטעקן און איז אַרײַן אין שאַפּ, מיטן קאַפּעלושל פֿאַרדרייט אין אַ זײַט, און געפֿאָכעט זיך מיטן רויטן טיכל — אַרויס פֿון דאַנען, ימח־שמוניק! אַרויס, אַרויס! — האָט ער אַרויסגעטריבן סעמען פֿון שאַפּ.

קוזמין האָט זיך געפֿרייט אויף דעם „גובערנאַטאָרס״ מפּלה.

הויך צו פֿרייען זיך, הויך צו לאַכן האָבן זיי מורא געהאַט. דער גובערנאַטאָר קען זיך אָפּרעכענען. האָבן זיי געשטופּט איינער דעם אַנדערן און געווונקען מיט די אויגן.

— ווי האָט מען אים גערופֿן אין דער היים? אַפּלאָף... היי, דו אַפּלאָף איינער!... — האָט דער אַלטער נאָכגעשריִען סעמען פֿון די טרעפּ אַראָפּ. די מאַמע דײַנע האָט דאָך געגנבֿעט גרויפּן בײַ מיר אין געוועלבל. איך האָב זי אַמאָל אַליין געכאַפּט בײַ דער האַנט. און דאָ, אין אַמעריקע, ביסטו געוואָרן אַ גאַנצער פּרעה... היי, אַז אויסגעריסן זאָלסטו ווערן מיט מײַן זון, מיט אַמעריקע אין איינעם...

קוזמין האָט זיך געפּרעגלט אין נחת, האָט געצויגן די אַקסלען און געשטופּט איינער דעם צווייטן:

— דו זעסט די מפּלה?

— אויף אַלע ייִדנפֿײַנד געזאָגט געוואָרן.

— די מאַמע זײַנע האָט דאָך פֿלייש געגנבֿעט אין די יאַטקעס... ווי האָט מען זי דאָס גערופֿן? נעכע האָט מען זי גערופֿן...

און מ׳האָט זיך אָנגעהויבן צו דערמאָנען אין אַלטן קוזמין און אויסגעגראָבן מעשׂיות פֿון פֿאַרצײַטנס.



Sam was known as the Governor to all Kusmin, Uncle Moses as the Kaiser.

They were more afraid of the Governor than of the Kaiser.

The citizens of Kusmin were stricken dumb with fear of little Sam, who had been a butcher's apprentice at home, and was the "Governor of Kusmin" here. But Kusmin had a powerful protector and advocate for its cause. That was old Melnik, Uncle Moses' father, who had been brought to America by his son. The old man sauntered about idly, carrying the gold-headed cane which his son had given him; the stiff hat, to which he was unaccustomed, hurt him, and so he wore it on the back of his head. He was so bored that he began to drink. He had always enjoyed a drop of vodka even while he was still in Poland; and here in America, where he could well afford it and where there were always good friends ready to drink with him, he was constantly intoxicated. He had no other acquaintances. All the former citizens of Kusmin were working in the shop for his son. That was why the old man liked to climb the stairs to the workroom and spend his time there with his own countrymen, talking with them about Kusmin. Often he felt that he would like to sew trousers too, when he saw that all the friends of his younger days, all the prominent citizens whom he had regarded with so much respect at home, were sewing trousers for his son. So why shouldn't he sew trousers too? That was why he often went up to the workroom and helped them sew. Uncle Moses was not particularly happy about having his father in the workroom. For when the old man was there he disturbed Kusmin at its work; he engaged all his countrymen in conversation about their old home, about the old landowners, about the business enterprises of the village, about the rabbi and the cantor. Indeed sometimes Kusmin became so absorbed in these conversations about the old home that quarrels arose





concerning a former cantor or rabbi. Kusmin forgot that its citizens were no longer citizens of Kusmin—just to mention their names made them all happy. And it attracted the old man to his son's workroom. Uncle Moses, to be sure, had ordered Sam not to allow his father to enter the workroom; but when old Melnik was intoxicated he listened to no one and was afraid of no one, and he struck at Sam with his gold-knobbed cane and pushed his way into the workroom.

"That horse-thief, that—I won't say what—that butcher's apprentice, he doesn't want me to come in! It's my son's workroom, that's what it is, and he won't let me in!" He pushed Sam aside with his cane, ran into the workroom wearing his hat wrong side to, and fanned himself with his red handkerchief. "Get out, you bum, get out, get out!" He forced Sam to leave the workroom.

Kusmin rejoiced at the Governor's defeat. But to be noisy about it, to laugh openly—Kusmin didn't quite dare do that. For the Governor could take his revenge. So they nudged one another and winked slyly.

"You—who are you?" the old man shouted. "Your mother used to come to my mill back home, and steal grain; I caught her at it one day, caught her red-handed. But here in America you're the great Pharaoh, aren't you? To the devil with you, and with my son too, and with all America!" The old man ran to the stairway to scream at Sam as he went down.

Kusmin was in ecstasy. Shoulders shook with silent laughter; and everyone nudged his neighbor, saying:

"Do you see how he's put in his place?"

"May the same thing happen to all enemies of the Jews!"

But suddenly there was not a sound to be heard. Kusmin trembled, became immovable, turned to stone. Kusmin was a machine again, grasping the needle, sewing. Into the workroom

-30-



נאָר זי האָט געקענט געפֿינען, וואָס האָט זיך איר געדאַכט, אַז עס וועט פֿאַרשטעלן איר אָרעמקייט אין די אויגן פֿון אָנקל. זי איז געווען אַ באַלעבאָסטע פֿון דער היים, אַ באַלעבאַטישע טאָכטער און ווי אַזעלכע האָט זי געוואָלט דערשײַנען פֿאַרן אָנקל. זי האָט באַפּוצט און באַשײַנט איר היים, אירע קינדער און זיך אַליין. שכנים האָבן פֿאַרשטאַנען די וויכטיקייט פֿון דעם באַזוך, און האָבן געהאָלפֿן מיט אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר געקענט. זיי האָבן ראָזען אויסגעבאָרגט פֿון זייערע הײַזער זייער אייגענע אָרעמקייט. איינע האָט געבאָרגט אַ שטיקל געשניטן גלאָז, אַ חתונה־מתנה, און אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש, אַן אַנדערע — אַ סערוויס, אַ דריטע — אַ צוויי נײַע שטולן. וואָרעם אַלע האָבן שוין געהערט פֿון דעם גרויסן גליק, וואָס האָט געטראָפֿן די מעלניקס, אַז דער אָנקל האָט זיי געהעכערט גאַנצע פֿינף דאָלאַר אַ וואָך צוליב אַ קינד, אַ מיידל, און דער אָנקל מאָזעס קומט אַליין זיי באַזוכן, האָבן אַלע געוואָלט מיטהעלפֿן צו געווינען דאָס גרויסע גליק, דעם אָנקל מאָזעס׳ גענאָד. אַהרן מעלניק האָט אָנגעקוקט זײַן פֿרוי, זײַנע קינדער, זײַן היים. ער האָט זײַנע אויגן נישט געגלייבט. קיין מאָל נאָך אין אַמעריקע האָט ער נישט געזען זײַן פֿרוי אַזאַ שיינע, אַזאַ אויסגעפּוצטע, זײַנע קינדער אַזעלכע ריינע און זײַן היים אַזאַ רײַכע און אײַנגענעמע. און ער איז פֿול מיט דאַנק געווען דעם אָנקל מאָזעס פֿאַר דאָס גליק. ער האָט שוין דעם אָנקל אַלץ מוחל געווען. מוחל געווען די פֿאַרשקלאַפֿונג און פֿאַרשעמטקייט. ער האָט נאָר געזען דאָס גוטס, וואָס דער אָנקל האָט אים געטאָן. ער האָט אים געהעכערט גאַנצע פֿינף דאָלאַר מער אַ וואָך. און אַז דער אָנקל אינטערעסירט זיך מיט זײַנעם אַ קינד, זײַנס אַ קינד האָט געפֿונען בײַ אים גענאָד, און דער אָנקל קומט אַליין צו אים אין שטוב אַרײַן. ער איז געוואָרן אַ הייסער אָנהענגער פֿון אָנקל. ער האָט נאָר געזען אין אים גוטס — און ער איז אים ווירקלעך דאַנקעוודיק געווען פֿאַר דאָס גליק, וואָס ער האָט אים געשאָנקען.

די „משפחה“, דער ברודער בערל מיט דער שוועגערין, זײַנען אויך געקומען דעם אָנקל אויפֿנעמען. די שוועגערין האָט זיך

ever poor little things they had. One of the neighbors brought over her cut-glass vase, a wedding present, which was placed on the table; another contributed a silver table service; a third one, two new armchairs.

All of them knew about the good fortune which had fallen to the lot of the Melniks. They all knew that Uncle had raised Aron's wages five dollars a week because he was interested in the eldest girl and was coming to visit her; and they all knew that it was important that the Melniks make a good impression on Uncle. It was an exciting occasion.

Aron Melnik stared at his wife, his children, his home. He couldn't believe his eyes. Never since they had been in America had he seen his wife look so handsome and well-dressed, his children so clean and neat, his home so comfortable and imposing. And he was grateful to Uncle Moses for all this. He had forgiven him everything, forgiven him all the years of abasement and humiliation. He remembered nothing except the kindness which Uncle Moses had bestowed upon him. He had raised Aron's wages five dollars a week; he, Uncle, was interested in one of Aron's children—one of the children had found favor in Uncle's eyes, and Uncle himself was coming to visit them all. Aron Melnik was now an ardent devotee of Uncle's; he could see nothing except his good traits and was genuinely grateful for his gracious favor.

The family—brother Berl and his wife—had come to help the Melniks receive Uncle. Genendel had rigged herself up as though she were going to the theater; that is, she was wearing her daughter's discarded finery. And it made her look rather pathetic. That young hat atop her serious motherly face! That short dress, and the high-heeled shoes which gave Genendel the appearance of walking unsteadily on stilts! A tawdry and pitiful costume!





אויסגעפּוצט, ווי זי וואָלט אין טעאַטער געגאַנגען, אין אירע קינדערס יום־טובֿ. נאָר די מאָדערנע יונגע קליידער האָבן אַזוי קאָמיש אויסגעקוקט אויף איר. די הוט מיט די גרויסע פֿעדערן און דאָס טרויעריקע מאַמעדיקע געזיכט! און דאָס רעקל, געשניטן קורץ, און די קאָמאַשן מיט די הויכע אויסגעקרימטע אָפּצאַסן, וואָס די ייִדענע איז געגאַנגען אין זיי ווי אויף שטאָלצן. דאָס האָט אַזוי נעשמעקט מיט טעאַטער, אַז עס איז געווען אַ רחמנות צו קוקן אויף דער ייִדענע. אַלע האָבן געהערט פֿון דעם גרויסן גליק, און אַלע האָבן זיך געוואָלט וואָרעמען אין דער זון... מען האָט איצט שוין געחנפֿעט אי אַהרנען און אי זײַן ווײַב ראָזע. נאָר ראָזע און אַפֿילו אַהרן זײַנען נאָך נישט צופֿרידן געווען פֿון דעם באַזוך, וואָס האָט די „משפחה“ מעלניק איצט אָפּגעשטאַט. עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז דער אָנקל געהערט שוין צו זיי. עס איז זייער אָנקל — און איצט קומט דער „משפחה“ אַ ביסל צו לעקן פֿון דעם צוקער, וואָס געהערט זיי...

דער אָנקל האָט געלאָזט לאַנג אויף זיך וואַרטן. אַזוי ווי ער וואָלט זיי נישט געווען פֿאַרגונען דאָס גליק — האָט ער עס געלאָזט זויער ווערן... די קינדער האָבן דערווײַל די קליידלעך שמוציק געמאַכט און די שכנטעס זײַנען מיד געווען די אויגן זיך אויסקוקנדיק אויפֿן אָנקל... איינער האָט געפֿרעגט דעם אַנדערן: ווו איז ער? אין די אויגן פֿון דער משפחה האָט זיך שוין באַוויזן דאָס פֿײַערל פֿון נקמה. און די שוועגערין דוואָשע האָט שוין הויך געלאַכט, און גערוימט זיך מיטן מאַן אין אויער:

—אַז מער האָט ער נישט בעסערס צו טאָן, ווי נאָר אַהערצוקומען...

און ווי אויף צעזעצעניש די שונאים איז דער אָנקל דווקא יאָ געקומען. אַרײַנגעפֿאַלן אין קיך מיט סעמען פּלוצלינג. אָפּגעשטעלט זיך אין קיך און נישט געוואָלט ווײַטער גיין, ווי ער וואָלט זיי נישט געוואָלט פֿאַרגינען דאָס פֿאַרגעניגן, אַז ער זאָל זען דעם גאַסטצימער, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערשטער בעסטער שטול אין קיך, נישט דעם ראָק און נישט די הוט אויסגעטאָן, נאָר מיטן שטעקן

Still, she was determined to come because she, like everyone else, was eager to share in the good fortune which was now to be enjoyed by the Melniks. Aron and Rosa had become important people now, and everyone fawned upon them. To be quite truthful, neither was greatly pleased to see Berl and Genendel at this time. Uncle belonged to them, they thought, he was *their* Uncle—and now the whole family was upon them, everyone clamoring to lick the honey-pot which by rights belonged only to *them*.

Uncle kept them waiting for quite some time. He seemed to begrudge them their happiness, to want to take the edge off before he allowed them to grasp it. As the hours passed the children's dresses became rumpled and the neighbors grew tired of watching for Uncle. "Why doesn't he come now?" they asked of one another, nodding significantly. There was a gleam of malicious triumph in Genendel's eye as she whispered to her husband:

"Whatever made them think that he had nothing better to do than to come to visit them!"

But to the vexation of all enemies, Uncle did finally arrive after all. Suddenly there he was, standing at the doorway of the kitchen with Sam. He didn't come in, didn't seem to want to see the rest of the house. You might have thought he was determined not to give any of them the pleasure of having him admire the parlor, the way he sat down in the first chair he came to in the kitchen!

Still wearing his hat and overcoat, and holding his cane in his hand, he looked round the kitchen at all the family and all his countrymen who were standing there in awe of him; then he said, half to himself:

"It's all right here, my countrymen live very well."

He was feeling quite pleased with himself to think that he

מאַשאַ האָט זיך פֿאַרלוירן. זי האָט געוואָלט טאָן, וואָס אַלע האָבן איר געהייסן. דער אָנקל האָט זיך אָבער נישט געלאָזט קושן אין האַנט. דער אָנקל האָט זי אַרומגענומען בײַם קאָפּ און איר געקושט אין די האָר. אַלע זײַנען גליקלעך געווען, אין פֿיל אויגן האָבן געגלאַנצט טרערן, און טאַטע־מאַמע זײַנען געווען אויפֿן זיבעטן הימל.

— איך קען אויך, איך קען אויך... — איז פּלוצלינג ציליע געגעבן אַ פֿאַל־אַרײַן אין מיטן דער חתונה אַ האַלב נאַקעטע און נישט אָפּגעוואַשענע. דאָס קינד האָט צוגעקוקט די סצענע דורך דער קיך און איז געוואָרן אײַפֿערזיכטיק און האָט זיך נישט געקענט אײַנהאַלטן.

— גאָט מײַנער! — האָט זי די מוטער געכאַפּט און געוואָלט זי פֿאַרשטעקן.

אָבער דער אָנקל מאָזעס האָט זי שוין באַמערקט.

— ווער איז דאָס?

— גאָר נישט, אַ קינד... — האָט זיך אַהרן פֿאַרענטפֿערט.

— און וואָס קענסטו? — האָט דער אָנקל געפֿרעגט.

— מוווים שפּילן... — האָט ציליע אַרויסגעוווּנקען מיט אירע אײגעלעך און שמוציק פּנימל, אונטער דער מוטערס יום־טובֿדיקן קלייד.

— מוווים שפּילן... דאָס איז שיין. קאָם־אָן, קאָם־אָן[101]! יאָ, דאָ האָסטו...

אָבער די מוטער האָט שוין געהאַט פֿאַרשטעקט די אָרעמקייט אין אַ ווינקל, נאָר די „אָרעמקייט" האָט פֿון דאָרט אַרויסגעוויינט...

## AN IMPORTANT VISITOR

"Play movies." Celia's eyes, shining brightly in her grimy face, appeared from behind her mother's festive dress.

"Play movies—well, that's nice, come here, come here—here, take this..."

But the mother had already tucked this evidence of poverty into a corner, and there the poor "evidence" was sobbing bitterly.

## 10 קוזמינער לאַנדסלײַט

אָנקל מאָזעס׳ שאָפּ איז געווען אוממעגלעך צו אָרגאַניזירן אין אַ „יוניאָן שאָפּ"[102]. וויפֿל די ייִדישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַטאָרן האָבן נישט געפּרוּווט צו „יוניאָניזירן" די לאַנדסלײַט פֿון אָנקל מאָזעס׳ שאָפּ, האָבן זיי זיך שטענדיק אָנגעשלאָגן ווי אין אַן אײַזערנער וואַנט. די סיבה דערפֿון איז געווען, וואָס די באַציִונגען צווישן אָנקל מאָזעס און זײַנע לאַנדסלײַט איז נישט געווען קיין ביזנעס־באַציִונג, נאָר אַ משפּחה־באַציִונג. אָנקל מאָזעס איז געווען פֿאַר די קוזמינער לאַנדסלײַט ווי אַ „הויפּט" פֿון אַ משפּחה, ווי אַ רעגירער פֿון אַ קליין קעניגרײַך. די קוזמינער לאַנדסלײַט זײַנען שטאָלץ געווען מיטן אָנקל מאָזעס׳ פֿאַרמעגנס. אַז זיי זײַנען דורכגעגאַנגען דורך אַ הויז, וואָס האָט געהערט צום אָנקל מאָזעס, האָבן זיי זיך מיט דעם געגרייסט, ווי עס וואָלט געווען זייער הויז. אָנקל מאָזעס האָט זיך אַרײַנגעמישט אין זייערע פֿאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן. זיי האָבן זיך געלאָדנט פֿאַר אים, און אָנקל מאָזעס האָט אַרויסגעגעבן געריכט־שפּראָכן איבער זיי ווי אַ פֿאַרצײַטיקער פּאַטריאַרך איבער

---

[101] אַנו! קום אַהער! (אַרויס מיט דער סחורה!). — [102] אַ פֿאַבריק וואָס אָנערקענט דעם סינדיקאַט.



זײַנע משפּחה־אָנגעהעריקע. זיי זײַנען געווען געטרײַ דעם אָנקל מאָזעס, און טאָמער האָט ווער געפּרוּווט זײַן אומצופֿרידן און דערמאָנט אַ וואָרט עפּעס וועגן אַ „יוניאָן", האָבן עס די לאַנדסלײַט באַלד איבערגעגעבן אָנקל מאָזעסן. דער אָנקל מאָזעס איז אַרויפֿגעקומען אין שאָפּ אַרײַן, אויסגעזוכט דעם „רעוואָלוציאָנער", אָפּגעשטעלט זיך נעבן אים און צום ערשטן אים לאַנג און גענוי באַטראַכט, אַזוי אַז עס איז פֿון יענעם דאָס חיות אַרויס.

— סעם, ווי האָט מען אים גערופֿן אין דער היים? — פֿרעגט

CHAPTER IX

## *The Kusmin Countrymen*

No ONE had ever been able to organize Uncle Moses' shop under union rules. No matter how hard the Jewish labor agitators tried to organize the men, they constantly found themselves bumping into a stone wall. The relationship between Uncle Moses and his own people was not a matter of business, but a family affair. Uncle Moses was the head of a family so far as his Kusmin countrymen were concerned, the ruler of a little kingdom. And the Kusmin countrymen were proud of Uncle Moses' wealth. When they walked by a house belonging to Uncle Moses they felt as much pride in it as though it were their very own. They were proud to be part of Uncle Moses' family.

Uncle Moses was interested in all their family concerns. They brought their legal troubles to him and Uncle Moses pronounced judgment like a patriarch of ancient times to the members of his group. They were faithfully devoted to Uncle Moses, and when any one of them gave vent to his dissatisfaction or dared say a word against the factory, it was always reported to Uncle Moses immediately. And Uncle Moses came up to the workroom himself on such occasions, and hunted out the rebel and stood beside him, staring at the poor fellow steadily in a detached kind of way, for a long long time. It made the culprit feel as though he were dead. He knew what was going to happen.

"Sam, tell me, what did they call him at home?"—Uncle

— משה גרויס! — ענטפֿערט סעם אָפּ קורץ.

— אַזוי, דאָס ביסטו משה גרויס. דאָס ווילסטו האָבן אַ „יוניע" בײַ מיר. נישט בײַ מיר, גוטער ברודער. בײַ מיר אַרבעט מען נישט שבת, נישט יום־טוב. בײַ מיר איז נישט קיין שאַפּ, וואָס מען זאָל דאָ אַרײַנלאָזן „יוניע"־לײַט. בײַ מיר זײַנען לאַנדסלײַט, משפּחה. וואָלטן בײַ מיר געווען אַרבעטערס און אַ שאַפּ, וואָלט מען בײַ מיר געווען געאַרבעט שבת און יום־טוב, אַפֿילו ראש־השנה און יום־כּיפּור, ווי אין יעדן „יוניע־שאַפּ". איך באַדאַרף דאָס נישט! — ווײַזט ער אויף זײַן שאַפּ — איך לייג געלט צו דערצו. איך האַלט נאָר דאָס אויף צוליב אײַך, אַז מײַנע לאַנדסלײַט זאָלן קענען מאַכן אַ לעבן. וואָס וואָלט איר געטאָן אָן מיר? ווער האָט אײַך געבראַכט אין אַמעריקע? צו וועמען זײַט איר געקומען נאָך אַ שיפֿקאַרטע, נאָך געלט, אַז איר האָט באַדאַרפֿט אײַערע משפּחות אַהערברענגען? צו וועמען קומט איר, אַז איר האָט טראַבל[103]? אַז ס'ווערט ווער פֿון אײַך, חלילה, קראַנק? — האָט אַנקל מאָזעס זיך צעשריִען הויך אויפֿן קול, אַז די לאַנדסלײַט האָבן געציטערט — צו וועמען קומט איר? אַלץ צום אַנקל מאָזעס, הע? איז עס אַזוי? און דער וויל בײַ מיר אײַנפֿירן אַ „יוניע". נישט בײַ מיר, ברודער! קיינער וועט מיך

---

[103] אַ צרה, אַ דאגה, אַ שוועריקייט.



נישט נייטן, אַז מען זאָל בײַ מיר אַרבעטן שבת, יום־טוב. בײַ מיר זײַנען קיין אַרבעטערס נישט — בײַ מיר זײַנען לאַנדסלײַט. מײַן משפּחה מאַכט בײַ מיר אַ לעבן, און איך אַרבעט אַזוי שווער ווי איר. איר זעט עס אַליין. און פֿאַר וועמען? פֿאַר מיר באַדאַרף איך עס נישט! אַלץ נאָר פֿאַר אײַך. איך וועל צושליסן מײַן שאַפּ, און זוכט אײַך ערגעץ אַנדערש וווּ אַרבעט. אַז איר וועט באַדאַרפֿן אַ פּאָר דאָלאַר, וועל איך אײַך סײַ ווי סײַ געבן. האָט נישט קיין מורא, נאָר מער צו טאָן מיט דעם וויל איך נישט.

— וואָס רעדט דער אַנקל? וואָס רעדט דער אַנקל זיך אײַן, וואָס אַ ליאַדע יונג זאָגט דאָרט? — הייבן זיך אָן די לאַנדסלײַט בעטן בײַם אַנקל מאָזעס.

— צוליב אים זאָלן מיר אַלע לײַדן? — צעקאָכט זיך אַהרן־משה, דעם אַנקלס אַ משפּחה — אין דער היים איז ער געווען אַ דאָרפֿסגייער, געוווינט געווען מיטן ווינט און וועטער, און דאָ איז ער אַ פּרעסער. לאָזט מיך נאָר צו צו אים, וועל איך אים דערלאַנגען אַ יוניע! — שרײַט דער ייִד מיט דער האַנט אויסגעשטרעקט.

— ש־ש־שטיי, בײַ מיר שלאָגט מען נישט! — האַלט אים דער אַנקל מאָזעס אײַן — נאָר וועמען עס געפֿעלט נישט בײַ מיר, דער קען זיך שאַפֿן ערגעץ אַנדערש וווּ בעסער. סעם, זע וואָס ס'קומט אים און באַצאָל ביז איין גראָשן. און נאַ, דאָס האָסטו דאָ נאָך אַ פּאָר דאָלאַר מיט אויפֿן וועג.

אַנקל מאָזעס גוטסקייט האָט אַלעמען גערירט. אַנקל מאָזעס האָט געפֿאַנגען די הערצער פֿון די קוזמינער לאַנדסלײַט מיט דער פֿרײַער האַנט זײַנער. ער האָט קיין מאָל קיין לאַנדסמאַן נישט אָפּגעזאָגט. און דער „רעוואָלוציאָנער" אַליין איז גערירט געווען פֿון אַנקל מאָזעס' רייד און פֿון זײַנע פּאָר דאָלאַר, און האָט חרטה געהאַט אויף זײַנע ווערטער.

— בעט־איבער דעם אַנקל מאָזעס. די מינוט בעט־איבער דעם אַנקל מאָזעס! — האָבן די קוזמינער לאַנדסלײַט געשריִען.

— קושן אין האַנט לאָז ער! קוש דעם אַנקל מאָזעס אין דער



האַנט! — האָט אַהרן־משה, דער דאָרפֿסגייער און דאָ דער פּרעסער, געשריִען אויף דעם „רעוואָלוציאָנער".

דער סוף איז געווען, אַז אַנקל מאָזעס האָט זיך נישט געלאָזט קושן אין דער האַנט. דעם לאַנדסמאַן האָט ער נישט אָפּגעזאָגט פֿון דער אַרבעט. נאָר פֿאַר זײַן נאַרישקייט האָט מען אים אַ צונאָמען געגעבן דער יוניע־מאַן.



Moses finally decided to talk, and pointed at the rebel as he spoke.

"Moishe Windbag," Sam answered briefly.

"So-o-o-o, that's you, Moishe Windbag? So you want to organize my factory, do you? Not here, my good friend. We don't work here on the Sabbath, nor on feast days. This isn't a union shop. Just a family group. We're all one big family. If I hired regular workers, and if this were a regular factory, we'd work on the Sabbath and on feast days too, even on Rosh Hashanah and Yom Kippur, the way they do in all union workshops. All of this is no good to me"—Uncle Moses made a sweeping gesture—"it's nothing but an expense to me. The only reason I go on with it is because of you—to give my own people a way of making their living. What would you have done without me? Who would have brought you to America? Who is it, tell me, who made it possible for you to bring your relatives over from Poland? Who helps you when you're in trouble? To whom do you turn when you're sick?" By this time Uncle Moses was shouting so loudly that all his people were trembling with fear. "Yes—to whom do you turn when you're sick?" he repeated. "To Uncle Moses, don't you? Isn't that so? And *he* wants to organize a union in my shop. Not in *my* shop, my friend! No one is going to force me to keep open on the Sabbath or on the holidays. There are no workers in my shop. They're all my countrymen. My family earns a living here, and I work as hard as any of them. Why, you can see that for yourself. And for whom am I working? I certainly don't need it for myself. Only for you. I'll close my shop, and then you can look for work somewhere else. Oh, of course, if you're short a couple of dollars any time, you can have it, anyway. That's all right. You don't have to be afraid to ask. But





this—all this—this shop—I'm through with the whole thing. Through!"

"But, but, what is Uncle talking about? Why does Uncle listen to that stupid fellow?" Uncle Moses' countrymen began to plead with him.

"Listen, are we all going to lose our jobs just because of him?" angrily interrupted Aron Moishe, a near relative of Uncle's. He had been the town crier of Kusmin and had braved many a storm. But here he was only a clothes presser. "Just let me get my hands on him, I'll 'organize' him!" screamed Aron Moishe, shaking his fist.

"Pst! Quiet! There's to be no fighting here!" Uncle Moses restrained his hot-tempered relative. "But anyone who doesn't like it here can try to find something better somewhere else. Sam, see how much we owe him and pay him every cent; there, here's a few dollars extra to help you get started."

Everyone was touched by Uncle Moses' kindness. His generosity always touched the hearts of his people. The rebel himself was moved by Uncle Moses' words, and by the few dollars Uncle Moses gave him. Even now he was sorry for what he had said.

"Ask Uncle Moses to forgive you! Ask him, ask him right now, immediately!" shouted the Kusmin countrymen.

"He must kiss his hand. Kiss Uncle Moses' hand!" screamed Aron Moishe, the town crier from his ironing board.

The upshot of it all was that Uncle Moses refused to have his hand kissed. And he didn't dismiss the man at all. The only punishment inflicted upon the rebel was that of having the nickname "the unionizer" attached to him from this time on.

But all of this does not mean that there was never any work done in Uncle Moses' factory on the Sabbath. On the contrary, the Sabbath was the biggest day of all in Uncle Moses'

מאַשאַ האָט צוריק באַלעבט זײַנע האָפענונגען. אַנקל מאָזעס האָט דערפילט די עלטער און האָט מורא געהאַט חתונה צו האָבן מיט אַ ווילד פרעמדער... פאַרלאָזט האָט ער זיך קיין מאָל נישט אין זײַן לעבן אויף אַ צווייטן. צו קיינעם האָט ער קיין צוטרוי נישט געהאַט, נאָר צו זיך אַליין — און איצט, אויף דער עלטער, ווען ער האָט באַדאַרפט ליבע און געטרײַשאַפט, זיך פאַרלאָזן אויף אַ פרעמדער, האָט ער מורא געהאַט. דאָך האָט דאָס יונגע, קוים רײַפע מיידל, וואָס האָט אים אַזוי שטאָלץ געקוקט אין די אויגן אַרײַן און געזידלט אים „ביעסט", בײַ אים דערוועקט אַ געפיל פון אַכטונג צו אַ צווייטער פערזענלעכקייט, און דאָס געפיל פון אַכטונג האָט אַנקל מאָזעס נישט געהאַט צו קיינעם פון זײַנע לאַנדסלײַט, וואָס זײַנען געווען מיט אים אַ גאַנצן טאָג צוזאַמען.

דערנאָך האָט ער געהאַלטן מאַשאַן פאַר ס'זײַניקע, פאַר עפּעס אַזעלכעס וואָס באַלאַנגט צו אים, אַ טאָכטער פון זײַנס אַ משפחה, וואָס אַרבעט בײַ אים, וואָס מאַכט אַ לעבן פון אים, און וואָס איר גורל איז אָפּהענגיק פון אים. און אַלע, וואָס מאַכן בײַ אים אַ לעבן, האָט אַנקל מאָזעס געהאַלטן, באַלאַנגען צו אים, זיי מיט זייערע פרויען און זייערע קינדער. מאַשאַ איז אויסגעוואַקסן פאַר אים, ער באַדאַרף נאָר זען, אַז אַנשטאָט פײַנט האָבן, זאָל זי פאַרגעטערן דעם אַנקל מאָזעס. און פאַרגעטערן וועט זי אים, ווען ער וועט איר גוטס טאָן.

מאַשאַ איז זייער דערהויבן געוואָרן מיט אַ מאָל אין דער היים, צײַט מען איז געוווּיר געוואָרן, אַז דער אַנקל האָט צוליב איר געהעכערט דעם פאָטערס אַרבעטלוין אויף גאַנצע פינף דאָלאַר אַ וואָך. די טאַטע־מאַמע האָבן פאַר איר אָנגעהויבן דרך־ארץ צו קריגן, ווי עס וואָלט אויף איר געפאַלן אַ שטראַל פון דער גרויסקייט און שטאַרקייט, וואָס באַקלײדט ווי אַ זון דעם אַנקל מאָזעס אין די אויגן פון די לאַנדסלײַט... מאַשאַ איז געוואָרן אין די אויגן פון דער משפחה ווי אַ ווונדערקינד וואָס באַצויבערט. מען האָט זי שוין ניט געלאָזט אַרבעטן אַזוי שווער און די מאַמע האָט שוין מורא געהאַט צו שרײַען אויף איר. זי איז עפּעס געוואָרן מיט אַ מאָל ווי אַ יום־טוב־קינד. מאַשאַ האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס ס'איז געשען.

married at all (thus ran his fantasy), hadn't established a household, all he had done was to work hard and make a great deal of money. And now he was ready to marry, to live a respectable middle-class life, as was proper for a man in his position. But the years raced by, Uncle Moses was constantly absorbed in business and he forgot his dreams; and when he did finally awaken and wanted to begin life all over again he realized suddenly that he was too old to return to Kusmin.

Mascha had aroused his hopes and dreams anew. Uncle Moses was conscious of his age and was afraid to marry a girl who was an entire stranger to him. He had never at any time permitted himself the luxury of depending on his friends. He had never really trusted anyone except himself—and he was afraid to put his faith in a stranger now that he had grown old, and stood in need of love and loyalty. But this immature young girl who faced him so defiantly and called him "beast" had called forth a feeling of respect for another human being in his heart for the first time in his life. Uncle Moses had no respect whatever for any of his countrymen who worked with him all day.

And besides, he regarded Mascha as his own flesh and blood, as belonging to him. She was part of the family which worked for him, she was supported by him, was dependent on him. Uncle Moses looked upon everyone who made his living through him as his personal property; and not only the men themselves, but also their wives and children. Mascha was his, of course; but what he had to do was to persuade her to idolize him instead of hating him. And idolize him she certainly would as soon as she discovered how kind he could be. Her parents began to stand in awe of her; for the Kusmin countrymen all thought that Uncle Moses was surrounded by an aureole of





importance and authority, and now Mascha seemed to be standing within the radius of this shining glory also. Mascha was regarded as a kind of wonder child by her family, possessed of magic powers. She was not permitted to do any very heavy work, and her mother never ventured to scold her. Mascha had suddenly become a favorite of fortune. But she herself was bewildered; she could not understand how all this had come about.

-37-

אַז די סיבה דערפֿון איז מאַשאַ. און זיי האָבן אויסגענוצט מאַשאַן פֿאַר זייער טובֿה וועגן. אַזוי ווי אַמאָל האָבן די ייִדן באַנוצט אסתּרן אויסצובעטן טובֿות פֿאַר זיי בײַ אַחשוורושן, האָבן די קוזמינער לאַנדסלײַט אויסגענוצט מאַשאַן פֿאַר אַנקל מאָזעס. האָט אַ לאַנדסמאַן געדאַרפֿט האָבן אַ שיפֿקאַרטע פֿאַר זײַן משפּחה, האָט מען געשיקט מאַשאַן צום אַנקל בעטן. האָט ווער באַדאַרפֿט אַ טאָכטער חתונה צו מאַכן, גאָלדענע ציין אין מויל זיך אַרײַנשטעלן, אַן אָפּעראַציע צו מאַכן — פֿאַר אַלצדינג האָט מען געשיקט מאַשאַן צום אַנקל בעטן. מאַשאַן האָט דער אַנקל קיין מאָל נישט אָפּגעזאָגט. קוים האָט זי זיך געוויזן פֿאַר אים, זײַנען זײַנע אויגן קלאָרער געוואָרן, דאָס פֿעטס פֿון זײַן פּנים האָט זיך באַהאַלטן און איז צוריקגעגאַנגען אויף זײַן אָרט, און זײַן גאַנץ אויסזען האָט דענסטמאָל געקראָגן אַ מענטשלעך געשטאַלט און מען האָט פֿאַרשטאַנען דאָס פּנים זײַנס, וואָס איז אַן אַנדערש מאָל געווען אומפֿאַרשטענדלעך... ווי אַלץ האָט מאַשאַ געפּועלט בײַ אים, אַזוי ווי אסתּר בײַ אַחשוורושן, האָבן איר טאַקע די קוזמינער לאַנדסלײַט אַ נאָמען געגעבן אסתּר; אַנקל מאָזעס — אַחשוורוש און אַהרן מעלניק — מרדכי היהודי.

און לכּבֿוד די „צוויי טויטע‟, וועלכע האָבן זיך געקליבן אויף יענער וועלט, איז זיך צוזאַמענגעקומען גאַנץ קוזמין, באַגלייטן זיי צו דער לעבעדיקער לוויה. פֿעטער בערל האָט נישט געהאַט וואָס מער צו טאָן אויף דער וועלט, פֿון וואַנען צו לעבן — אויך נישט. ער האָט פֿאַרלוירן זײַנע לאָקאַטאָרן — די קינדער זײַנע. זיי האָבן חתונה געהאַט. אייניקלעך זײַנען זיי גרויס געוואָרן און געקראָגן חתנים און חתונה געהאַט. טשאַרלי, דער בחור, איז אויך דערוואַקסן געוואָרן און האָט זיך מער נישט גענייטיקט אין דער שוועסטערס הילף. זומער האָט ער געוואַשן עפּעס אין אַ זומער־האָטעל און פֿאַרדינט זיך אויפֿן ווינטער; און ווינטער האָט ער געהאָלפֿן אַ צײַטונגשטעל, פֿאַר טאָג, צו פֿאַרטיילן די צײַטונגען צו די קליענטן. פֿון דעם האָט ער זיך פֿאַרדינט פֿאַר זיך צו לעבן און צו באַצאָלן פֿאַרן „קאַלעדזש‟, וווּ ער האָט זיך שוין געלערנט אַדוואָקאַטור. דער מוטערס הילף האָט ער שוין ניט געדאַרפֿט. די ייִנגערע טאָכטער, די הוט־מאַכערין, האָט אויך געקראָגן אַ בחור — און מיט אַ מאָל האָבן זיך טאַטע־מאַמע אַרומגעקוקט און דערזען אַז זייערע קינדערס גליק איז פֿאַר זיי געווען אַן אומגליק... זיי זײַנען געבליבן אָן קינדער, אָן לאָקאַטאָרן — און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל דאָס הויז אויסהאַלטן. די מאַמע האָט געקענט קריגן „אַרבעט‟ — עס האָט זי געוואָלט צונעמען די עלטערע טאָכטער, אָבער דעם פֿאָטער האָט קיינער נישט געוואָלט „צונעמען‟. און עס איז נישט געווען וווּ אים אַהינצוטאָן. צו אַרבעטן איז ער שוין שוואַך געווען; אויסצוהאַלטן אים — האָט איין קינד אָפּגעלייגט אויפֿן אַנדערן. און איבעריקנס האָט פֿעטער בערל נישט געוואָלט בלײַבן אין אַמעריקע. ער האָט געטענהט, אַז שטאַרבן וויל ער דווקא אין קוזמין, און רוען וויל ער דווקא אויפֿן קוזמינער גוטן־אָרט. האָט מאַשאַ געפּועלט בײַם אַנקל מאָזעס, אַז ער זאָל געבן דעם פֿעטער געלט — אַהיים צו פֿאָרן „שטאַרבן‟...

לכּבֿוד די „צוויי טויטע‟ זײַנען זיך אַלע קוזמינער לאַנדסלײַט צונויפֿגעקומען, אַ נאַכט איידער די שיף גייט־אָפּ, צום פֿעטער בערל, געזעגענען זיך מיט „די טויטע‟. די צוויי טויטע, דער אַלטער מעלניק און דער פֿעטער בערל, זײַנען געזעסן אויבן אָן טיש און געטרונקען לחיים פֿאַר די לאַנדסלײַט, און די משפּחה, די טעכטער מיט די איידעמס מיט די אייניקלעך, האָבן זיך מיט זיי געזעגנט. זיי האָבן געוויינט, ווי מען באַווייַנט טויטע. די לאַנדסלײַט האָבן מחילה געבעטן בײַ זיי.

— וואָס איז דער חילוק? אַלע וועלן מיר אַהיים פֿאָרן. אַלע וועלן מיר פֿאָרן וווּהין זיי פֿאָרן! — האָט זיך אָנגערופֿן אַ לאַנדסמאַן, אַן אַלטער ייִד, וואָס האָט זיך אויך פֿאַרבענקט נאָכן קוזמינער גוטן־אָרט.

— ר׳ בערל, גריסט זיי דאָרטן.

—אַז איר וועט זען דאָרטן „מײַנע‟, ר׳ מרדכי, גריסט זיי...

— איר זאָלט זיך מיִען פֿאַר אונדז... — האָט אַ ייִדענע אָנגעהויבן צו וויינען.

נאָר די „טויטע‟ אַליין זײַנען זייער פֿריילעך געווען. זיי האָבן גאָר נישט געפֿילט, אַז זיי פֿאָרן שטאַרבן. פֿעטער בערלס אויגן האָבן געלויכטן און ער האָט זיך אויסגעקעמט די באָרד. עס האָט זיך געדאַכט, ווי דער ייִד קומט־צו צו דעם גליק, אויף וועלכן ער האָט געוואַרט זײַן גאַנץ לעבן, אַז איצט גייט ער אָפּנעמען דעם שׂכר פֿאַר זײַן גאַנצע האָרעוואַניע. און אַ רויִקייט און אַ שטילע פֿריילעכקייט האָט אַרויסגעזונגען פֿון אַלע זײַנע באַוועגונגען.

דער אַלטער מעלניק איז אויך פֿריילעך געווען און מיט יעדן געטרונקען לחיים און ווערטלעך גערעדט:

— אַז איך וועל זען דײַן טאַטן, דעם אַלטן חיים, אויף יענער וועלט, וועט ער דאָך מיך פֿרעגן: וואָס מאַכט עפּעס מײַן זון אין אַמעריקע? וועל איך אים ענטפֿערן: דײַן זון פֿרעסט טרפֿות און איז מחלל שבת, דורך דעם וואַרפֿט עס דיך אַזוי פֿון דער ערד אַרויס.



as the people had used Esther to gain favor with the King, so did the good people of Kusmin appeal to Uncle Moses through Mascha. Whenever any of them needed money—to pay the doctor or dentist or to send for some relative in Poland—they turned to Mascha. It was Mascha who asked Uncle for whatever was wanted. Uncle never refused Mascha anything. When he saw her, his eyes brightened and somehow the sensuous fleshiness of his face seemed less repellent. Suddenly he was a real human being and his face was no longer sphinx-like, but frank and open and lovable. And because of Mascha's influence with Uncle Moses, which was so like that of Esther with Ahasuerus the former citizens of Kusmin referred to her as Esther; Uncle Moses himself was Ahasuerus and Aron Melnik—Mordecai.

There were two old men, former citizens of Kusmin who were making preparations for their "death pilgrimage" across the sea, back to Poland. One of them was Uncle Moses' father, old Melnik; the other was Uncle Berl. Both of them were going back to Kusmin to die. Uncle Berl felt that he had quite completed his earthly duties, that the palace which he had prepared for himself in the next world was ready for him and that he had outlived his usefulness in America. His children were independent of him, he was no longer necessary.

Uncle Berl wanted to be sure to be back home in Poland so that he might spend his last days in the House of Prayer at Kusmin, to recite the psalms there and to be buried in the Kusmin cemetery.

But his wife, Genendel, said that her Kusmin was wherever her children happened to be and that when her appointed one hundred and twenty years were over, she wanted to be buried where her children were. So it came about that Berl



and Genendel separated before death claimed either of them—Berl to Kusmin to die, while his wife remained in America.

On the evening preceding the sailing all the Kusmin townspeople gathered together at Uncle Berl's to take leave of the "pilgrims." The two men, old Melnik and Uncle Berl, sat at the head of the table and drank a toast to their old friends; their families—daughters, sons-in-law and grandchildren—took leave of them and cried as though they were attending a funeral. Their friends came up to say, "Please forgive us if we have wronged you in any way," quite as if the old men had really died.

"After all, what is the difference between you and the rest of us? We'll all be going home soon, we'll all be going where you're going now!" It was an old man speaking, an old man who also felt a yearning for the peaceful cemetery in Kusmin.

"Reb Berl, be sure to greet everyone there!"

"If you see my people, Reb Mottke, do greet them from me!"

"Intercede for us," called out a woman, sobbing loudly.

But the "pilgrims" themselves were very merry. They seemed not at all conscious of the fact that this was to be their last journey. Uncle Berl's eyes shone and he stroked his beard contentedly. He looked like a man who is about to realize the fulfillment of a long-desired happiness, like a man about to receive a reward for a lifetime of toil and hardship. Peace and cheerful serenity were in his every gesture.

Old Melnik too was jolly; he drank a toast to everyone and said jokingly:

"If I meet your father, old Hyman, over there in the next world he'll naturally ask me: 'Well, how's my son getting on in America?' And I'll say: 'Your son is eating pork and desecrating the Sabbath, and that's why you're always turning round in your grave!' Then he'll be coming to see you, you just

— דער טויט האָט אונדז נישט געקענט צעשיידן, און אַמעריקע האָט אונדז צעשיידט! — האָט די ייִדענע געשריִען און ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט מיט דעם, נאָר עפּעס געפֿילט אַ גרויסע קללה פֿאַר דעם לאַנד, וועלכע האָט פֿון איר אַלץ אַוועקגענומען — אירע כּוחות, איר לעבן און אירע קינדער, און שפּײַט־אויס דאָס, וואָס זי באַדאַרף נישט מער...

נאָר באַלד איז פֿריילעך געוואָרן בײַ דער שיף. אַנקל מאָזעס איז אַראָפּגעקומען מיטן צווייטן „טויטן". דער אַלטער מעלניק איז טויט שיכּור געווען. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן דאָס זעקל מיטן געלט, וואָס ער האָט זיך אָנגעזאַמלט אויף קבֿורה־געלט פֿון זײַן אייגענער אַרבעט, געקלימפּערט מיטן געלט און געשריִען צום זון:

— איך באַדאַרף דיך שוין אויף אַל די שוואַרצע יאָר, פּרעה מלך מצרים, מיט דײַן גאַנץ קעניגרײַך אַמעריקע פֿון הודו ביז כּוש.



אויף קבֿורה־געלט האָב איך אַליין מיר אָנגעזאַמלט. אויסגעאַרבעט, מיט מײַנע אייגענע הענט אויסגעריבן אויפֿן קאַשע־מילעכל, און אויף וואָס און צו וואָס באַדאַרף איך דיך?...

— קום, בערל, קום צוריק נאָך קוזמין... — האָט ער געריסן בערלען בײַם אַרבל — בלײַב געזונט, פּרעה מלך מצרים! — האָט ער דעם זון צוגעשריִען — און איר, לאַנדסלײַט, עבֿדים היינו, גייט־צוריק צו פּרעה מלך מצרים אַרבעטן!

אַז די שיף איז אָפּגעגאַנגען מיט די „צוויי טויטע", זײַנען די לאַנדסלײַט שטיין געבליבן און נאָכגעקוקט מיט בענקענדיקע בליקן און נישט איינער איז מקנא געווען די „טויטע", וואָס פֿאָרן רוען אויפֿן קוזמינער גוטן־אָרט, אײדער צוריקגיין צו פּרעה מלך מצרים...

אַלע זײַנען טרויעריק געווען. אַפֿילו אַנקל מאָזעס איז טרויעריק געוואָרן און נאָכגעקוקט די אָפּגייענדיקע שיף מיט די „טויטע". יעדער לאַנדסמאַן האָט זיך דערמאָנט אין זײַן אייגענער ענדע, ווען ער וועט אַהיים פֿאָרן מיט דער שיף...

נאָר אָפּגערוקט פֿון אַלע זײַנען געשטאַנען מאַשאַ און טשאַרלי, די צוויי דערוואַקסענע קינדער, וואָס האָבן זיך דערצויגן שוין דאָ אין אַמעריקע. זיי האָבן געפּאַסט איינע צו די אַנדערע, אין איין וווּקס, אַזוי ווי זיי וואָלטן צוזאַמען אַרויסגעשאָסן אין דער הייך מיט זייערע שטאָלצע און יונגע קעפּ. זייערע ביינערדיקע בריסט האָבן דערגרייכט איינס צום צווייטן. די צוויי יונגע מענטשן האָבן זיך צום ערשטן מאָל בײַ דער „לוויה פֿון די אַלטע" באַגעגנט, ווי דערוואַקסענע. און די יוגנט האָט געצויגן איינס צום אַנדערן. זיי האָבן נישט געזען די אָפּגעפֿאָרענע שיף מיט די „טויטע". זיי האָבן גערעדט עפּעס פֿאַר זיך, און האָבן הויך געלאַכט, ווײַזנדיק איינס ס'אַנדערע די ווײַסע, יונגע, שטאַרקע ציין. די לאַנדסלײַט האָבן דערהערט זייער לאַכן, האָבן זיך אומגעקוקט, און איינער האָט געזאָגט צום אַנדערן:

— נאַ, דאָס האָסטו „אַמעריקע"! זיי גייט דען עפּעס אָן? זיי



ווייסן דען פֿון עפּעס? פֿאָרט אַ טאַטע אַהיים, שטייט ער מיט אַ מיידל און לאַכט.

— זיי זײַנען גאָר פֿון אַ גאַנץ אַנדער וועלט, גאַנץ אַנדערע מענטשן. וואָס ווילסטו פֿון זיי? — האָבן די משפּחה זיך געזאָגט.

אַנקל מאָזעס האָט אויך באַמערקט טשאַרלין און מאַשאַן, וועלכע זײַנען געשטאַנען די גאַנצע צײַט און האָבן געלאַכט איינס צום אַנדערן. ער איז טרויעריק געוואָרן און באַטריבט געוואָרפֿן אַ בליק אויף דער אָפּשווימענדיקער שיף מיט די „טויטע" און אַ מינוט געצווייפֿלט בײַ זיך: צו וועלכער וועלט ער געהערט — צו די וואָס פֿאָרן איצט שטאַרבן אָדער צו די וואָס שטייען אויפֿן זונעדיקן ברעג און בלישטשען מיט זייערע ציין און לאַכן מיט די אויגן...

ענדע פֿון זטן טײל



America had separated them in their old age. It still had a little use for the old mother, but it was sending the old father home to die.

"Death could never separate you and me, but America—America did separate us," wailed Genendel, and didn't quite understand what she meant by this; but she was conscious of a great and undefined hatred toward the country which seemed to have robbed her of everything, of her vitality, her life, her children—the country that spewed out anything for which it no longer had any use.

But soon the atmosphere cleared a little. Uncle Moses had arrived with the second "pilgrim." Old Melnik was terribly drunk. In his hand he held the wallet containing the money he had saved for his funeral expenses. He jingled the coins and screamed at his son:

"Now I won't need you any more, you Pharaoh, you King of Egypt—I don't need you or your America any more. I've saved up enough for my funeral expenses out of my own money. I worked for it with my own hands, I earned it in my grist mill. What do I need you for?"

"Come, Berl, come, we'll go back to Kusmin!" He tugged at Berl's sleeve. "Keep well, Pharaoh," he called to his son; "and as for you, my dear countrymen, you slaves in Egypt, go back to your Pharaoh, back to your drudgery!"

When the ship bearing the "pilgrims" had sailed, the Kusmin countrymen stood on the dock for a long time, looking longingly in the direction of their departing friends. There was many a one among them who envied the "pilgrims" setting out serenely in the direction of the Kusmin cemetery, nevermore to return to the Pharaoh of Egypt.

Everyone felt sad. Even Uncle Moses looked wistful and stared thoughtfully at the ship. The thought of death was upon





them all, the thought of the time when they too would set sail for the eternal homeland.

Charlie and Mascha were somewhat separated from the rest of the group. Both of them had come to America as very young children and had grown up here. They were of about the same height; it was as though their proud young heads had shot up simultaneously. Their shoulders too were at the same level. They hadn't seen one another for a long, long time—not since they were children. And here they were meeting at the "funeral" of the two old men. Their youth drew them together, they understood one another. They never noticed that the ship had sailed. They chattered eagerly, they laughed the joyous laughter of carefree youth. The older people heard their laughter and looked round in surprise. Then they shook their heads and remarked to one another:

"Well, there you have it, that's America for you! Nothing worries them. Do they realize what is happening here? His father is going home, and there he is, standing over there with a girl and laughing!"

"They belong to an entirely different world, they are an entirely different kind of people; what can you expect of them?" Someone in the crowd provided the answer.

2

## ער וועט האָבן קינדער

1

אָנקל מאָזעס איז אַרײַנגעקומען פֿרימאָרגן אין זײַן קלייט אַרײַן אַן אויסגעפּוצטער אין אַ ווײַסן שי־סו [1]־אַנצוג, און פֿאַרשמעקט אַ האַלבע קלייט מיט קאָלגייטס [2] רויזן־פּערפֿום, וואָס האָט זיך געהערט פֿון אים פֿון דער ווײַטנס. זײַנע געל געפּוצטע שיך האָבן געפֿינקלט פֿון דער ווײַטנס און אויסגעזאָגט מיט זייער קוועטשנדיקן קוויטש — ער גייט! זײַן ברייט, דיק געזיכט האָט געגלאַנצט פֿון דעם „קלין שייוו" [3], וואָס ער האָט אָקערשט גענומען. ווי אַ חיה־פֿיש, וואָס מען האָט נאָר וואָס פֿון ים אַרויסגעצויגן. ער האָט אַראָפּגעכאַפּט זײַן שטײַפֿן, הויכן פּאַנאַמאַ־הוט [4] און געווישט זיך דעם צעשוויצטן קאָפּ און הייסן, אָפּגעקאָכטן קאַרק מיט אַ ווײַס באַטיסטן טאַשן־טיכל. די מענטשן אין קלייט האָבן זיך פֿאַר אימה געגעבן אַ כאַפּ־אַרײַן אין די ווינקעלעך און געמאַכט זיך צו זײַן פֿאַרנומען מיט פֿונאַנדערלייגן די אַנצוגן, די הויזן, די רעקלעך. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן געשעפֿט און געגעבן זיך אַ קוק־אַרום אויף אַלע פֿיר זײַטן פֿון געשעפֿט, באַטראַכט די „משפּחה", וואָס האָט געאַרבעט בײַ אים אין ביזנעס. זיי האָט זיך געדאַכט, אַז דער בליק געדויערט אַ יאָר. ער האָט געגעבן אַ ווונק מיט צוויי פֿינגער צו סעמען, צום משפּחה־יונג, צו וועלכן ער האָט צום מייסטן צוטרוי געהאַט, און געגעבן אַ פֿרעג:

— אָלץ אָלרײַט?

[1] פֿון דער מאָדע. — [2] באַרימטע מאַרקע. — [3] ציכטיק ראַזירט. — [4] סאַמע־ערסטע שטרויהוט.

**CHAPTER XI**

## "He Will Have Children"

Uncle Moses appeared in his office early that morning; he wore a white suit, and gave forth the odor of rose perfume. His new tan shoes were polished brightly, and betrayed their newness by their creaking. "There goes Uncle Moses," they said. His heavy broad face, freshly shaven, shone as smoothly as a fish newly pulled out of the water. He took off his big panama hat, and wiped his perspiring head and neck with his fine white handkerchief; he looked absolutely boiled, he was so warm. The men kept out of his way and occupied themselves with their work. Uncle Moses stood still in the middle of the room, and regarded the "family" that was working for him. His employees felt as though he were looking at them for a year, at least. Uncle Moses beckoned to Sam, in whom he had great confidence, and asked:

"Is everything going all right?"

"Yes, Uncle," answered Sam.

"How's Kusmin?" Uncle pointed upward.

"They're sewing winter overcoats, style number fifty-three."

"All right, see to it that they keep going. All that Kusmin knows how to do, you know, is to go to sleep and perspire. See to it that they get as many coats as possible out of the yardage. Get everything you can out of them."

"All right, Uncle."

"I'm going to be gone all day today. Take care of everything, Sam."





— יעס, אָנקל! — האָט ער אָפּגעענטפֿערט.

— וואָס טוט „קוזמין"? — האָט ער געוויזן מיטן פֿינגער אויפֿן בוידעם, מיינענדיק די לאַנדסלײַט.

— נייען די ווינטעררעק נומער 53.

— גוט, זע זאָלן שנײַדן. קוזמין שוויצט און שלאָפֿט נאָר. זע צו מאַכן קעש [5]. שנײַד, ברודער, וויפֿל דו קענסט, און מאַך קעש.

— אָלרײַט, אָנקל.

— איך וועל נישט זײַן אַ גאַנצן טאָג. סעם, גיב אַכטונג. אַלצדינג אָלרײַט?

— יעס, אָנקל.

אָנקל מאָזעס האָט געגעבן צו זײַן קוזין אַ ווונק מיט די אויגן, ווי ער וואָלט אים געוואָלט פֿאַרגיטיקן, און ווידער געוואָרפֿן אַרום זיך אַ בליק:

— באָיס, זונטיק הײַנט, אַ הייסער זונטיק, שנײַדטס די איטאַליענער און די טשײַני־מענס [6]. קעש מאַכטס, קעש! — און ער איז אַרויס פֿון קלייט, קוויטשנדיק מיט זײַנע גרויסע, גלאַנצנדיקע, געלע שיך.

די משפּחה האָט פֿרײַ אָפּגעאָטעמט, ווען זיי האָבן אים שוין אָנגעקוקט פֿון הינטן. זיי האָבן געוואָגט אַרויסצוגיין פֿון קלייט און געזען, ווי דער אָנקל זעצט זיך אויף אויפֿן געדונגענעם אויטאָמאָביל, וואָס האָט געוואָרט אויף אים פֿאַר דער טיר, און אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זייערע ליפּן...

אַלע האָבן געוווסט, וווהין דער „אָנקל" פֿאָרט, און געוואָרפֿן הינטער־אַרום בליקן אויף סעמען, און געשטופּט איינער דעם אַנדערן, מאַכנדיק מיט די אויגן אויף סעמען:

— ער האָט געמיינט, אַז ער ירשנט אים שוין! — האָט איינער אַרײַנגעלאַכט אין די פֿויסטן אַרײַן, ווײַזנדיק מיטן פֿוס אויף סעמען.

[5] מזומן. — [6] כינעזער.

"Yes, Uncle."

Uncle Moses nodded to his nephew as though to propitiate him, and taking another look round, remarked:

"Boys, today's Sunday, a hot Sunday too, work at the winter overcoats, and see to it that you get something done—and do a good job!" Then he left the place, his big, shining tan shoes creaking.

The "family" drew a breath of relief as soon as Uncle's back was turned. Cautiously the men looked out of the windows and saw Uncle getting into a taxi that waited at the door. There was a smile on his lips. All of them knew where Uncle was going, and looked slyly at Sam, as they nudged one another and whispered:

"He thought *he* would be his heir!" One of them laughed, covering his mouth with his hand and pointing at Sam with his foot.

"You fool, he may still have twelve children. You think he can't? Just like old Petrik back in Poland."

"Did you see his neck, how red it was?" grunted another man.

Sam was conscious that he was being stared at, and understood what the laughter meant. He looked round. His expression and his stern glance was like Uncle's. He really did look like Uncle. Sharp eyes and pointed nose and a strong, masculine chin. The men were afraid of him then, and pretended to be talking business.

Sam spat, and walked over to the door; he looked up the street intently, though Uncle had disappeared long ago. He bit his lips nervously, clenched his fist, and swore softly to himself.

Was it for this that he had served Uncle so faithfully? He had done so ever since he was fourteen years old, ever since Uncle had brought him to America as an orphan after his

— נאָר איינער, ער קען נאָך האָבן צוועלף קינדער. וואָס מיינסטו, ער קען נישט? ווי דער אַלטער פּעטריק אין דער היים...

— האָסט געזען אַ קאָרק? — ברומט אַ צווייטער.

סעם האָט געפֿילט די בליקן הינטער זיך און פֿאַרשטאַנען דאָס לאַכן. ער האָט זיך אומגעקוקט אויף די יונגען. זײַן בליק און זײַן פּנים האָבן אָנגענומען דעם זעלביקן אָנשטעל, וואָס דעם אַנקלס. און ווירקלעך איז ער ענלעך געווען צום אַנקל. שאַרפֿע אויגן, אַ שפּיציקע נאָז און אַ שטאַרקע מענלעכע קין. די יונגען האָבן זיך דערשראָקן פֿאַר אים און געמאַכט זיך רײדן וועגן ביזנעס.

ער האָט אויסגעשפּיגן און איז אַרויס פֿאַר דער טיר, נאָכקוקן דעם אַנקל, וועלכער איז שוין געווען לאַנג פֿאַרשוווּנדן. ער האָט שאַרף פֿאַרביסן די ציין איבער די ליפּן. זײַנע הענט האָבן זיך געבײַלט אין פֿויסטן און אַ קללה איז צעקריצט געוואָרן צווישן זײַנע שטאַרקע, ווײַסע ציין.

האָט ער דאָס צוליב דעם אַזוי געטרײַ געדינט דעם אַנקל, פֿון פֿערצן יאָר אָן, זינט ער האָט אים אַראָפּגעבראַכט פֿון דער היים, איבערבלײַבנדיק אַ יתום נאָך דעם פֿאָטערס טויט? געווען איז ער דעם אַנקלס אַ געטרײַער הויזהונט. דער אַנקל האָט אים צו אַלצדינג באַנוצט, געמאַכט פֿון אים זײַן לײַבשקלאַף, זײַן שפּירהונט. ער האָט געשפּיאָנעוועט בײַ די לאַנדסלײַט, בײַ דער משפּחה, וואָס האָבן געאַרבעט בײַם אַנקל, און אויסגעפֿונען ווער פֿון דער משפּחה איז געטרײַ דעם אַנקל. דער יונג האָט געטאָן פֿאַרן אַנקל זאַכן, פֿאַר וועלכע ער האָט געקענט אַרײַנפֿאַלן און פֿאַרפֿאַלן ווערן אויפֿן לעבן לאַנג. ווי דענסטמאָל ווען מען האָט געכאַפּט די גנבֿישע סחורה פֿון דער פֿינפֿטער עוועניו, וואָס ער האָט זי אײַנגעגראָבן אין קעלער. די רעקלעך און די הויזן, אויף וועלכע דער אַנקל האָט אַרויפֿגענייט זײַן לייבל [7] — האָט דאָס סעם גענומען אויף זיך, און קוים מיט צרות וואָס מען האָט אים אַרויסגענומען פֿון „טראָבל". ווען עס האָט

[7] מאַרקע, טיקעט, קלעפּצעטל.

זיך געמאַכט אַ צרה, האָט עס סעם גענומען אויף זיך. דענסטמאָל, ווען מען האָט פּלוצעם דעם „אַנקל" גערופֿן צום דיסטריקט אַטוירני [8] וועגן דער פּוילישער שיקסע, וואָס דער אַנקל האָט זי טראָגעדיק געמאַכט, אָדער מען האָט געדאַרפֿט „סעטלען" [9] מיט דעם ווײַבל פֿון דעם גאַליציאַנער רעסטאָראַן, איר צאָלן חודש־געלט — אַלץ האָט סעם גענומען אויף זיך. ער האָט פֿאַרן אַנקל דאָס לעבן אײַנגעשטעלט, און פֿאַרן אַנקל וואָלט ער נישט בלויז אין געפֿענגעניש געגאַנגען, ווען מען וואָלט געדאַרפֿט. ער וואָלט אויך אַ מענטשן געהרגעט. און אַלץ האָט ער געטאָן דערפֿאַר, ווײַל ער האָט געהאָפֿט אַ מאָל אַליין צו פֿאַרנעמען דאָס אָרט פֿון „אַנקל".

די געטרײַשאַפֿט צום אַנקל איז נישט געווען צוליב חניפֿה. עס איז געווען אַ פֿאַרגעטערונג צו דעם מענטשן, וועלכן ער האָט אָנגענומען ווי אַ פֿאַרבילד, ווי אַן אידעאַל — צו וועמען ער וויל אַ מאָל אַליין ענלעך זײַן. אין דער פֿאַרגעטערונג צום אַנקל און די געטרײַשאַפֿט צו אים איז געלעגן די געטרײַשאַפֿט צו זיך אַליין און צו זײַן אייגענער צוקונפֿט — ווען ער וועט זײַן דער „אַנקל". און מיט אַ מאָל זאָל זיך פֿון דעם גאָר נישט אויסלאָזן! דער אַנקל גייט חתונה האָבן מיט דעם „שנעק", מיט דער „אַהרן גאַרגלס" טאָכטער, וואָס האָט אים אַרײַנגעקראָגן אין די הענט אַרײַן. זי וועט האָבן מיט אים קינדער — איינס, צוויי, דרײַ, אַלץ וועט איבערגיין צו די קינדער. זי וועט שוין מאַכן, אַז זי זאָל האָבן קינדער. און ווען מען וועט דאַרפֿן, וועט זי אים קענען צושאַרן אַ פֿרעמדס אויך, אַבי זי זאָל די יורשטע זײַן. און זי פֿאַרשטייט עס שוין הײַנט. אײַנציקווײַז זעצט זי אַרײַן אין קלייט „איר משפּחה": אַ קלענערע שוועסטער — שוין אַ בוכהאַלטערין; דעם פֿאָטער אירן, אַהרן מעלניק, „גאַרגל" פֿון דער היים — געמאַכט פֿאַר אַ קאַסיר. איז וואָס וועט פֿון אים, סעמען ווערן? מען וועט אים נאָך אַ מאָל אַרויסוואַרפֿן אויך.

סעם האָט זיך דערמאָנט אין די געלעגנהייטן, וואָס ער האָט

[8] דיסטריקט־פּראָקוראָר. — [9] דערלײדיקן, זיך פֿאַרגלײַכן.

געהאַט געלט צו מאַכן בײַם אַנקל. זײַן קוזין מאַנעס, וועלכער איז אַמאָל אויך געווען בײַם אַנקל, אײדער סעם איז אָנגעקומען — דעם „אַנקלס" רעכטע האַנט — האָט אים געוואָרנט נישט איין מאָל:

— זע, סעם, פֿאַר מאָרגן זאָל גאָט זאָרגן... דו זאָרג פֿאַר הײַנט! וואָס דו האָסט אין באַנק, דאָס איז דײַנס. דאָס איבעריקע — אַ נעכטיקער טאָג. דו קענסט נישט דעם „אַנקל". ער וועט זיך נעמען אַ יונגע מויד אויף דער עלטער. געדענק, וואָס איך זאָג דיר.

סעם האָט זיך דערמאָנט אין די ווערטער פֿון מאַנעסן. מאַנעס איז עלטער פֿון אים און דערפֿאַרענער, און ער האָט אים נישט געוואָלט האָרכן. אַלץ זיך פֿאַרלאָזט אויפֿן אַנקל, געוואָלט אַלץ אַרײַנקריגן — און איצט האָט ער...



father had died. Sam was Uncle's faithful watch dog. Uncle had used him as he liked, had made a personal slave of him, a spy. He had done things for Uncle for which he might have been sent to prison. That time when the police had found stolen goods marked with the labels of Uncle's factory—Sam had taken the blame for the entire matter, and it had almost gone hard with him. That was the way it was with everything. When Uncle wanted to send money to pay off the wife of the restaurant-keeper—Sam was called in to straighten matters out, and to do all that had to be done to keep Uncle out of trouble. Sam had risked his life for Uncle's sake, and he would have gone to prison for him if necessary. And he had done all this because he hoped and expected to be Uncle's heir and successor one day.

His loyalty was not hypocritical, however. Sam really idolized the man whom he had chosen for his prototype, his ideal, and whom he hoped to emulate. In keeping faith with Uncle he kept faith with himself too, and with his own future, when he himself would be "Uncle."

And suddenly this is all to come to naught. Uncle is going to marry, to marry that young brat, Aron Gargle's daughter. She held him in the hollow of her hand. And he will have children too—one, two, three of them, and everything will belong to the children. She will certainly have a family, and if necessary she'll foist some other man's child off on him—at any rate she'll make sure that there will be someone to inherit the fortune. She knows how to handle him, that's obvious even now. Gradually she is getting her family into the business; her younger sister is bookkeeper now; her father, Aron Melnik, whom they called "Gargle" back home, has been made cashier. And what is to become of Sam? The day may come when Sam, Uncle's faithful Sam, is shown the door!

Sam thought of all the opportunities he had had—and passed by—of making a little money for himself while he had been working for Uncle. His cousin Manny, who had been Uncle's right hand before Sam had appeared on the scene, had advised him more than once:

"Listen, Sam, let Providence look after the future; you worry about the present. The money you hold in your hand is your own; nothing else counts. You don't know Uncle. When he gets older, he'll marry some young girl. Mark my words!"

Sam remembered this now. Manny was older and more experienced than he, and his advice had been good. Sam had relied on Uncle, had hoped that everything would some day belong to him—and now see what had happened!

„מען דארף אין אוונט אריינגיין צו מאנעסן. ער, מיט זיינע אדוואקאטן, מיט זיינע טעמעני האל דזשאדזשעס[10], וועט שוין אויסגעפינען עפעס א פלאן. דעם אנקל טאר מען נישט דערלאזן חתונה האבן מיט אט דער שניידערשער טאכטער, מיט אט דעם אהרן גארגל, וועלכער וועט דא ווערן דער מחותן, און דער חתן פון דער חתונה. אז נישט — זיינען אלע אין דר׳ערד, די גאנצע משפחה איז אין געפאר...“

סעם האט זיך גוט איבערגעלייגט, אויב ער זאל דאס טאן. זיין געטריישאפט צום אנקל האט אים נאך נישט דערלאזט דעם אנקל שלעכטס צו טאן. ער האט אים צו פיל פארגעטערט. ער האט אים אזוי ליב געהאט, אז אלע זיינע טאטן זיינען אים געפעלן. סעם האט זיי פארשטאנען און ער האט זיך געגרייסט מיט זיי. אפילו זיין ווילן חתונה האבן מיט מאשאן, איז סעמען אויך געפעלן. ווען עס וואלט נישט געגאנגען קעגן זיינע אינטערעסן, וואלט ער, ווארשיינלעך, דעם אנקל דערצו געהאלפן. סעמס אמביציעס פאר זיין צוקונפט זיינען אבער אזוי רייף געווארן, און ער איז שוין געווען מענלעך אויף אזוי פיל, אז ער זאל שוין קענען מקריב זיין זיינע סענטימענטן;

[10] ריכטערס, באַרימטע מיט זייערע דריידלעך.

— כאפט אים די כאליערע, דעם אלטן, קינדער וועט ער האבן!
— האט ער זיך געטראכט, דענקענדיק אין זיין אייגענער צוקונפט.

קיין כעס האט ער נישט געפילט צום אנקל. דעם כעס האט ער געהאט צום יונגן „שנעק“, צו מאשאן, און צו איר פאטער, אהרן מעלניק, וועלכע האבן זיך אריינגעגנבעט אין דער „משפחה“. זיי האט ער באטראכט פאר קאנקורענטן.

— איר, דעם „שנעק“, דער כלה זיינער, דארף מען אריינשיקן דאס ווייבל פון רעסטאראן, דעם רעסטאראטארס טאכטער מיט די פינף קינדער, וואס דער „אלטער“ האט איר אנגעמאכט. זאל זי זיך אויסטענהן מיט דער כלה.

אך, וועט דאס זיין א חתונה, ווען דאס גאליציאנער ווייבל וועט אריינקומען צו דער כלה אין טאג פון דער חתונה! די כלה וועט זיין אנגעטאן צו דער חופה צו גיין, און די וועט פארשטעלן די קינדער פאר איר:

— דו גייסט חתונה האבן מיט מיין מאן, מיט דעם פאטער פון מיינע קינדער?!

אך, וועט דאס זיין א חתונה! — האט דער יונג נקמה גענומען אין זיינע געדאנקען.

און דער „אנקל“? דער אנקל וועט זיין אנגעטאן אין א פראק — ער וועט פארשעמט ווערן! ער האט א מינוט רחמנות געהאט אויפן אנקל. ער האט זיך איבערגעלייגט, אבער זיין אייגענע צוקונפט האט זיך ווידער געשטעלט פאר זיינע אויגן. ער האט זיך דערמאנט אין ראזען, זיין אייגענער כלה, און דער יונג האט פארביסן די שארפע ציין אויף זיינע ליפן און געזאגט צו זיך:

— כאפט אים דער שווארץ־יאר! ער וועט קינדער האבן, דער אלטער!

מיט דעם נקמה־געפיל איז ער צוריק אריין אין קלייט. זיין פנים האט אנגענומען די שטרענגע באפעלערישע מינע, וועלכע ער האט זיך אויסגעלערנט פון „אנקל“. זיין קין איז געווארן שטארק און אונטער דער לאנגער, פלישיקער נאז האט זיך פארצויגן די משפחהשע גרימאסע, פאר וועלכער די לאנדסלייט האבן אזוי מורא געהאט. ער האט געגעבן א ברום אונטער דער נאז, נאכמאכנדיק דעם אנקל:

— שניידן קעש וויפל עס לאזט זיך, באיס!

דער זונטיק האט זיך שוין געהאט אנגעהויבן אין מעלניקס קלייט.

"I'll go to see Manny this very evening. He, with his political influence, and being acquainted with so many lawyers and judges, will know a way out. Uncle mustn't be allowed to marry this daughter of a tailor, he mustn't marry into Aron Gargle's family, Gargle, who's trying to play such an important role here. That would be just too bad for all of us; the entire tribe of Kusmin is in danger—."

Sam did not hesitate to take this step. His loyalty to Uncle still made it impossible for him to do anything that would really hurt Uncle. He idolized Uncle far too much, he approved of everything Uncle did. Sam understood everything that Uncle did, and was proud of him. Even Uncle's plan to marry Mascha had pleased him; and if it had not been opposed to his own interests, he would probably have helped him all he could. But Sam felt that his own future was in jeopardy, and he was a mature man now, and refused to be swayed by sentiment.

"Darn the old man—he'll have children, as sure as anything!" that was the thought that nagged him whenever he thought of his own future.

78

### "HE WILL HAVE CHILDREN"

He felt no hatred toward Uncle. His hatred and scorn were directed at that young brat Mascha and her father, Aron Melnik, who had wedged his way into the family circle. He saw her in the light of a formidable rival.

The thing to do is to send the restaurant-keeper's wife over to see the brat, send her to Uncle's fiancée, and have her take the three children along! Then she can talk things over with the young bride! A nice wedding that will be if the other woman puts in an appearance at the ceremony! The bride will be dressed and ready to step under the canopy, and then the other woman will line up her children and say: "You want to marry *my* man, the father of my children?"

Oh, what a wedding that will be! Mentally, the young man enjoyed a sweet feeling of revenge.

And Uncle? Uncle will be dressed in his fine suit, and then he'll be plunged right into a scandal. Sam felt a momentary surge of pity for Uncle. He hesitated, but then he thought of his own future again. He remembered Rachel, his fiancée, and he bit his lips angrily:

"Devil take him; he'll have children, that old man will!"

And desire for revenge filled his heart as he stepped back into the store. His face was harsh and uncompromising, and he looked like Uncle. His chin jutted forward, his lips grim and stern. The poor Kusmin workers were frightened when they saw him. And he barked at them, imitating Uncle as well as he could:

"Get to work now, get to work, and don't waste the material, do you hear?"

Sunday had begun in Melnik's factory.

עס איז עפּעס געשען מיט אַנקל מאָזעס. אַז אַנקל מאָזעס זאָל איבערלאָזן די קלייט אין אַ זונטיק און אַרויספֿאָרן פֿאַר פּלעזשור [11] אויף אַ גאַנצן טאָג מיט אַ מיידל שפּאַצירן! און ווירקלעך איז אַנקל מאָזעס אויף דער עלטער יונג געוואָרן און זיך גענומען צו אַזעלכע זאַכן, וואָס האָט אים לעכערלעך געמאַכט אין די אויגן פֿון אַלע זײַנע באַקאַנטע און דערנידעריקט זײַן ווערדע בײַ די קומינער לאַנדסלײַט. אַנקל מאָזעס האָט זיך אָנגעהויבן אויסצופּראַנטעווען אויף דער עלטער ווי אַ נײַנצניעריקער באָיטשיק. אָנגעטאָן שמאָלע, קורצע הייזלעך, אַז עס זאָלן זיך אַרויסזען די ווײַסע זאָקן. ער האָט אָנגעהויבן צו טראָגן הויכע, שמאָלע, שטײַפֿע קראַגנס, וואָס האָבן אים געפּײַניקט. אַנקל מאָזעס האָט זיך באַגאָסן מיט פּערפֿומען... בײַם „גאַליציאַנער" צום לאָנטש, וווּ דער אַנקל האָט ליב געהאַט צו עסן די פֿעטע געבראָטענע אונטערטייל־געגנדזלעך און קאַטש־קעלעך — האָבן סוחרים פֿון דער בויערי געקוקט אויף אים און געלאַכט אין די פֿויסטן. דער נײַער סיילסמען, דער וואַרשעווער יונגערמאַנטשיק, וואָס האָט זיך ערשט וואָס אויפֿגעעפֿנט אַ נײַע צי־

---

[11] פֿאַרגעניגן, אונטערהאַלטן זיך, פֿאַרוויילן.

גאַרן־קלייט אין שכנות מיטן אַנקל און איז שוין געווען באַקאַנט אין דער גאַנצער שכנותשאַפֿט פֿאַר אַ „וואַרשעווער", אַ ספּאָרט, אַ שטיפֿער, האָט אָפּגעטאָן דעם אַנקל אַ שפּיצל: ער האָט באַשטעלט בײַ דער גאַליציאַנערין, בײַ דעם ווײַבל, וואָס האַלט דעם ביזנעס לאָנטש־רום [12], אַ דרײַעקיקע קנישע אין דער פֿאָרעם פֿון „אַ האַרץ", און האָט אין מיטן אַרײַנגעקלאַפּט אַ קאָלירט בילדל פֿון אַ מיידל מיט רויטע בעקלעך, אָפּגעריסן פֿון אַ ביליקן שאָקאָלאַד־קעסטל, און עס צוגעשיקט צום אַנקל. אַנקל מאָזעס האָט געזען און געהערט, ווי מען לאַכט אים אויס, האָט פֿאַרשטאַנען דעם שפּאַס, זײַן רויטער קאַרק איז אָנגעלאָפֿן מיט בלוט, אָבער ער האָט זיך נישט געקענט העלפֿן. ער האָט געמוזט קאָנקורירן מיט אַ יונגנמאַנטשיק, מיט אַ נײַנצניעריקן קאָלעדזש־באָי, טשאַרלי, וועלכער איז אין דער לעצטער צײַט געוואָרן זייער אַן אָפֿטער גאַסט בײַ אַהרן מעלניקן און איז אויסגעגאַנגען מיט מאַשאַן. אַנקל מאָזעס האָט זייער מורא געהאַט פֿאַר דעם נײַנצניעריקן קאָלעדזש־באָי. ער האָט איבער הויפּט מורא געקראָגן פֿאַר אַלע, וואָס זײַנען יינגער פֿון אים. נאָר זײַן אײנציקע טרייסט איז געווען, וואָס דער נײַנצניעריקער קאָלעדזש־באָי טראָגט אַ פּאָר אויסגעזועסענע הויזן מיט אויסגעטראָגענע קאַמאַשן און שטאַרבט פֿאַר אַ סענט, און ער קען זיך אָנטאָן ווי דער לעצטער ספּאָרט. אַנקל מאָזעס האָט פֿאַרשטאַנען ווי לעכערלעך ער איז אין דעם, און ווי אָרעם עס איז זײַן פֿאָראורטייל קעגן טשאַרלין, נאָר אַנקל מאָזעס האָט מלחמה געהאַלטן. ער האָט שוין געהאַט אַזוי פֿעסט אָפּגעמאַכט אין זײַן מיין חתונה צו האָבן מיט מאַשאַן, מיט דעם אַכצניעריקן מיידל, וועלכן ער אַליין האָט דערצויגן, חתונה צו האָבן און קינדער צו האָבן אויף דער עלטער, קיינעם נישט אויף להכעיס, נאָר פֿאַר זיך אַליין, פֿאַר זײַן אייגענעם פֿאַרגעניגן אין לעבן. ער האָט זיך געהאַלטן אַזוי באַרעכטיקט דערצו, אַז ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען דעם חוזק, וואָס מען מאַכט פֿון אים. דאָס פּראַנטעווען

---

[12] רעסטאָראַנדל.

זיך איז בײַ אים געווען אַ מיטל צו געווינען דאָס נאַרישע האַרץ פֿון דעם יונגן מיידל. מילא, אַז זי וויל עס — דאַרף מען דאָס טאָן. און אין די קורצע שמאָלע הייזלעך מיטן ענגן צוגעצויגענעם ראָק אויף זײַן דיקן בויך, מיט דער קורץ וווילײַנגלשער פֿאַרשוירענער גרישבע [13], האָט אַנקל מאָזעס אָפּגעמאַכט ערנסטע געשעפֿטן. געדונגען זיך מיט סוחרים, פֿאַרקויפֿט און געקויפֿט הסחורה, בײַגעוווינט מיטינגען פֿון וווילטעטיקע אינסטיטוציעס, אָנגעיאָגט מיט זײַנע בליקן קוזמין צו דער אַרבעט, ווי ער וואָלט גאָר נישט געווען באַמערקט קיין לעכערלעכס אין זײַן פּראַנטעווען זיך, אין זײַן יינגלשן אָנטאָן זיך, אין זײַן פֿאַרבן און פּודערן זיך די באַקן... און ער איז געווען דער זעלביקער שטרענגער „אַנקל מאָזעס" אין זײַנע האַלב יינגלשע פֿאַרשטעלטע קליידער, ווי ער איז געווען אין זײַן אַלטן טעגלעכן לעבן.

דרײַ יאָר האָט אַנקל מאָזעס מיט געדולד געוואַרט אויף דער פֿערצניעריקער מאַשאַ ביז זי וועט אויסוואַקסן. יעדע פּאָר טעג איז ער געקומען צו אַהרן מעלניק באַטראַכטן זײַן צוקונפֿטגליק און געקוויקט זיך אין פֿאַרבאָרגענע זיסע פֿאַנטאַזיעס — וועגן די גליקזעליקייטן וואָס שטייען אים פֿאָר. ער האָט זי באַטראַכט ווי מען באַטראַכט אַ וואַקסנדיק אייגנטום. אַז מאַשאַ איז אַלט געוואָרן זיבעצן מיט אַ האַלב יאָר, האָט זיך אַנקל מאָזעס גענומען זײַן טיף

מאשאן ארויסצונעמען — ארויסצוּנעמען, נישט מער ווי ער האָט זי ביז איצט ארויסגענומען ווי אַ קינד, נאָר ווי אַ דערוואַקסן, פאַרשטענדיק מיידל, וועלכע פאַרשטייט דאָס גרויסע גליק, וואָס איז איר באַשערט — און זיך צו באַציִען צו איר מענלעך — און ווײַזן איר זײַן קראַפט...

ער האָט געשמייכלט צו זיך אַליין און עס איז אים גוט געוואָרן דערמאָנענדיק זיך אין מאַשאַן, ווען ער איז געפאָרן צו איר, איצט,

---

[9] גושיבע, די האָר פאַרנט צעטיילט אין דער מיט.

אין דעם פרישן זומער־מאָרגן, וועלכער איז נאָך אָפּגעקילט געווען פון בײַנאַכטיקן רעגן און האָט שוין געדישעט מיט דער שפּעטער־דיקער פײַכטער היץ. ער האָט זי געזען אין דעם ווײַס באַטיסטענעם קלײדל, פון קאָפּ ביז צו די פיס, ווי עס שפּראָצט איר קערפּער אונטער דעם קלײדל, זינט זי איז אויפגעוואַקסן געוואָרן האָט דער „אַנקל" ליב געהאַט מאַשאַן צו זען אין ווײַסן. ווײַס האָט אים דערמאָנט אין עפּעס אײַנגענעמס... ער האָט זיך פאַרגעשטעלט נאָך דער חתונה, ווי זי ליגט אין קימפּעט, מיטן קינד, זײַן קינד, און ער גייט־אַריין צו איר, אַ ביסל אָנגעטרונקען, אויפגערוימט, און זי קוקט־אַרויס פון בעט אין ווײַסן, און איר פּנים זעט־אויס ווי געפּײַניקט, און זי קוקט אויף אים בעטנדיק זיך בײַ אים רחמנותדיק. ער איז צופרידן געווען דאָס צו דענקען, וואָרעם זײַן אינערלעכע באַהאַלטענע פרייד איז געווען מאַשאַן צו זען אין קימפּעט, און זי זאָל האָבן אַ געפּײַניקט בלייך פּנים — דאָס האָט אים איר ווײַס קלײדל דערמאָנט, צוליב דעם האָט ער איר ווײַסע קלײדלעך געמאַכט מתנות. ער האָט זי געבעטן הײַנט, זונטיק, זיך אָנצוטאָן אין ווײַסן באַטיסטענעם קלײדל — ער האָט אָפּגערעדט מיט איר אַרויסצופאָרן אויף אַ גאַנצן זונטיקדיקן טאָג אין אַ נאָענטן באָדפּלאַץ.

***

מאַשאַ האָט שוין געוואַרט אויף אים און, ווי ער האָט איר אָנגעזאָגט, אין ווײַסן. דורך די פּאָר יאָר, וואָס דער אַנקל האָט זיך אינטערעסירט מיט איר און זי אויפגעצויגן, איז זי צוגעוווינט געוואָרן צו אים ווי צו אַ פאָטער. זי האָט זײַנע קאַפּריזן צוליב געטאָן ווי אַ קינד, ווי אַ קלוג קינד טוט אָפּט מאָל צוליב אַ צעלאָזענעם טאַטן. זי איז אויפגעצויגן געוואָרן דעם אַנקל צו האַרכן און אַלצדינג צוליב טאָן. איר פאָטער, איר מוטער, איר גאַנצע משפּחה און אַלע לאַנדסלײַט האָבן זי אַזוי געלערנט. און נישט נאָר געלערנט, נאָר אַלע האָבן דעם אַנקל געהאָרכט. און נישט נאָר בלויז צוליב געטאָן זײַנע קאַפּריזן, נאָר פאַרן אַנקל וואָלטן זיי אַלצדינג געווען געטאָן. אַפילו ווען ער וואָלט געוועזן פאַרלאַנגט פון זיי זייערע פאַרבאָרגנסטע, הייליקסטע, אינטימסטע אייגנטום — וואָלטן זיי אים אָוועקגעגעבן... זיי זײַנען איבער הויפּט גליקלעך געווען, ווען דער אַנקל האָט וועמען באַגליקט מיט באַפעלן אים. און ווען דער אַנקל האָט זיך אויסגעפרעגט אויף וועמענס ווײַב אָדער דערוואַקסענער טאָכטער — איז יענער געהויבן געוואָרן אין די אויגן פון די לאַנדסלײַט...

אַלע לאַנדסלײַט זײַנען מקנא געווען און נישט פאַרגונען אַהרן מעלניקן דאָס גליק, וואָס דער אַנקל אינטערעסירט זיך מיט מאַשאַן, און צוליב דעם איז מאַשאַ געוואָרן דאָס ווינטש־פינגערל פון אַנקלס האַרץ. ווי אַ לאַנדסמאַן האָט עפּעס געהאַט אַ בקשה צום אַנקל — אַ טאָכטער חתונה צו מאַכן, אַ משפּחה אַראָפּצונעמען, געלט אַהיים צו שיקן — איז מען געקומען צו מאַשאַן. און וועמען ער האָט געוואָלט, האָט אַהרן מעלניק, איר פאָטער, צוגעזאָגט טובֿות. מען האָט געחנפעט אַהרן מעלניקן, ווי אַמאָל סעמען, און ראָזע, זײַן ווײַב, האָט באַשטימט דעם גורל פון די קומינער לאַנדסלײַט. אַלץ צוליב דעם ווינטש־פינגערל מאַשאַ, וואָס האָט געפונען אַזאַ לײַטזעליקייט אין די אויגן פון דעם אַנקל.

מאַשאַ האָט זיך אויפגעצויגן אין דער אַטמאָספער, און כאָטש זי האָט שוין אָנגעהויבן צו פאַרשטיין (מיטן געפיל האָט זי עס שוין לאַנג געשפּירט) די העסלעכע ראָלע, וואָס זי שפּילט, דאָך האָט זי זיך נישט געקענט העלפן. טאַטע־מאַמע, די משפּחה און אַלע לאַנדסלײַט האָבן עס געהאַלטן פאַר אַזאַ גרויס גליק, וואָס האָט איר געטראָפן, אַז זי האָט נישט געוואַגט קיין וואָרט צו ריידן אָדער אַנדערש צו טראַכטן. און ביז לעצטנס האָט זי עס ווירקלעך געהאַלטן פאַר אַ גליק. נאָר אין דער לעצטער צײַט, וואָס אַנטוויקלטער און עלטער זי איז געוואָרן, האָט זי אָנגעהויבן צו פילן, אַז זי וועט עפּעס באַדאַרפן באַצאָלן פאַר דאָס גליק. עס איז איר נאָך נישט גאַנץ קלאָר געווען, וואָס אַזעלכעס וועט זי באַדאַרפן באַצאָלן, נאָר זי

עס איז געווען אַ ייִדישער האָטעל פֿאַר אַלרײטניקעס [24] אין דער נאָענט פֿון ים, וווהין עס איז פֿאַרפֿאָרן דער אויטאָמאָביל מיט אַנקל מאָזעס און מאַשאַן. אויפֿן פֿאָרטש [25] זײַנען געזעסן דיקע ייִדישע ווײַבער פֿון אַלרײטניקעס, געפּודערט, אין באָד־קאָסטיומען אָנגעטאָן, האָבן געשפּילט אין קאָרטן. ווו נישט ווו האָט זיך בײַ אַ קרענצל פֿרויען אויך באַוויזן אַ יונגער־מאַן, אויך אין באָדקאָסטיום. נאָר ער איז אויך געווען אַזוי פֿעט און אָנגעטאָן, אַז מען האָט געמיינט, אַז ער איז אויך אַ ייִדענע... די באַלעבאָסטע פֿון האָטעל איז זיי אַקעגן געקומען. די געסט אויפֿן פֿאָרטש האָבן אַ מינוט אויפֿגעהערט צו שפּילן און מיט נײַגעריקייט געוואָרפֿן בליקן אויף דעם פּאָרל, וואָס איז אָנגעקומען. אַלע האָבן געקענט דעם אַנקל מאָזעס. ער איז געווען פֿון זייער אייגענער משפּחה אין ביזנעס, און געוווּסט פֿון זײַנע באַציִונגען צו מאַשאַן. די ווײַבער האָבן אים אַקעגן געשריִען פֿון די טישלעך:

— מיסטער מעלניק, נישט געזען מײַן מאַן?

— יעס, געזען.

— ער קומט־אַרויס?

— ער שוויצט אין שטאָט, מיסעס! — האָט דער אַנקל ברייט אָפּגעענטפֿערט.

מיסעס פֿליישמאַן האָט אָנגענומען מאַשאַן בײַ דער האַנט און געשמייכלט איר אין פּנים אַרײַן, נישט וויסנדיק ווי זי צו באַגריסן.

— דאָס איז מײַן כּלה, מיסעס פֿליישמאַן! — האָט אַנקל מאָזעס פֿאָרגעשטעלט מאַשאַן.

מאַשאַ איז בלייך געוואָרן און דערשראָקן. און נישט געפֿונען קיין כּוח אַ וואָרט צו ריידן.

בײַ די טישלעך מיט די נאַקעטע פֿרויען אין די קאָסטיומען, ווו מען האָט אין קאָרטן געשפּילט, איז אַרומגעגאַנגען אַ געמורמל ווי אין בינשטאָקן...

[24] פּאַרוועניוס. — [25] גאַניק.

young men among them too—also wearing their bathing suits—plump young men, feminine in appearance. The hostess at the restaurant, Mrs. Fleischmann, a well-known marriage broker, came up to greet her new guests. The card-players on the veranda stopped their game for a moment, and glanced curiously toward the newly-arrived couple. All of them knew Uncle Moses, he belonged to their group, and they also knew about Mascha. The women called to him from their tables:

"Mr. Melnik, did you see my husband today?"

"Yes, I saw him."

"Is he coming out?"

"He's perspiring back in town, dear lady," answered Uncle, with a self-satisfied smile.

Mrs. Fleischmann took Mascha by the arm, and smiled at her, but she didn't quite know what to say.

"This is my fiancée, Mrs. Fleischmann," said Uncle Moses by way of introduction.

Mascha went pale, she was so startled, and couldn't say a single word.

But the card-tables at which the women were busy with their cards seemed suddenly to have turned into bee-hives, so great was the humming and buzzing that arose.

## 4 מאַנעס אַגיטאַטאָר

אַנקל מאָזעס האָט זיך גענומען אויף ערנסט אַ חתן צו ווערן. ער האָט באַפֿוילן אַהרן מעלניקן, אַז ער זאָל צוגרייטן אַ גרויסע תּנאָים און אײַנלאַדן אַלע קוזמינער לאַנדסלײַט. ביר און בראָנפֿן וויפֿל זיי ווילן אויף זײַן חשבון. און ער אַליין, דער אַנקל, איז אַרומגעגאַנגען מעשה חתן. עס איז געווען אַ פֿרייד און אַ לוסט צוצוזען, ווי ער פֿירט זיך אויף, ווי ער קויפֿט־אײַן די כּלה־מתּנות, און ווײַזט זיי אַלעמען. די קוזמינער לאַנדסלײַט האָבן זיך געפֿרייט מיט דעם, וואָס דער אַנקל איז אַ חתן געוואָרן, ווי מיט זייער אייגענער שמחה. זיי האָבן נאָר נישט פֿאַרגונען אַהרנען דאָס גליק. און ווידער האָבן זיי זיך געטראַכט, גלײַכער אַן אייגענער זאָל אַרײַנקומען אין „שמאַלצגרוב" אײדער אַ פֿרעמדער. מען קען גיכער אַ טובֿה קריגן. און האָבן געחנפֿעט אַהרן מיט זײַן ווײַב, מיט זײַנע קינדער, ווי דורך זיי וואָלט מען צוגעקומען צום העכסטן גליק.



דערווײַל איז סעם, דער קוזין, ניט געשלאָפֿן. נאָך דעם זעלביקן אָוונט, ווען דער אַנקל איז אַרויסגעפֿאָרן מיט מאַשאַן, איז סעם אַוועק צו זײַן קוזין מאַנעס, מיט אים זיך מיישבֿ צו זײַן וואָס צו טאָן, צו פֿאַרהיטן דאָס אומגליק, אַז דער אַנקל זאָל נישט חתונה האָבן.

מאַנעס אַליין, פֿון גאַנץ קוזמין, האָט געפֿירט דאָ, אין אַמעריקע, דאָס זעלביקע לעבן ווי ער האָט געלעבט אין דער היים. אין דער היים איז מאַנעס געווען אַ ווילער יונג. ער האָט מלחמה געהאַלטן מיטן גאַנצן שטעטל, מיטן רבֿ, מיטן נגיד, מיטן פּראָצענטניק, מיט אַלע זייערע מנהגים און פֿירונגען, און ער האָט געפֿירט זײַן אייגן אַרט לעבן. מאַנעס האָט זיך אין דער היים געחבֿרט מיט שקצים. דער איינציקער ייִד, וואָס האָט געהאַלטן טויבן, האָט נישט געקענט פֿאַרטראָגן קיין עוולה, סײַ קעגן זיך און סײַ קעגן פֿרעמדע, און האָט קיין מאָל נישט געקלאָגט זיך פֿאַרן געריכט. נאָר האָט געהאַט זײַן אייגן געריכט, ער איז געווען דער שופֿט און ער האָט באַצאָלט פֿאַר אומרעכט. גאַנץ קוזמין געדענקט דאָס שפּיצל, וואָס מאַנעס האָט אָפּגעטאָן קעגן יואל פּראָצענטניק.

## CHAPTER XIII

### *Manny, the Agitator*

Uncle Moses went about the business of getting married very seriously; he ordered Aron Melnik to give a glorious engagement party, and to invite all the Kusmin countrymen. They were to have all the beer and whiskey they wanted, and Uncle was to pay for it all. Uncle himself went about like a happy bridegroom. Really it was a pleasure to see him. He brought many presents for his fiancée—and he made sure that everyone saw them.

The Kusmin countrymen were glad that Uncle was going to be married; it was like having a little happiness fall to the lot of someone in one's own family. But they did begrudge Aron his good fortune. And yet—certainly it was better for one of their own number to have access to this gold mine than if it had been an outsider. It was easier for everyone else to get at it this way. So they made themselves as agreeable as possible to Aron, his wife and his children, and acted as though all of life and happiness depended upon them.

But meanwhile Sam, Uncle's nephew, had not been idle. On the evening of the Sunday on which Uncle had gone out riding with Mascha, Sam had gone to see his cousin Manny to ask for advice as to how to prevent this calamitous marriage of Uncle's.

Manny was the only Kusmin countryman who had adapted himself perfectly to America. Back in Poland Manny had been regarded as a unique personality. He had always been at sword's points with all the village, quarreling with the rabbi, the lead-

ווען מאַנעס איז אַהיים געקומען פֿון סאָלדאַטן, האָט ער געפֿונען, אַז דאָס שטעטל קוזמין איז געווען אין גאַנצן פֿאַרשולדיקט בײַ יואל פּראָצענטניק, וועלכער איז געווען דער רײַכסטער מענטש פֿון שטאָט. אַלע הײַזער זײַנען געווען פֿאַרמשכּנט בײַ יואלן, אַלע כּלה־מתּנות, חתונה־געשאַנקען ליגן אין אַ גרויסן קאָמאָד בײַ יואל פּראָצענטניק. דאָס שטעטל קרעכצט אונטער דעם שווערן יאָך פֿון צינדזן, וואָס יואל פּראָצענטניק האָט אויף די אײַנוווינערס אַרויפֿגעלייגט. אַלע אַרבעטן פֿאַר אים. און אַז יואל גייט־אַרום יעדן פֿרימאָרגן איבער די הײַזער אויפֿמאָנען זײַנע צינדזן, פֿאַלט־אָן אַ שרעק אויף די אײַנוווינערס. מאַנעס האָט נישט געקענט אַריבערטראָגן די עוולה. האָט ער זיך מיישבֿ געווען מיטן סטאַרשי סטראָזשניק וואָס צו טאָן. בײַ יואלן האָט געדינט אַ מויד, זי האָט געוווּסט ווו די אַלע משכּנות זײַנען באַהאַלטן. די מויד איז אָבער געווען געטרײַ יואלן און נישט געוואָלט אַרויסגעבן. האָט מאַנעס איר צוגעשאַרט אַ יונג פֿון זײַנע יונגען פֿאַר אַ חתן. דעם חתן האָט מען צוגעזאָגט נדן, האָט ער אַרויסגעקראָגן פֿון דער מויד, אַז יואל האַלט די משכּנות פֿאַרשטעקט אין גרויסן שופֿלאָד און די שליסלען אונטערן קישן. האָט ער אָפּגעמאַכט מיט דער מויד, אַז זי זאָל בײַ נאַכט די טיר עפֿענען אין דער שטיל. בײַ נאַכט איז מאַנעס צוגעפֿאָרן מיט אַ פֿור פֿאַר יואלס הויז, אַרויסגענומען מיט נאָך אַ יונג דעם גאַנצן קאָמאָד פֿון שטוב, אַרויפֿגעלייגט אויף דער פֿור און אָוועקגעפֿירט צום וואַסער. די וועקסלען האָט מאַנעס צוריקגעשיקט יעדן באַלעבאָס אין שטוב אַרײַן. די אָרעמע משכּנות, די זילבערנע לײַכטערס, חופּה וקידושין־פֿינגערלעך, אויערינגלעך, יעדן איינעם אָפּגעגעבן נאָך דעם נאָמען, וואָס איז געשטאַנען אויפֿגעשריבן אויפֿן קוויטל, וואָס איז געהאַנגען בײַ יעדן משכּון (יואל איז געווען אַן אַקוראַטנער מענטש). די גאָלדענע זייגערס האָט דער „סטאַרשי סטראָזשניק"[26] צוגענומען פֿאַר זיך און דאָס באַרע געלט, וואָס האָט זיך געפֿונען אין שופֿלאָד, האָט מאַנעס צוגענומען פֿאַר זיך. די מויד, וואָס האָט אויפֿגעעפֿנט די טיר, האָט ער געגעבן אַ פּאָר הונדערט רובל נדן, חתונה געמאַכט זי מיטן חתן, און דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך געפֿרייט און געטאַנצט אויף דער חתונה.

דעם ליידיקן קאָמאָד האָט מאַנעס די צווייטע נאַכט געבראַכט צו פֿירן צו יואלן און אים אָוועקגעשטעלט הינטער דער טיר.

אַזוי האָט מאַנעס אַמאָל באַפֿרײַט קוזמין פֿון אונטער יואל פּראָצענטניקס שווערן יאָך. די קוזמינער לאַנדסלײַט דערציילן נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג דעם נס פֿון דער באַפֿרײַונג און בענטשן אים די הענט.

אַז מאַנעס איז אַראָפּגעקומען אין אַמעריקע (געמוזט אַנטלויפֿן, טאָקע צוליב דער גנבֿה), האָט ער לאַנג אין שאָפּ בײַם אַנקל מאָזעס נישט געקענט אײַנזיצן. מאַנעס איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט

[26] דער עלטסטער שומר, פּאָליציסט, דער שעף.



זיך באַפֿרײַט פֿון אַנקל מאָזעס' שאָפּ און האָט דאָ, אין אַמעריקע געפֿירט דאָס זעלביקע לעבן וואָס אין דער היים. ער האָט באַלד דערכאַפּט די אַמעריקאַנער לופֿט און אײַנגעזען, אַז אויב ער זאָל לעבן נאָכן געזעץ, וועט ער לאַנג נישט דערלעבן, און וואַרטן ביז עס וועלן אַנדערע, בעסערע געזעצן געמאַכט ווערן, קען ער דערווײַל אַרײַנוואַקסן אין קבֿר אַרײַן. האָט זיך מאַנעס געזאָגט, אַז מען דאַרף זיך אַן עצה געבן. האָט ער באַלד אײַנגעזען, אַז אין אַמעריקע איז דער עיקר גוטע ברידער, אַ סך גוטע ברידער צו האָבן, און איינער זאָל דעם אַנדערן געבן אַ „שאָו"[27]. איז מאַנעס באַלד געוואָרן אַ מעמבער[28] פֿון אַ סך „סאָסייעטיס"[29]. נאָר דער טעטיקסטער „מעמבער" איז ער אין דער „סאָסייעטי" צו קעמפֿן קעגן פּראָהיבישאָן[30]. מאַנעס האָט שוין אײַריש־לײַט פֿאַר גוטע ברידער. ייִדן האָט ער פֿײַנט — ווינען ווינט ער צווישן די אײַרישע, נישט ווײַט פֿון די יאַטקעס. געוואָרן איז ער אַ קאָנטראַקטאָר בײַ הײַזער, האַלט אַ פּאָר פּוילישע שקצים מויערערס, מאַלערס און גוטע־ברידער שאַרן־אונטער אַרבעט. מאַכט זיך „טראָבל", קומט מען צום „קעפּטען"[31] אַליין, אַז נישט — צום באָס[32], צום פּאָליטישן באָס פֿון דיסטריקט. דערפֿאַר, אַז עס קומט צו די „עלעקשנס"[33], איז מאַנעס „אָלרײַט". דאָס גאַנצע פֿענצטער איז בײַ מאַנעסן פֿאַרהאַנגען מיט פּיקטשורס[34] פֿון זײַנע „לײַטע". מאַנעס לויפֿט־אַרום צו די לאַנדסלײַט און אַגיטירט. מאַנעס גיט טיפּס[35]. מאַנעס אַרבעט אויף אַלע כּלים. אין דעם טאָג פֿון „עלעקשנס" טוט זיך מאַנעס אָן פֿאַר אַן אײַרישמען, אין אַ גרינעם נעק־טיי[36] און שטעלט זיך אַוועק „וואָטשען"[37]. נישט איין מאָל קומט־אויס צו איבערצײַגן די קעגנערס מיט הענט־אַרגומענטן, און אויף דעם איז מאַנעס דער בעסטער אַגיטאַטאָר אין

[27] ספּעקטאַקל, שפּיל (אונטערהאַלטן). — [28] מיטגליד. — [29] געזעלשאַפֿטן, פֿאַראיינען. — [30] פֿאַרבאָט אויף אַלקאָהאָל־געטראַנקען. — [31] קאַפּיטאַן. —

דיסטריקט. ווען מען דאַרף מאַנעסן, שלעפּט מען אים פֿון איין עלעקשאַן־סטיישאַן [38] צום אַנדערן, אַז ער זאָל דיסקוטירן מיט די הענט. דער באָס פֿון דיסטריקט האָט אים אַ נאָמען געגעבן „אַגיטאַטאָר", אין קלוב פֿון די „אַנטי־פּראָהיבישאַן", וואָס געפֿינט זיך אויף דער עק גאַס, ווו עס זײַנען געהאַנגען די בילדער פֿון אַלע געוועזענע באָסעס, איז מאַנעס באַרימט ווי דער בעסטער אַגיטאַטאָר.

פֿאַר נאַכט, אין דעם טאָג פֿון די וואַלן, אײדער די רעזולטאַטן זײַנען נאָך באַוווּסט, באַהענגט מאַנעס דאָס גאַנצע הויז זײַנס מיט בעזעמער, מיט גרויסע ברומס [39], און ער און זײַן ווײַב און אַלע זײַנע קינדער האַלטן גרויסע גראַגערס אין די הענט און גראַגערן־אַרויס די אַנדערע פּאַרטיי...

דאָס יאָר איז מאַנעס אַלרײַט. דער גאַנצער דיסטריקט באַלאַנגט צו אים. דער ריכטער איז זײַנער און דער דיסטריקט־פּראָקוראָר איז זײַנער און אַלע „קאָפּס" זײַנען זײַנע. די גאַנצע שטאָט איז זײַנע. דורך דעם פֿילט זיך מאַנעס שטאַרק דאָס יאָר. און מאַנעס איז באַרימט בײַ אַלע זײַנע לאַנדסלײַט דאָס יאָר. און ווען עמעצער פֿון די קוזמינער לאַנדסלײַט האָט געהאַט עפּעס „טראָבל", עפּעס צו טאָן מיט פּאָליצײַ אָדער מיט דעם ריכטער, איז מען געגאַנגען צו מאַנעסן, און מאַנעס האָט שוין געמאַכט אַזוי, אַז עס איז געווען „אַלרײַט".

און ווירקלעך האָט מאַנעס באַזעסן אַ געוויסן געפֿיל צו גערעכטיקייט. ער האָט פֿון דער נאַטור נישט געקענט אַריבערטראָגן קיין עוולה. די אײַנאָרדענונג פֿון דער וועלט, אין וועלכער ער האָט געלעבט, איז געווען אַזאַ, אַז נישט אַלע מאָל זײַנען די אײַנריכטונגען געגאַנגען האַנט בײַ האַנט מיט דער גערעכטיקייט. און נישט אַלע מאָל איז געווען אַזוי לײַכט צוצוקומען צום געזעץ און נישט אַלע מאָל איז דאָס געזעץ געווען גערעכט. דורך דעם האָט מאַנעס געפֿו־

[38] װאַלפּונקט. — [39] בעזעמער.



נען דעם וועג פֿון זײַן פּאַרטיי, צו שטיצן גוטע־ברידער און אַנצונעמען זיך פֿאַר אַן אייגענעם, אַ פֿיל נענטערן און גלײַכערן וועג צו גערעכטיקייט ווי דאָס טויטע וואָרט פֿון געזעץ. דורך דעם איז מאַנעס געווען אַן אמתער, געטרײַער דינער און איבערגעגעבענער צו זײַן פּאַרטיי, ווײַל ער האָט זי געהאַלטן פֿאַר די בעסטע און גערעכטסטע. פֿאַרן ריכטער, דעם לידער פֿון זײַן פּאַרטיי, וואָס איז נאָך דערצו געווען אַ ייִד, וועלכער האָט שטענדיק געגעבן מאַנעסן די האַנט, ווען מאַנעס האָט אים אָנגעטראָפֿן אין גאַס, און ער פֿלעגט אים זאָגן „העלאָו, אַגיטאַטאָר!" — פֿאַר דעם „דזשאַדזש" וואָלט מאַנעס אָוועקגעגעבן דאָס לעבן. אין דעם ריכטער האָט מאַנעס געזען אַ פֿאַרקערפּערונג פֿון זײַן אידעאַל. ריכטער גרינפֿעלד איז געווען זײַן מענטש; אַז מען האָט עפּעס באַדאַרפֿט, איז ער צום ריכטער אַהיים געגאַנגען און זיך דורכגעשמועסט מיט אים. פֿאַר דעם ריכטער האָט מאַנעס נישט געהאַט קיין געהיימעניש. דעם ריכטער האָט ער געזאָגט דעם אמת, און דער ריכטער האָט אים געלערנט, ווי אַזוי ער זאָל זאָגן מאָרגן אין געריכט פֿאַר אים.

ריכטער גרינפֿעלד איז געווען מאַנעסעס אידעאַל און דורך דעם וואָס ריכטער גרינפֿעלד איז נאָך געווען אַ ייִד, און אַ גוטער ייִד דערצו, וועלכער האָט יעדן שבת געדאַווענט — איז ער געווען מאַנעס' שטאָלץ. און כאָטש מאַנעס אַליין איז נישט פֿרום געווען און מאַנעס אַליין האָט נישט געקערט פֿאַר גאָט, דאָך איז עס אים געפֿעלן, וואָס דער ריכטער גייט דאַווענען יעדן שבת און איז אַ מאַכער אין ייִדישע חבֿרות. און דערפֿאַר, וואָס אין אַמעריקע איז פֿאַראַן אַ ייִדישער ריכטער, וואָס אין אַמעריקע איז פֿאַראַן אַזאַ פּאַרטיי ווי זײַנע, וואָס טוט פֿאַר אַ גוטן־ברודער אַלץ, האָט מאַנעס ליב געהאַט אַמעריקע — דאָס לעבן. אַמעריקע — „מײַ קאַונטרי" [40] — פֿלעגט מאַנעס מיט שטאָלץ טענהן צו די אײַריש־לײַט. און מאַנעס איז געווען אַ גרויסער פּאַטריאָט פֿון אַמעריקע און פֿון ריכטער גרינפֿעלד,

[40] מײַן לאַנד.

ing citizen, and the money-lender indiscriminately. He had opposed everything they did and tried to do and had lived his own life. Manny had even associated with the Christian boys in the village; and he had been the only one of the Jewish boys who had kept pigeons.

So when Manny came to America he refused to put up with conditions in Uncle Moses' shop for very long. He soon grew to understand the spirit of America, and he made up his mind that if he were to live according to the law he would never get anywhere, and if he were to wait until the laws were changed he would die waiting. Manny knew what to do. He understood the importance of having good friends, a lot of good friends, who will stand by one another. "I have a friend," he regarded as the American way of getting along. So he joined many lodges and organizations; and he was active in the "Anti-Prohibition Society." He had the windows of his home filled with political placards. He visited his countrymen, and urged them to come out and vote. He made political promises. At election time he was always busy at the polls. He was very good at fistic debate too. In fact, he was sometimes sent outside his own district for that very purpose. Manny was well known everywhere—in the Anti-Prohibition Society, on the street, and in all political circles.

On the evening of election day, even before the returns came in, Manny used to decorate his whole house with lanterns and banners, and to greet the election returns with noise-makers—if the returns were favorable.

This was a great year for Manny. The whole district was his. The judge, the district attorney, all the leaders, were "his" men; in short, the town belonged to Manny. And he was quite conscious of it. His countrymen stood more in awe of him than ever. Whenever one of them had to appear in court, or was





in trouble with the police, he came to Manny to get it fixed up. Not that Manny was without a sense of justice. He felt that under the existing order of things justice was not always fairly administered. He couldn't agree with the law in everything, or feel that the law was always just. That was why Manny considered the customs of his party, its way of helping friends and standing by them, as much better, and also much more just, than the dead letter of the law. And Manny served his party loyally and faithfully, because he considered this to be the way to keep the law. As for the Judge—the Judge was a Jew, and the Judge always greeted Manny with "Hello, agitator," and shook hands with him, whenever they met on the street—well, Manny would have sacrificed his life for this man. In him, Manny recognized the embodiment of his ideal. Yes, Judge Greenfield was his man. Whenever anyone approached Manny about anything, Manny went to the Judge's home to see him, and discussed the matter thoroughly. Manny had no secrets from the Judge. He told Judge Greenfield the whole truth, and the Judge always told him just what to say and do at the trial.

Judge Greenfield was Manny's ideal, and since he was a Jew, and a good Jew too, and attended the synagogue regularly, Manny was proud of him. Although Manny himself was not a devout Jew, and didn't worry much about God, still it pleased him to know that the Judge attended the synagogue and belonged to Jewish organizations. And because in America there are Jewish judges, because in America there are political parties like those to which Manny belonged, parties which will do anything to help a good friend—that was why Manny loved America more than his own life. "America, my country," Manny repeated constantly with his Irish constituents. Manny was ardently patriotic, and admired Judge Greenfield particu-

— ליגסט דאָך אין דר'ערד. איך האָב דיר שטענדיק געזאָגט: טהייק קער אָף יורסעלף[44]. זאָג מיר, האָסטו זיך עפּעס אָנגעגרייט?

— איך בין אים געטריַי געווען ווי אַ הונט, נישט קיין גראָשן קיין אייגענעם, נישט פאַרגונען צו ספּענדן אַ ניקל[45]. איך האָב אים געדינט ווי אַ געטריַיער הונט. איצט, וואָס? זי וועט מיך נאָך הייסן גיין אויך... וואָס בין איך ביַי איר? ווער בין איך? — האָט זיך דער גרויסער סעם צעוויינט פאַר מאַנעסן.

מאַנעס האָט געהאַט אַ ווייך האַרץ און, ווי געזאָגט, אַ געפיל פאַר גערעכטיקייט. ער האָט נישט בלויז רחמנות געהאַט אויפן יונג, ער האָט אויך איַינגעזען די גאַנצע גערעכטיקייט פון דעם יונג וואָס וויל נישט, אַז דער אַנקל זאָל חתונה האָבן, כּדי די ירושה ניט צו פאַרלירן. און דערפאַר איז ער געווען דעם אַנקל געטריַי און ערלעך אים געדינט. מאַנעס האָט געפילט דאָס באַדערפעניש דעם יונג צו העלפן.

— ער האָט דאָך, דאַכט זיך, געהאַט צו טאָן מיט אַ וויַיבל?

— ער האָט פון איר דריַי, פיר קינדער, וועלכע ער האַלט־אויס.

— און וואָס שוויַיגסטו, נאַר, פיר מיך נאָר אַהין צו דער ייִדענע. ער וועט שוין ניט חתונה האָבן, דער אַלטער.

— מאַנעס, טו אים נישט קיין שלעכטס. עס איז אַ רחמנות אויפן אַלטן! — האָט סעם געזאָגט אַרויסגייענדיק.

— וואָס הייסט איך וועל אים טאָן שלעכטס? ער איז דאָך מיַין אַנקל אויך און עפּעס אַן אַלטער מאַן! — האָט מאַנעס אָפּגעענטפערט מיט אַ באַליידיקונג.

[44] גיב אַכטונג אויף זיך אַליין. — [45] אויסצוגעבן אַ סענט.



nephew of his inheritance. It didn't seem fair, when Sam had been so faithful all these years, and Manny felt that it was up to him to help the young man:

"If I'm not mistaken," he suggested, "Uncle has been having an affair with some woman, hasn't he?"

"Oh, yes, she has three children by him, and he pays her off every month."

"And you sit back and don't say a word, you fool? Say—lead me to her. He won't be getting married so soon, that old man won't."

"Manny, don't do anything that will get Uncle into trouble; after all, he's an old man, I feel sorry for him," said Sam as he went out.

"Oh, nonsense, I won't hurt him; he's my Uncle too, isn't he, and an old man besides," answered Manny, rather grandly.



## 5 אַנקל מאָזעס זעט אַלץ פאָרויס

אַנקל מאָזעס האָט אָבער אַלץ פאָרויסגעזען און ווי אַ געניטער סוחר האָט ער ליב געהאַט, איידער ער גייט אָפּטאָן אַ ביזנעס, זאָל ער זיך מיט אַלעמען פאַרזיכערן, אַז קיין איבעררעשונגען, קיין אַנטוישונג זאָל זיך מיט אים נישט טרעפן. אַנקל מאָזעס האָט זיך געקליבן אַ חתן צו ווערן מיט מאַשאַן, איז ער אַוועק צום מאַנס וויַיבל, מיט וועלכער ער האָט קינדער געהאַט, און דורכגעקומען מיט אים.

— וואָס ווילסטו, זאָג?

דער וויַיבלס מאַן איז געווען אַ קליין, נידעריק, שוואַרץ, ברוין ייִדל, אַ שוואַרצהאָריק באַוואַקסענער, דאָס פּנים, די הענט, דער האַלדז — אַלצדינג, וואָס מען האָט ביַי אים אַרויסגעזען, איז געווען באַוואַקסן מיט האָר. פון די האָר האָבן זיך אויסגעבלישטשעט צוויי שוואַרצע אייגעלעך, ווי צוויי שוואַרצע מיַיזלעך. ער איז געווען ביַים וויַיבל אונטערן פּאַנטאָפל. דאָס וויַיבל האָט געפירט אַ „לאַנטש רום". אַ ביסל לעמבערגער שנאַפּס, זיסן, היימיש געמאַכטן, מיט פעטע לעבערלעך צו פאַרביַיסן האָט מען געקראָגן אין רעסטאָראַנדל. און דערפאַר וואָס דאָס וויַיבל איז געווען אַ חנעוו׳דיקע, מיט אַ פּאָר חן־גריבעלעך, וואָס האָבן זיך געשפּיגלט אין אירע פעטע בעקלעך, האָט זי געצויגן צו זיך עלטערע סוחרים. די ביזנעסליַיט האָבן אויף איר געזאָגט, אַז זי איז אַזוי באַטעמט, ווי דער פעטער הינטערשטער טייל גענדזלעך און קאַטשקעלעך, וואָס מען קריגט ביַי איר... דאָס וויַיבל איז געווען די פירערין פון דעם געשעפט, און דער מאַן האָט איר אַרויסגעהאָלפן. זיַין אַרויסהעלפן אין די געשעפטן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט איַינגערעדט אַ פּאָר סוחרים, וועלכע האָבן געהאַט אַ נענטערן צוטריט, אַז זיי האָבן אַן אַנטייל אין די קינדערלעך, וואָס זיַין וויַיב האָט, און האָט אויפגעקאַלעקטירט געלט דערפאַר. און אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט מער פון דריַי

## CHAPTER XIV

### *Uncle Moses' Foresight*

But Uncle Moses had foreseen all this, and, clever merchant that he was, he always made sure that the way was clear before going on with new plans. So before it was time for the engagement party at Melnik's, Uncle Moses came to an understanding with the woman at the restaurant, and went to see her husband. He was ready to settle up.

"Just how much do you want?" he asked the husband.

The restaurant-keeper was a short, stocky little man, and very swarthy; his face, his hands, his neck, every inch that was visible of his person, was covered with dark hair; and somewhere in this shock of hair there were two little black eyes, like two little black mice. He was entirely under his wife's thumb; she had complete charge of the lunch-room, where she was a great favorite with the older business men of the community. They always said that this vivacious, flirtatious little creature with the pretty dimpled cheeks was quite as charming as the rich, juicy roast geese and ducks she served.

The wife then was in charge of the lunch-room, and the husband was merely a helper. He spent most of his time trying to convince several of the more prosperous customers that they were responsible for his wife's children. And he collected the money they paid him to keep silence. But, as he had only three children, he couldn't really collect from a great many men, and so his income from this source was none too great. He wasn't quite sure himself to whom the three children of

— גיטל לעבן! — האָט דער מאַן אַרײַנגעשריִען אין לאַנטש־רום — קום נאָר אַרײַן.

גיטל, וועלכע האָט געבאַמבלט מיט אירע פּערלדיקע אויערינגלעך אין די אויערן, מיט די האַלב צעלאָזענע שוואַרצע האָר, איז אַרײַנגעקומען מיט אַ קאָקעטיש מינעלע, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין די שמאָלציקע חנעוודיקע גריבעלעך.

— פּנחס לעבן, האָסט מיך גערופֿן? — האָט דאָס ווײַבל אויסגעזונגען, דערזעענדיק דעם אַנקל.

— מיסטער מעלניק גייט דאָך חתונה האָבן. ווינטש אים מזל־טובֿ, גיטל לעבן! — האָט דער מאַן געזאָגט.

גיטל לעבן, וועלכע האָט געוווּסט פֿון די אונטערהאַנדלונגען מיטן מאַן, האָט זיך געמאַכט ווי זי ווייסט פֿון גאָר נישט.

— וואָס גייט עס מיך אָן, אַז מיסטער מעלניק גייט חתונה האָבן?

— און איך ווער דאָך בײַ מיסטער מעלניק אַ קאָלעקטאָר פֿון די עסעקס סטריט־הײַזער. דאַנק מיסטער מעלניקן, גיטל לעבן.

אַז גיטל לעבן האָט דאָס דערהערט, האָט זי זיך צעוויינט.

דער מאַן האָט זיך אַרויסגעמאַכט, איבערגעלאָזן זי מיטן אַנקל, אַז זיי זאָלן זיך געזעגענען. דער אַנקל האָט איר אָנגעזאָגט, אַז פֿון הײַנט מאָל אָן זאָל זי זײַן געטרײַ דעם מאַן אירן און אויפֿפֿירן זיך בעסער, און זי זאָל נישט וויינען. נאָך דער חתונה וועט ער זי אויך געדענקען. און אַז דער מאַן איז אַרײַנגעקומען, האָט ער שוין געפֿונען דאָס ווײַבל באַרויִקט. דער אַנקל האָט דעם מאַן אויך אַרײַנגערופֿן אין אַ ווינקל און אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זי גוט באַהאַנדלען און אָפּהיטן זי — און זיי ביידע, דער מאַן מיטן ווײַבל, האָבן אים געווונטשן אַל דאָס גוטס, אַז ער זאָל גליקלעך זײַן און דערלעבן נחת מיט דעם נײַעם יונגן ווײַבל...

— זי זאָל האָבן בײַ דיר אַ בעסער מזל ווי איך, מאָזעס לעבן!

— האָט זיך דאָס ווײַבל צעוויינט.

**

*

אַז מאָנעס מיט סעמען, דעם קוזין, זײַנען דערנאָך געקומען צו דעם ווײַבל פֿאַרקלאָגן, אַז דער אַנקל גייט חתונה האָבן, האָבן זיי געפֿונען דאָס פּאָרל, דעם מאַן מיטן ווײַבל, גאָר נישט פֿאַרוווּנדערט. אַדרבה, זיי האָבן זיך נאָך געפֿרייט.

— פֿאַר וואָס זאָל ער נישט חתונה האָבן? — האָט זיך דער מאַן אָפּגערופֿן — און וואָס גייט אונדז אָן, אַז דער אַנקל האָט חתונה?

— ער איז דאָך נאָך אַ יונגערמאַנטשיקל, פֿאַר וואָס זאָל ער נישט חתונה האָבן? — האָט דאָס ווײַבל צוגעלייגט ווי אַ מבֿינטע.

האָבן זיי ביידע, מאָנעס און סעם, פֿאַרשטאַנען, אַז דער אַנקל איז שוין דאָ פֿריִער פֿון זיי געווען און האָט אַלצדינג שוין פֿאַרריכט — האָבן זיי געשוויגן.

— סעם, האַק־אָפּ, אַלצדינג האַק־אָפּ! וויש־אָפּ דאָס מויל און מאַך אַ שווײַג, זעסט דאָך, עס איז פֿאַרפֿאַלן... — האָט אים געראָטן מאָנעס.

— מאַך זיך ווי דו ווייסט פֿון גאָר נישט, און אַז דו וועסט עס דערהערן, פֿריי זיך מיט דעם. פֿריי זיך זייער, ווינטש דעם אַנקל מזל־טובֿ און ווער גוט מיט אַהרנען און מיט דער גאַנצער משפּחה פֿון דעם ווײַבל. חנפֿע זיי, רים זיי, לעק זיי, אַלצדינג. ביסט בײַ זיי אין די הענט, גוטער ברודער! — האָט אים מאָנעס געלערנט.

סעם האָט געוווּסט אַליין וואָס צו טאָן. געוויס האָט ער באַשטימט אַזוי צו טאָן. איז דען געווען אַן אַנדער עצה? אָבער אין

הארצן האָט ער זיך אַנדערש געטראַכט. ער אַליין איז אַרויסגעקומען פֿון דער משפּחה מעלניק — איז געווען דעם אַנקלס אַ קוזין, און נישט בחינם האָט ער זיך גענומען דעם אַנקל פֿאַר אַן אידעאַל און האָט אים אין אַלצדינג נאָכגעטאָן.

ניין, ער האָט זיך נישט געקענט אַזוי לײַכט אָפּזאָגן פֿון זײַנע אַמביציעס דעם אַנקל צו ירשענען און אַליין אַ מאָל צו פֿאַרנעמען דעם אַנקלס שטעל — און ער איז גרייט געווען אויף אַלצדינג, פֿאַר גאָר זיך ניט אָפּצושטעלן, נאָר דעם שידוך ניט צולאָזן. ער וועט קינדער האָבן, דער אַלטער! — האָט זיך דער יונג געטראַכט.

אַלץ פֿאַרויסגעזען, אַלץ פֿאַרריכט, אַז קיין איבערראַשונגען און קיין אַנטוישונגען זאָלן זיך נישט טרעפֿן, האָט אַנקל מאָזעס באַפֿוילן אַהרן מעלניקן די תּנאים צוצוגרייטן. אַ סך גענדזנס, און ביר, און שנאַפּס אויף זײַן חשבון. די קוזמינער לאַנדסלײַט האָט ער אָפּגעלאָזט אויף אַ האַלבן טאָג, אַז זיי זאָלן קומען צו די תּנאים. די קוזמינער לאַנדסלײַט האָבן עס טאַקע געהאַלטן פֿאַר אַ קוזמינער גליק, וואָס דער אַנקל נעמט פֿאַר אַ כּלה אַ פּראָסט, אָרעם מיידל, פֿון זײַנע לאַנדסלײַט. און אַלע האָבן זיך דורך דעם געפֿילט געהויבן און געהאַלטן זיך פֿאַר די מחותּנים.

"Gertrude, my child," the man called into the lunch-room, "come here a minute."

Gertrude, her pearl earrings dangling from her ears, and her soft curls framing her face, came in, smiling coquettishly, and showing her dimples.

"Pincus, my darling, you called me?" she asked sweetly, when she saw Uncle.

"Mr. Melnik is going to be married. Congratulate him, Gertrude, my child," said the man in a pleased voice.

"Gertrude, my child," who knew all about the transaction which had just taken place, pretended not to know anything.

"None of my business, is it, if Mr. Melnik is getting married!"

"And I'm going to be Mr. Melnik's agent for the Essex Street apartments. Thank Mr. Melnik, why don't you, Gertrude, my child?"

When "Gertrude, my child" heard this, she wept for joy.

The husband left the room unobtrusively so that Gertrude and Uncle might say good-by alone. Uncle gravely adjured Gertrude to be faithful to her husband from now on, and to lead a better life, and not to cry. And he would remember her after the wedding was over, he said. When the husband came back again, he found his wife quite cheerful. So Uncle had a little private talk with him too, and enjoined him to be good to his wife and to take care of her. And then both of them said that they hoped that Uncle would always be happy and prosperous.

"And I hope you'll both be very happy, my dear!" and the woman began to cry again.

When Manny and Sam came to the woman to tell her about Uncle's proposed marriage, neither the man nor his wife was surprised; in fact, they seemed quite pleased.



"And why shouldn't he marry?" asked the man. "What do we care whether Uncle gets married or not?"

"Why, he's still a young man, why shouldn't he want to get married, what's wrong?" asked the woman with a knowing look.

Manny and Sam understood that Uncle had been here first, and had taken care of everything. There was nothing more to be said.

"Sam, you may as well forget all this, forget it, you can see for yourself we can't get anywhere with them!" Manny advised Sam. "Act as though you didn't know anything about it, and when the news about the marriage breaks, say you think it's fine. Be pleased about the whole thing, you see, and wish Uncle happiness, and then get into the good graces of Aron and his whole family; pamper them, flatter them, soft-soap them, do everything that needs to be done; they've got you just where they want you, old man!" Manny was very serious about it all.

Sam could see that Manny was right about this, and he made up his mind to do his best. There simply wasn't any other path left open for him. But he had another idea. He was Uncle's nephew after all, and he had learned a great deal from him.

No, he wouldn't give up his plans for the future, his hope of being Uncle's successor, so easily. He was ready to do anything, he wouldn't stop at anything—oh, if he could keep this marriage from taking place!

"Children—he will have children," that was what nagged at Sam's consciousness continually.

So now everything was ready, and Uncle Moses felt that he was secure against any possible surprises—so he asked Aron Melnik to prepare for the big engagement party. Plenty of roast goose said Uncle Moses, plenty of beer and whiskey, and all to be charged to Uncle's account. The Kusmin country-

אויף די תּנאים האָט דער אָנקל געלאָזט וויסן די קוזמינער לאַנדסלײַט, אַז די חופּה וועט ער שטעלן אין אַן אײגענער קוזמינער שול, וועלכע ער וועט קויפֿן פֿאַר די קוזמינער לאַנדסלײַט. די קוזמינער לאַנדסלײַט האָבן געוואָלט אים קושן די הענט און זײַנען אים דאַנקבאַר געווען, וואָס ער האָט זיי אײַנגעלאַדן אויף די תּנאים און וואָס ער גייט פֿאַר זיי קויפֿן אַ שול. זיי האָבן אים באַוווּנטשן דעם קאָפּ מיט ברכות און געשפּיגלט זיך און געפֿרייט זיך מיט זײַן גליק און עשירות. זיי האָבן אים פֿאַרגליכן צו אַלע אָבֿות — אײנער צו יעקבֿ אָבֿינו, אַז פֿון אים וועלן אַרויסקומען די שבֿטים, און אַן אַנדערער — צו משה רבינו, וואָס ער קויפֿט זיי אַ שול, און האָבן שוין אַ נאָמען געזוכט פֿאַר דער שול, און זי אָנגערופֿן אויפֿן אָנקלס נאָמען: „אוהל משה דאַנשי קוזמין".

און דער אָנקל איז אַרומגעגאַנגען אין אַהרנס צימער אַ צעשוויצטער, אַ גליקלעכער און אַ גוטער, און געזאָגט:

— עסט, טרינקט, קוזמינער לאַנדסלײַט, פֿרייט זיך, פֿרייט זיך, עס איז בײַ מיר אַ שמחה...

## 6

## מאַשאַ ווערט אַ כּלה

גאַנץ קוזמין, וואָס האָט זיך געפֿונען אין ניו־יאָרק, האָט באַטראַכט מאַשאַן פֿאַר דאָס גליקלעכסטע מיידל אונטער דער זון. האָט מאַשאַ אַליין נישט געוואָגט צו טראַכטן אַנדערש פֿון גאַנץ קוזמין און האָט זיך אויך געהאַלטן גליקלעך מיט דעם, וואָס זי איז אַ כּלה געוואָרן פֿאַרן רײַכן אָנקל מאָזעס. דער אָנקל האָט זי באַשאָטן מיט מתּנות, באַהאַנגען זי מיט טײַערע צירונג — דאָס מאָדערנסטע און טײַערסטע. ער האָט איר יעדן טאָג געשיקט די שנײַדערין, געמאַכט איר רײַכע קליידער. אַלע טאָג האָט מען פֿון דער פֿינפֿטער עוועניו[49] עפּעס אַנדערש געבראַכט פֿאַר מאַשאַן. זײַדענע אונטערוועש, לאַקירטע הויכע שיך, פֿאָכערס, הענטשקעס. דאָס מיידל, וועלכע האָט נאָך געדענקט דעם פֿאָטערס אָרעמקייט און די וווינונג אין האָפּקינס סטריט — ווי אַזוי האָט זי געקענט וואָגן אַנדערש צו באַטראַכטן זיך ווי אַלע קוזמינער לאַנדסלײַט, ווי אַלע באַקאַנטע; די גאַנצע משפּחה האָט זי באַטראַכט און געהאַלטן פֿאַר דאָס גליק אַליין.

דורך דער צײַט, וואָס זי איז אויסגעוואַקסן אונטער דעם אָנקלס גונסט[50], האָט זי זיך אויסגעלערנט דעם אָנקל צו געהאָרכן. זי האָט געזען, אַז אַלע קוזמינער לאַנדסלײַט, איר טאַטע, איר מאַמע — אַלע וואָס זי האָט געקענט, האָרכן דעם אָנקל און וואָגן נישט אין אַקעגנצורײדן אָדער צו טאָן אָדער צו טראַכטן אַנדערש, ווי דער אָנקל וויל. „דער אָנקל האָט געהייסן" — דאָס איז געווען דאָס הייליקסטע געבאָט, דער שטאַרקסטער אַרגומענט — און דער אָנקל האָט געהייסן, אַז זי זאָל אַ כּלה ווערן פֿאַר אים. דער אָנקל וויל, אַז זי זאָל ווערן זײַן ווײַב, און דעם אָנקל דאַרף מען אין אַלץ געהאָרכן, אַלץ נאָכגעבן וואָס ער וויל.

זי האָט אָנגעהויבן צו פֿילן, וואָס עס הייסט צו ווערן דעם אָנקלס ווײַב. זי איז שוין מער נישט קיין קינד געווען, ווען זי האָט אַליין קיין אייגענע פֿאַרלאַנגען נישט געהאַט. איר פֿאַנטאַזיע האָט געאַרבעט און געמאָלן איר בילדער אין איר פֿאַרשטעלונג, ווי זי איז דעם אָנקלס ווײַב. טייל מאָל איז זי געזעסן נעבן אים און דער אָנקל האָט זי געגלעט, געדריקט צו זיך, און דאָס ברייטע פּנים זײַנס איז זיך אָנגעלאָפֿן מיט בלוט, און ער האָט פֿאַרשפּרייט זײַנע ברייטע גרויסע ליפּן מיט פֿרייד, און זי שטאַרק געדריקט צו זיך — האָבן זי באַשלאָגן אַנגסטן. זי האָט זיך געלאָזט, ווײַל זי איז געווען צוגעוווינט צו אים נאָך ווי אַ קינד, ווײַל דער אָנקל האָט זי שטענדיק געגלעט — און דער אָנקל האָט אַלצדינג געמעגט. אָבער זינט ער איז אַ חתן געוואָרן, אַנגסט זי פֿאַר אים. און ווען ער נעמט זי אַרום, ווערט איר אַזוי הייס און אַזוי עפּעס, אַז עס גלוסט זיך איר באַלד אָפּצוּוואַשן...

אין אָוונט, ווען זי איז בײַ זיך אין ווײַסן זויבערן צימער געווען, וואָס איז שוין איצט געווען רײַך אויסגעמעבלירט מיט דעם ווײַסן לאַקמעבל, וואָס דער אָנקל האָט איר געשאָנקען שוין לאַנג צוריק — אין דעם פֿריש איבערגעצויגענעם בעט — האָט זי געקלערט פֿון נאָך דער חתונה. זי האָט זיך פֿאַרגעשטעלט דעם אָנקל פּלוצעם נאַקעט. זי האָט נישט געוואָלט דערפֿון קלערן, נאָר עפּעס איבער געוואָלט זײַנען געקומען די געדאַנקען איר אין קאָפּ אַרײַן. און זי האָט געזען דעם אָנקל אַ נאַקעטן, מיט דעם אַראָפּהענגענדיקן פֿעטן בויך, מיט אַ באָרד אויף די בריסטן, און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז דער אָנקל גייט נאָך איר אין בעט אַרײַן... האָט זי זיך נישט געוואָלט לייגן אין בעט אַרײַן. גאַנצע שעהען איז זי אָפּגע־

[49] די גאַס פֿון גרעסטן לוקסוס. — [50] חן, חסד.



men were given a half-holiday so that they could come to the party too. What good luck for all Kusmin that Uncle Moses had chosen a poor girl of their own circle to be his wife! They all felt that they too had attained a higher social level because of this, and were practically related to Uncle Moses themselves.

On the day of the engagement party Uncle told the Kusmin countrymen that the wedding was to take place in their own Kusmin House of Prayer, which he, Uncle Moses, was going to buy for them. There was a rush to shake hands with him when they heard this, even to kiss his hand in gratitude, they were so happy to think that he had invited them to the party. And now he was going to buy a House of Prayer for them too! They all gave him their blessing, they were all pleased, and they took a personal pride in his happiness and his wealth. They compared him to the Patriarchs of old, to Jacob, from whom the twelve tribes had descended, and to Moses who had built the tabernacles. They tried to find a name for the future House of Prayer, and finally decided to name it after Uncle, "Ohel Mosche Ansche-Kusmin."

And Uncle Moses walked among them, perspiring freely, happy and proud of his beneficence, and said to them:

"Eat and drink all you like, you're all my own countrymen; have a good time today, this is my big day, you know...."

-55-

CHAPTER XV

## *Charlie Melnik*

CHARLIE, UNCLE BERL's son, lived with his mother and sister after his father had gone back to Poland. During the day Charlie attended college, and in the evening he had a job managing a paper route. His sister worked in a millinery shop, and his mother kept house for them both. Poor as they were, the old lady was determined that Charlie must finish his law course. She displayed the same spirit of sacrifice which the pious old Jewish mothers had shown when they insisted on sending their gifted children to the Beth-Hamidrash, the Hebrew school. Back home Genendel would probably have wanted Charlie to become a rabbi; but here that desire was transformed into her determination that he must complete his work at college. She did everything possible to get enough money together to pay his tuition; she went to relatives and acquaintances, she stormed Uncle's door, and when everything else failed, she took in piece-work and sewed at home, or even went to work in a sweat shop for a while. Her ambition for her son was based on a kind of idealism. It wasn't so much a matter of Charlie's future career, as of knowledge for its own sake. To be able to have Charlie study meant to her just what it might have meant to the mothers of patriarchal days: it was the reward and payment, the compensation for her own poor, bleak humdrum life. It comforted her to know that her son was a scholar, and she considered herself superior to the rest of her countrymen because of it. Even the great good fortune of the Aron Melniks did not



impress her by comparison with the fact that her Charlie was going to college. And whenever there were envious remarks made about Aron Melnik and his family, she always said, indifferently to be sure, but proudly too:

"One man wants wealth, the other one knowledge. I wouldn't trade my son's kohlish [that was the way she said 'college'], not for Uncle's entire fortune."

"It will get you a golden chair in Paradise too," remarked one member of the family, mockingly.

"Golden chair or no golden chair—what are we put in this world for, anyway? One has to remember that one is a human being too, and not merely a tailor," so did Genendel bait the entire family, because all of them had become tailors in America.

Mascha saw a good deal of Charlie during the first months following his father's departure for Poland. Charlie had formed the habit of coming to see his Uncle Aron, and then he and Mascha would go out together, sometimes visiting mutual friends, or attending lectures, or perhaps they would go to a theater, if Charlie had any money to spend. Mascha noticed that Charlie's cheeks were covered with a soft downy beard, and that he was growing a little mustache. She liked to hear him discuss the books he was reading, and his college work, and Socialism, in which he had just begun to be interested. While he was talking to her, Charlie always seemed to be so clever and learned—but as soon as the other girls began to tease him, he blushed and didn't know what to say. His embarrassment amused Mascha very much; he smiled awkwardly, and didn't quite know what to do with his big long hands.

"Never mind, when he's really grown up, he'll shave his mustache off," said one of the girls, trying to relieve the situation.



זעסן אין אָוונט אידער זי איז געגאַנגען שלאָפֿן, זינט זי איז אַ כּלה געוואָרן, און מורא געהאַט זיך צו לייגן. און זינט זי איז אַ כּלה געוואָרן, שלאָפֿט זי נישט אויסגעטאָן, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז עס וועט ווער בײַ נאַכט באַרירן איר לײַב...

***

טשאַרלי, דעם פֿעטער בערלס זון, האָט נאָכן פֿאָטערס אַהיימפֿאָרן געוווינט מיט דער מאַמען און מיט דער עלטערער שוועסטער. טשאַרלי איז געווען בײַ טאָג אין קאָלעדזש און פֿאַר טאָג האָט ער פֿאַר אַ צײַטונגשטעל אַרומגעטראָגן צײַטונגען צו די שכנים. די שוועסטער האָט געאַרבעט בײַ היט און די מאַמע האָט געקאָכט, געוואַשן און געהאַלטן די שטוב פֿאַר זיי. די ייִדענע, ווי אָרעם זי איז געווען, האָט דאָך געזוען מיט אַלע מעגלעכקייטן דורכצוזעצן, אַז טשאַרלי זאָל קענען גיין אין קאָלעדזש. מיט דער זעלביקער אויפֿאָפּפֿערונג פֿון אונדזערע פֿרומע מאַמעס פֿאַר זייערע לערן־קינדער אין בית־המדרש האָט זיך די ייִדענע געאָפּפֿערט פֿאַר טשאַרלין, ער זאָל גיין אין קאָלעדזש. אין דער היים וואָלט אפֿשר איר גרעסטער אידעאַל געווען צו זען טשאַרלין אַ רבֿ; דאָ איז איר אידעאַל געווען צו זען טשאַרלין אַ געענדיקטן קאָלעדזש. אַז עס איז געקומען צו באַצאָלן פֿאַר טשאַרלין קאָלעדזשגעלט, פֿלעגט די ייִדענע וועלן דורכזעצן; צו קרובֿים געלאָפֿן, צו באַקאַנטע, אָפּגעשלאָגן די טירן פֿון אָנקל, און אַז מען האָט גאָר געדאַרפֿט — האָט די ייִדענע אַהיים גענומען פֿון אַ קליינעם קאָנטראַקטאָר צו נייען הויזן אָדער איז געגאַנגען אַליין אין אַ קליינעם שאָפּ און האָט אויף אַ פּאָר וואָכן „געאַפּערייט". די אַמביציע פֿון דער ייִדענע וועלטן דורכזעצן; צו קרובֿים געלאָפֿן, צו באַקאַנטע, צוליב אַ ריין אידעאַליסטישן גרונט. איר איז נישט געגאַנגען אַזוי פֿיל וועגן טשאַרליס קאַריערע ווי פֿאַר דער תּורה אַליין. טשאַרליס לערנען איז בײַ איר געווען ווי בײַ אונדזערע אַלטע מאַמעס אַ באַצאָלונג און אַ לוין פֿאַר איר פֿאַרפֿינצטערט וואָכעדיק לעבן. זי האָט זיך געטרייסט מיט איר קינדס

געלערנטקייט, און העכער זיך געהאַלטן פֿון אַלע לאַנדסלײַט. און אַפֿילו איר שוואָגער אַהרן מעלניקס גרויס גליק, וואָס דער אָנקל גייט חתונה האָבן פֿאַר מאַשאָן, האָט איר נישט געקענט אימפּאָנירן קעגן דעם, וואָס איר טשאַרלי גייט אין קאָלעדזש. און אָפֿט, אין דער משפּחה, ווען מען איז מקנא געווען אַהרנען דאָס גרויסע גליק, וואָס האָט אים געטראָפֿן מיט מאַשאָן, פֿלעגט זי מיט גלײַכגילטיקער אָבער געהויבענער מינע זאָגן:

— ווער עס זוכט עשירות און ווער עס זוכט געלערנטקייט. איך גיב נאָך נישט אָוועק מײַן קינדס „קאָליש" (קאָלעדזש) פֿאַר דעם גאַנצן אָנקלס פֿאַרמעגן.

— איר וועט האָבן אַ גאָלדענע שטול אין גן־עדן דערפֿאַר...

— האָט איר „אַ משפּחה" אָפּגעענטפֿערט.

— יאָ אַ גאָלדענע שטול, נישט אַ גאָלדענע שטול. וואָרעם וואָס איז דען די גאַנצע וועלט? אויף דער וועלט דאַרף מען אויך זײַן אַ מענטש, נישט בלויז אַ שנײַדער... — האָט די ייִדענע „געשטאָכן" די גאַנצע משפּחה דערפֿאַר, וואָס זיי זײַנען געוואָרן דאָ, אין אַמעריקע, אַלע שנײַדערס.

מאַשאַ פֿלעגט זיך אָפֿט באַגעגענען מיט טשאַרלין אין דער ערשטער צײַט נאָך דעם פֿעטערס אַוועקפֿאָרן. טשאַרלי פֿלעגט אַרויפֿקומען צום פֿעטער אַהרן און פֿלעגט אָפֿט אַרויסגיין מיט מאַשאָן אויף אונטערנעמונגען, צו געמיינזאַמע פֿרײַנד, אויף לעקציעס, אָדער אַ מאָל אין טעאַטער, ווען עס איז געווען געלט. מאַשאַ האָט זייער געגליכן צו קוקן אויף טשאַרלין, ווי עס שנײַדט זיך אים אַ פּאָר וואָנצעס און ווי די באַקן ווערן באַוואַקסן מיט שמאָלע, קוים שפּראָצנדיקע באַקנבערד, ווי פּיאות. זי האָט געגליכן אים צו הערן ריידן וועגן ביכער, וואָס ער האָט געלייענט, וועגן זײַן קאָלעדזש, וועגן „סאָשעליזם", מיט וועלכן ער האָט זיך שוין דעמאָלט אינטערעסירט, און טשאַרלי רעדט, דאַכט זיך, אַזוי קלוג — נאָר ווען

די מיידלעך הייבן־אָן צו מאַכן פֿון אים „פֿאָן"[51], ווערט ער רויט און ווייסט נישט וואָס צו ענטפֿערן. זי האָט געגליכן צו זען דעמסטמאָל, ווי טשאַרלי שטייט אין אַ פֿאַרלעגנהייט, און צילי, איר חבֿרטע, לאַכט אים אויס, מאַכט „פֿאָן" פֿון זײַנע וואָנצעס, וואָס וואַקסן אים נישט אויפֿן ריכטיקן אָרט — און טשאַרלי שטייט מיט די גרויסע, לאַנגע הענט, איז רויט, און שמייכלט פֿאַרשעמט.

— נעווער־מײַנד[52], אַז ער וועט גרויס ווערן, וועט ער זיך גאָלן די וואָנצעס — האָט אים אַ פֿרײַנדין אַרויסגענומען פֿון דער פֿאַרלעגנהייט.

— טשאַרלי, פּליז, גאָל נישט די וואָנצעס — האָט זיך בײַ אים

בליבן אַזוי שטיין מיט זײַנע נאַקעטע פֿיס און נאַקעטע הענט, ביז די מאַמע האָט אים דערמאָנט אין וואָס פֿאַר אַ הולך ער געפֿינט זיך:

— טשאַרלי, וואָס טוסטו?

איז טשאַרלי פֿאַרשוווּנדן אין דעם צווייטן צימער און מאַשאַ האָט געלאַכט. די מוטער האָט אים פֿאַרענטפֿערט:

— עס איז דען אויסצוהאַלטן פֿון די היצן? מען וואָלט נאַקעט אויך אַרומגעגאַנגען.

די מוטער האָט אַרײַנדערלאַנגט טשאַרלין דאָס העמד מיט די הויזן, וואָס האָבן זיך געטריקנט אויפֿן פֿײַער־עסקייפּ [56], וואָרעם טשאַרלי האָט זיי פֿריִער אויסגעוואַשן, ווען ער איז אַהיים געקומען פֿון דער נאַכטאַרבעט.

— איך בין געקומען אַרויסנעמען טשאַרלין פֿאַר אַ „וואָק" [57] אין פּאַרק אַרײַן — זאָגט מאַשאַ.

— פֿאָרט ליבער נאָך קוני־אײַלאַנד און באָדט זיך אויס אין ים! עס איז דאָך אַזוי שטיקנדיק. איך יאָג אים שטענדיק נאָך קוני־אײַלאַנד, נאָר ער איז אַזאַ פֿוילער. מאַשאַ, ליגט אַ גאַנצן טאָג אין שטוב, איבער ביכער... — דערציילט די מאַמע.

— די מאַמע האָט רעכט, טשאַרלי. מיר פֿאָרן נאָך קוני־אײַלאַנד, אויפֿן וועג וועל איך אָפּטרעטן אין דער היים נאָך מײַן בייט־הינג־סוט [58]. נעם דײַנעם, טשאַרלי.

טשאַרלי איז איצט אַרויסגעקומען פֿון דער צווייטער שטוב אַן אויסגעפּוצטער, אין אַ פֿריש געוואַשענעם העמד מיט די אויסגעוואַשענע הויזן, וועלכע זײַנען נאָך נישט געווען אין גאַנצן טרוקן. די הויזן האָבן זיך געקלעפּט און פֿון די שוואַרצע האָר האָבן גערונען גרויסע טראָפּנס וואַסער איבערן פּנים פֿון דעם, וואָס טשאַרלי האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אונטערן קראַן.

— איך בין געקומען דיך אַרויסנעמען נאָך קוני־אײַלאַנד פֿאַר אַ שווים — זאָגט מאַשאַ — נעם דײַן בייטהינג־סוט!

---

[56] טרעפּ (לייטער). — [57] שפּאַציר (דורכגיין זיך). — [58] באָדאָנצוג.

טשאַרלי האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויסן חשק. ער האָט געשמייכלט און געזאָגט, אַז ער דאַרף עפּעס באַזאָרגן אין שטאָט און האָט קיין צײַט ניט. מאַשאַ איז געבליבן קאַלט אָפּגעגאָסן פֿון זײַן ענטפֿער און זי האָט זיך שוין געקליבן אַוועקצוגיין. די מאַמע וווּנדערט זיך, וואָס מאַשאַ טוט אין אַזעלכע היצן אין שטאָט און פֿאָרט נישט אַרויס אויף זומער־פֿאַרגעניגנס. און איז געגאַנגען טרעפֿן, אַז עס איז אַוודאי איבער דעם אויסשטײַער, וואָס זי באַדאַרף זיך מאַכן, וואָרעם זי האָט געהערט, אַז מאַשאַ גייט באַלד חתונה האָבן.

— מען האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז עס האַלט שוין גאָר נאָענט דערבײַ. נו, זאָל עס דיר זײַן מיט מזל.

מאַשאַ האָט נישט אָפּגעענטפֿערט. זי איז רויט געוואָרן און געשוויגן. נאָר פּלוצעם האָט זי זיך אָנגערופֿן ווי מיט אַן עקשנות, קוקנדיק אויף טשאַרלין:

— עס איז דאָ אין שטאָט אַזוי פֿיל צו טאָן פֿאַר דער חתונה, און דער אָנקל... נאָר וואָס דער אָנקל... — האָט זי נישט געענדיקט, זי איז רויט געוואָרן און האָט אָפּגעהאַקט אין מיטן. און אַנשטאָט עקשנות אָדער גדלות, וואָס דאָס וואָרט „דער אָנקל" האָט געוואָלט אַרויסרופֿן, האָט עס אַרויסגערופֿן עפּעס מיטלייד צו איר.

טשאַרלי האָט רחמנות געקראָגן איבער איר און עס האָט אים באַנג געטאָן, וואָס ער איז אַזוי קאַלט צו איר. האָט ער זיך אָנגערופֿן צו דער מוטער:

— דו האָסט רעכט, אָלד טשאַפּ [59]... — האָט ער געקלאַפּט דער מוטער אויף די פּלייצעס — עס איז הייס. קום, מאַשאַ, איך גיי דיך אַרויסנעמען פֿאַר אַ שווים.

— זעסט, מאַשאַ, ווי מײַן זון רופֿט מיך. „אָלטע שקאָפּ". אין דער היים רופֿט מען אַזוי אַ פֿערד, „שקאָפּ"... אין אַמעריקע רופֿט מען די מאַמע אַזוי.

---

[59] אַלטער בחור.

— אַ, דו אָלד פֿול [60]. — האָט טשאַרלי אויפֿגעהויבן די מוטער אויף די הענט און זי אַרומגעטראָגן איבער דער שטוב.

— לאָז מיך אַראָפּ. געדענק אין גאָט, לאָז מיך אַראָפּ. וועסט מיר עפּעס שלעכטס טאָן! — האָט זיך די ייִדענע געבעטן.

— נישט פֿריִער ביז דו וועסט זאָגן „אָלד טשאָפּ". ניט „שקאָפּ", נאָר „טשאָפּ"", „טשאָפּ"...

— וואָס איז דער חילוק „טשאָפּ", „שקאָפּ"? לאָז זײַן „טשאָפּ", אַבי לאָז מיך אַראָפּ. וועסט מיר נאָך, חלילה, עפּעס שלעכטס טאָן.

— און איצט דעם „סאַלוט". נישט פֿריִער ביז דו וועסט אָפּזאָגן דעם „סאַלוט".

— „אַי פּלעדזש אַלידזשענס טו מײַ פֿלעג" [61] — האָט די ייִדענע קוים אַרויסגעשטאַמלט די ווערטער, וואָס טשאַרלי האָט זי געלערנט, ווען ער איז אַ קינד געווען און אין שול געגאַנגען.



tenement houses. Even the bare bosoms of the nursing mothers were stained with dust and grime so that the infants imbibed it as they drank. Dust and grime, that was what they lived on, these children.

## CHAPTER XVI

### *The New America*

Mascha and Charlie lay on the sand, and the sun shone down upon them both; they were happy, happy with the carefree gaiety which prevailed in these crowds of pleasure-seeking people on the sandy shore.

In spite of his twenty-one years, Charlie was an innocent lad, and he and Mascha were good comrades, that was all. Charlie's young body, hardened and developed by sports, knew nothing of passion; he had neither the time nor the inclination to think of love. The proximity of this girl in no way excited him. When he went out swimming with Mascha, and felt her pressing close to him; when he lay on the sands beside her, basking in the sunshine; when he saw the lovely lines of her young figure as they were revealed by her bathing suit—he saw her merely as a jolly young companion. He joked with her, he pummeled her, and he touched her, without being conscious of any feeling of desire. He pulled at her hand, and they walked across the sands together, bathed in the light and warmth of the radiant sun.

"Come, Mascha, we'll dive right down into that sea of humanity—just look what a big sea it is. Come on, I like to feel myself borne along by the crowds."

And it was true—the entire shore, as far as they could see, was filled with people—dripping, barefoot, laughing humanity. It was like a sea of bodies. The little clothing which these people did wear was quite lost in the sea of bare arms, necks, chests, feet and backs. The ocean seemed to have cast up waves of human beings: men, women, children, young men and girls, all together in a confused mass.

Mascha and Charlie, their young bodies clad only in bathing-suits, walked round among the crowds, their own arms and legs free and untrammeled. All the world seemed to have gathered on the shore, to have thrown off its every-day, sin-stained clothing, and to have established a colony of nudists. So much so that the little clothing they did wear, seemed out of place. Mascha and Charlie walked along hand in hand, their almost nude bodies touching, and pressing against the bodies of strangers. They were sharply conscious, suddenly, of these other nude bodies. It was as though a great prophet had suddenly appeared among them, had released them from all constraint, and all humanity had become united.

Charlie felt constrained to say something. He was inspired by all this freedom and joy, and he had to express himself to someone, to share his enthusiasm.

"Look, Mascha, see what a mighty sea of humanity! Why, the whole world is here. I love these New York crowds. When I look at them I'm looking at the whole world. They're all homesick, don't you see, homesick for their childhood, for their own home country? Well, that's New York. We're all New Yorkers. You, and I, and everyone here on the sands, used to live somewhere else. To be a New Yorker means that you're homesick, that you're longing for some far-away river or farm, or sun. All these people grew up somewhere else. Maybe they're remembering the broad steppes of Russia, or the bright skies of Italy, or the prairies of Hungary or Galicia, or the mountains of Switzerland with the cows and sheep. And plenty of them have seen the little Jewish villages in Poland, with the snow lying on the roofs in winter—do you remember, Mascha, how Kusmin looked in winter? I remember it as I would a dream; the little House

— אַט אַזוי. און איצט גיי־אַראָפּ, אָלד טשאַפּ... — האָט טשאַרלי פֿאַרזיכטיק די מוטער אַראָפּגעזעצט פֿון זײַנע פּלייצעס אויף אַ שטול אַרויף.

— זעסט, מאַשאַ, ווי מײַן זון באַהאַנדלט מיך — האָט די ייִדענע זיך באַקלאָגט — אַ ליאַדע וואָס, זעצט ער מיך אַרויף אויפֿן אַקסל. איך האָב דען כּוח צו אים?

— נו, איצט קום, מאַשאַ. האַו דו יו דו? — האָט טשאַרלי זיך אָנגערופֿן צו מאַשאַן, ווי ער וואָלט זי פּלוצעם דערזען.

די מומע האָט געוווינט אין האַרלעם, אויף איינער פֿון די ערשטע ייִדישע גאַסן. אַז זיי זײַנען אַרויס אין גאַס, האָבן זיי ערשט דערפֿילט די היץ. עס איז געווען איינער פֿון יענע טעג אין ניו־יאָרק, ווען די היץ צעלייגט זיך איבער דער שטאָט פֿון פֿרימאָרגן אָן, אַ לאַנגווײַליקע און אַ פֿײַכטע, אָן אַ האָפֿענונג אויף אַן אָפּרו אין לעבן. פֿון פֿרימאָרגן אָן ווערט עפּעס דאָס לעבן אַזוי לאַנגווײַליק. פֿון די אָפֿענע פֿענצטער קוקט־אַרויס שמוציק בעטגעוואַנט





of Prayer with the banner up on the roof—but we had to hide the banner. Father used to take me there every evening, carrying me on his shoulders. I held a prayer-book and an apple in my hand. And now—here we are, Mascha, all of us, lying about on the sands of Coney Island!"

Mascha was thoughtful—a little sad too. What Charlie had said had brought her back to reality. She too remembered Kusmin, and she remembered her own childhood, in her grandfather's home. She remembered an old Jew who gave her a sweet honey-cake; and she couldn't remember any more than that. Her next memory was of Hopkins Street and that she had run over to ask the butcher to let her have some meat on credit. "Pa's working now," she had confided—and then she remembered Uncle again, and that she was engaged to him. That depressed her, and she looked at Charlie with her dark eyes that were like luscious grapes. But Charlie was enthusiastic about his subject, and went right on talking:

"Think what America has done for us. We're entirely different from our parents. We owe America a great debt of gratitude for our liberty. And we must help America in turn—help her by our feeling of eternal unrest, of protest, our constant dissatisfaction. We owe it to America to be different from what our parents were. When our parents first came over here, they were slaves; we must set them free. We're the children of slaves, all of us. Weren't they slaves, our parents? My father, your father?

"Stop it, I—," cried out Mascha, flushing. Her big eyes filled with tears, but she was determined not to let Charlie see that he had touched a sore spot. And to change the trend of the conversation, she asked:

"Have you any money, Charlie?"

"About a dollar." Charlie knew exactly how much money he had, but he wanted to be casual about it.



[60] אַלטער טיפּש. — [61] איך שווער טרײַשאַפֿט צו מײַן פֿאָן.

און אויף די פֿײַערטרעפּ טריקענען זיך שטיקלעך וועש; אויף די פֿענצטער פֿאַרדאַרטע טעפּלעך מיט נעכטיקן עסן; און איבער די טרעפּלעך פֿון די הײַזער, אויף די שוועלן, ביז טיף אין דער גאַס אַרײַן, וואַלגערן זיך אַרום, ווי אַרויסגעוואָרפֿענע שמאַטעס, ווי אַרויסגעוואָרפֿן צעבראָכן מעבל, פֿרויען און קינדער. האַלב נאַקעטע, האָבן זיי זיך געגליטשט איבער די טרעפּלעך פֿון די הײַזער, אויף די טראָטואַרן אַרויס. די מוטערס האָבן געפּרוווט אָפּצוואַרן די קינדער מיט פּענים, וועלכע די קינדער האָבן יעדן אויגנבליק פֿאַרוואַנדלט אין לאַליפּאַפּס [62]. די לאַליפּאַפּס זײַנען צעגאַנגען אין זייערע הענטעלעך און באַשמירט זייערע פּנימער, און די ווײַס געפּרעסטע העמדלעך, דער מוטערס אַרבעט פֿון בײַנאַכט, האָבן געקלעפּט זיך פֿון דעם צעגאַסענעם צוקער. די קינדער זײַנען אָפּגעשפּרונגען פֿון דעם ברענענדיקן טראָטואַר, וועלכער איז אָנגעוואַרעמט געוואָרן פֿון דער ברענענדיקער היץ און געכאַפּט זיך אַ רעטונג אויף דעם ברייטן גאַסוועג. און אַלץ איז געפֿאָרן, ווער אויף רעדלעך, ווער אויף אַן אַלטן קאַסטן, ווער אין אַ הערינגפֿאַס, און ווער עס האָט דערפֿאַקט אַן אַלט ראָד פֿון אַ וואָגן און האָט דערויף אײַנגעלאַדן אַלע זײַנע פֿרײַנד פֿון גאַס פֿאַר אַ „רייד" איבער דער גאַס. און די שמוץ פֿון די אומגעקערטע גאַסן האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון דער באַוועגונג און געלייגט זיך אויף די פּנימער און הענט, אויף די שטיינער און פֿענצטער פֿון דער גאַס, ביז עס האָט דערגרייכט אויף די נאַקעטע ברוסטן פֿון די מוטערס, וועלכע האָבן דעם שמוץ פֿון גאַס אײַנגעקאָרמעט אין זייערע קינדער אין איינעם מיט זייערע מוטערס מילך...

טשאַרלי מיט מאַשאַן האָבן שטום דורכגעשפּאַצירט די גאַס און מיט גרויס מי זיך געמאַכט אַ וועג דורך די קינדער. וואָס עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זײַנען געבוירן געוואָרן מיט רעדלעך אויף די פֿיס, צווישן די פֿערד, פֿראַכטוואַגנס און קוילן־וועגעלעך, וואָס האָבן

[62] לעק־צוקערל.

גערהאַט זייער וועג איבער דער גאַס. מען האָט קיין וואָרט נישט געקענט הערן איינער פֿון צווייטן, פֿון שטויב, פֿון גערויש און פֿון דער היץ, וועלכע — האָט זיך געדאַכט — איז אויך רוישנדיק און שרײַעדיק, אַזוי ווי זי וואָלט געווען דורכגעפֿאָרן די ניו־יאָרקער גאַסן אויף קינדישע אײַזערנע רעדלעך... נאָר וואָס ווײַטער זיי זײַנען געקומען אין גאַס אַרויף, אַלץ שטילער איז די גאַס געוואָרן, אַלץ ריינער, שטילער און אײַנגענעמער די הײַזער, און באַלד איז דער רויש אין גאַנצן פֿאַרשוווּנדן. זיי זײַנען אָנגעקומען אויף דער ענדע פֿון דער זעלביקער גאַס, וואָס ציט זיך צום פּאַרק צו, בײַ דער פֿינפֿטער עוועניו.

די הײַזער, וועלכע זײַנען געשטאַנען קעגנאיבער דעם פּאַרק, זײַנען געווען פֿאַרהילט אין שאָטן פֿוןביימער. גרויסע פֿענצטער האָבן אַרויסגעקוקט אין גאַס אַרײַן, נאָר די פֿענצטער זײַנען געווען בלינד, פֿאַרמאַכט, באַצויגן מיט טונקל־גרינע פֿאַרהאַנגען. אַרום די הײַזער איז געווען קיל און שטיל — נאָר אין די הײַזער האָט קיינער נישט געוווינט, און זיי זײַנען געווען פֿאַרלאָזן אויפֿן גאַנצן זומער.

לאַנג זײַנען זיי געגאַנגען איבער דער גאַס וואָס האָט זיך געצויגן קעגנאיבער דעם פּאַרק. דאָ איז געווען אײַנגענעם צו גיין. די גאַס איז געווען געהילט אין דעם בלעטערדיקן באַוועגלעכן שאָטן, וואָס די גרויסע בלעטער פֿון די ביימער האָבן געוועבט איבערן טראָטואַר. עס איז שטיל געווען אין דער גאַס. אַ יום־טובֿדיקע שטילקייט האָט געהערשט, וואָס די ביימער און גרינס האָבן פֿאַרשפּרייט אַרום זיך. קיין לעבעדיקער הויך האָט זיך נישט געהערט פֿון די הײַזער. טיר און פֿענצטער זײַנען געווען פֿאַרמאַכט און פֿאַרשלאָסן — אַזוי האָבן זיך געצויגן פֿאַרשלאָסענע פּלעצער איבער גאַסן ווײַט, קעגנאיבער דעם געזונטסטן צענטראַל־פּאַרק — און קיין לעבעדיקער נפֿש האָט דערפֿון קיין נוצן געהאַט.

טשאַרלי האָט זיך אָנגערופֿן מיט אַ שמייכל:



"And I have half a dollar. That will be enough."

"What for?"

"I'd like to have some fun this evening—why, we're at Coney Island!"

"That's right," cried Charlie, like a carefree boy.

"Well then, go and get dressed, and I will too. We'll meet out here."

Charlie hurried to his cabin. Not until now did he stop to think how much he had been talking, and he felt somewhat embarrassed, but more because Mascha had laughed at him than because his remarks had been stupid. And besides, he was ashamed to have reminded Mascha of Uncle and her engagement.

But Mascha soon made Charlie forget all this. She came to him, and spoke to him in her sweet, soft, feminine voice:

"Now come, Charlie, first of all you must hand over the money we'll need for our bus fares; we'll spend all the rest. If we don't take out the fare right away, we'll end up by spending all we have, and won't be able to get home at all."

Then she took one of the coins and tied it up in her handkerchief, smiling at Charlie mischievously as she did so. She slipped the rest of the money into his pocket, saying:

"Here, that's our good-time fund."

"Well, what do you want to do?"

"I don't care what we do. Just so we have a good time."

"All right, come on! Aren't you hungry? To tell the truth, I'm terribly hungry myself." Charlie was a little ashamed of this.

"I am too," laughed Mascha. "But please go slow. I've got to go see things."

"What will it be?"

"Oh—cracker-jacks?"

— איך האָב וועגן דעם געקלערט, איך האָב מיר געפּרוווט
פֿאָרשטעלן אין מײַן פֿאַנטאַזיע; ווען מען קומט צו מיר און מען
גיט מיר געלט, אָדער איך ווער מיט אַ מאָל רײַך... שיינע פּאַלאַצן,
פֿערד, זומער־וווינונגען, אַ רײַזע נאָך איראָפּע... איך קען אויס־
העלפֿן אונדזער סאָסײַעטי פֿון „פֿאָריינערס״ [63]... איך וועל דיר שפּע־
טער דערציילן פֿון אונדזער סאָסײַעטי... ניין, איך וואָלט נישט גע־
וואָלט. מיר דאַכט זיך, אַז די אַלע געפֿילן, וואָס מען קען האָבן דורך
דער מעגלעכקייט פֿון געלט, די אַלע פֿאַרשיידנאַרטיקסטע געפֿילן
און מעגלעכקייטן קענען נישט קומען צו דעם געפֿיל, וואָס מען
האָט, ווען מען איז אַן אָרעמאַן. צו מײַן געפֿיל, וואָס איך האָב, ווען
איך וווין אין אונדזער גאַס און איך זע די אָרעמע מענטשן, די

[63] אויסלענדערס.

פֿרויען, די קינדער... צו דעם געפֿיל, וואָס איך האָב, ווען איך
טראַכט אַזוי וועגן רײַכע... איז מיר גוט, וואָס איך בין אַן אָרעמער,
און איך וואָלט געוואָלט שטענדיק זײַן אָרעם, אָט אַזוי זײַן, ווי איך
בין אַצינד.

מאַשאַ האָט געשוויגן. ביז איצט איז דער שמועס געווען אַזוי
זיך. עס האָט זיך מאַשאַן געדאַכט, אַז ער וויל זיך ווײַזן פֿאַר איר
מיט זײַן געלערנטקייט, דערפֿאַר רעדט ער אַזוי. אָבער די לעצטע
ווערטער האָבן זי פּלוצעם אָנגערירט. עס האָט זיך איר געדאַכט,
אַז ער מיינט זי, און ער פֿילט אַזוי ווי ער מיינט, און די ווערטער
האָבן איר געבראַכט צו קלערן אויך, ווען זי איז געווען אַ קינד, און
פֿון „האָפּקינס סטריט״.

— איצט פֿאַרשטיי איך שוין.

— וואָס פֿאַרשטייסטו?

— איצט פֿאַרשטיי איך, פֿאַר וואָס דו האָסט מיך פֿײַנט. איך
ווייס, דו האָסט מיך פֿײַנט, און דײַן מאַמע האָט מיך פֿײַנט, און אַלע
האָבן מיך פֿײַנט, אַלע אָרעמע און גוטע לײַט האָבן מיך פֿײַנט, זינט
איך בין אַ כּלה געוואָרן פֿאַרן אָנקל.

מאַשאַ האָט אויפֿגעהויבן אירע גרויסע אויגן און געלאָזט זיי
הענגען אויף טשאַרלין. אירע אויגן זײַנען געווען לענגלעכע און
גרויסע, דער שניט פֿון אַ גוטן קוואַליטעט שפּאַנישע טרויבן, און
אויך אַזוי פֿול ווי אַ ווײַנטרויב. דער ווײַסאַפּל איז געווען העל־העל
לײַכטנדיק, און זי האָט געשמייכלט, געשמייכלט ווי אַ קינד. נאָר
טשאַרלי האָט געמיינט, אַז אָט אין אַ מינוט צעוויינט זי זיך, און דער
גאַנצער זאַפֿט פֿון די ווײַנטרויב־אויגן וועט זיך צעגיסן. ער האָט
מורא געהאַט, אַז די ווײַנטרויב־אויגן זאָל זיך נישט צעגיסן — האָט
ער אויך געזאָגט מיט דעם זעלביקן שמייכל:

— דאָס איז נישט דײַן שולד, איך ווייס עס.

די ווערטער האָבן מאַשאַן געבראַכט צו קלערן וועגן זיך און
איר גאַנצער סיטואַציע — מער ווי פֿון אַלע זײַנע רייד. זי האָט
זיך פֿאַרטיפֿט אין אירע געדאַנקען, איז שטיל געווען איבערן גאַנצן

וועג. כאָטש אירע אויגן האָבן אויף קיין איין מינוט נישט אויפֿגע־
הערט צו שמייכלען און צו גלאַנצן, אַזוי ווי זיי וואָלטן געוואָלט
טשאַרלין אונטערהאַלטן קאָמפּאַניע אַנשטאָט אירע רייד.

## 8 קוני אײַלאַנד

אין קוני אײַלאַנד, בײַם ביטש [64], האָט טשאַרלי פֿאַרגעסן אין
דעם ערנסטן שמועס, וואָס ער האָט געפֿירט מיט מאַשאַן, און איז
געוואָרן אַן „אַמעריקען באָי״. קוים איז ער אַרײַנגעקומען אין באָד־
קאָסטיום און זײַנע נאַקעטע הענט און פֿיס האָבן דערפֿילט די לופֿט
פֿון ים, האָט עס אים געטראָגן ווי אַ ווינט. ער האָט אומגעדולדיק
געוואַרט אויף מאַשאַן, וועלכע האָט געדאַרפֿט אַרויסקומען פֿון דער
פֿרויען־אָפּטיילונג. דער ביטש איז געווען באַליגט מיט מענטשן,
און עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער איז אַ פֿאַרזעצונג פֿון ים, און
אָפֿט מאָל האָט ער קאָנקורירט מיטן ים — די מענטשן אויפֿן ברעג
האָבן אויסגעזען פֿיל מער ווי דער ים. נאָר דער ים מיט די מענטשן
האָט טשאַרלין ניט געשטערט. טשאַרלי האָט זיך שטענדיק גוט גע־
פֿילט צווישן דער מענגע. ער האָט ליב געהאַט די מאַסן און דעם
רעש פֿון זיי, און די פֿאַרשיידענע קאָלירטע מאַסן מענטשן, וואָס
האָבן פֿאַרטרונקען דעם ברעג פֿון ים, האָבן אין אים דערוועקט אַ
פֿרייד און אַ לעבנסלוסט. די האַלב נאַקעטע ווײַבער מיט רויטבלויע
און קאָלירטע קאַפּ־באַדעקנס, און די גאַנץ נאַקעטע קינדער, וואָס
זײַנען אַרומגעלאָפֿן מיט פֿריידן־געשרייען און מיט עסן אין די הענט
— די האַרענדע [65] פֿאַמיליעס אַרום די קינדער האָבן אין אים דער־
מאָנט, ווי ער וואָלט זיך געווען געפֿונען אויף אַ פּיקניק פֿון אַ פֿרײַ־
הייט־יום־טוב. ווי די מענטשן וואָלטן זיך צוזאַמענגענומען צו פֿײַ־

[64] ברעג ים, פּליאַזשע. — [65] אומגעהײַער גרויסע.



his wonderful lamp again, and then he took up an empty pitcher and poured wine from it into a golden mug. Once more Aladdin rubbed his wonderful lamp, and a white dove appeared, perched on his shoulder, and whispered a secret into his ear, a message from some remote magic world.

Mascha and Charlie wandered from one magic palace to another. The secrets of India, the mysteries of Egypt, the hidden forces of far-off Arabia were revealed to them. They felt as though they were living in the stories of the Arabian Nights, in the days before the route to India had been discovered, back in the magic countries of the ancient Orient. They saw the temples of China, the dances of India; an Indian princess told their fortunes; and the Arabian Aladdin delighted them with his magic. Everywhere they were surrounded by the glory and the glamor of the mysterious old Orient.

And when they had left these magic palaces they were both rather bewildered. They mounted two horses whose saddles were embroidered like the saddles owned by an Arabian sheik. Huge gems, glittering diamonds, red rubies, emeralds, sapphires, booty taken from captive princesses and from caliphs fallen in battle, studded their blankets. The horses were certainly of some noble Arabian breed, their nostrils were sensitive, their lips were flecked with foam. And on these horses were a prince and princess—Charlie and Mascha; and all round them were other princes and princesses; while in the elaborately-carved coaches the royal children urged the horses to go faster, faster. So they all galloped along in a row, but they never overtook one another. And where were these royal personages going? They were riding into the land of dreams, of eternal joy, into the realm of youth.

The ride lasted but a moment. The horses were made of wood, and the path they traveled was a circle. But what of that?

ערן א גרויסן יום־טוב. אלע זיינען נאקעט, אלע עסן און באדן זיך, וואשן און שווימען — און אלץ מעג מען אויף דעם יום־טוב.

ער האט זיך געפרייט אין איינעם מיט דער גרויסער מענגע מענטשן. ער מאט ליב געהאט צוצוזען, ווי מענטשן האבן פארגע־ניגן. קיין מאל נאך האט ער נישט געזען א מענגע מענטשן זאלן האבן פארגעניגן צוזאמען און פרייען זיך צוזאמען. שטענדיק האט ער געזען, ווי מענטשן ארבעטן צוזאמען, ווי מענטשן ליידן צוזאמען, טרויערן און ווייטיקן צוזאמען. דא — די גרויסע ברייטע מענגע מענטשן, האלב נאקעטע, מענער מיט פרויען צוזאמען, אויסגעמישט מיט די קינדער, עסן צוזאמען, באדן זיך צוזאמען, פרייען און לאכן און שפילן זיך צוזאמען — און אלע האבן פארגעניגן. דאס האט אים אנגעשטעקט. עס האט געוועקט זיין לעבנסלוסט און זיין יוגנט. ער האט פלינק געוואלט זיין אין מיטן דער פרייד, מיטשפילן און מיטפרייען זיך מיט אלע, און געוואלט וואס צום שנעלסטן אין וואַ־סער אריין, אויסמישן זיך צווישן דער פרייענדיקער מענגע, וואס זייערע פרייד־געשרייען ברומען־ארויס פון ים — און דא זעט מען ניט מאשאן... ס'האט זיך אים געדאכט, אז ער איז פארליבט אין מאשאן; ס'האט זיך אים געדאכט, אז ער איז געקומען מיט מאשאן אויף דעם פיקניק, אויף דעם יום־טוב פון פרייהייט און נאקעטקייט, און ער וויל ווי צום שנעלסטן נעמען אנטייל אין דעם יום־טוב.

דערווייל האט אים מאשא ארומגעזוכט צווישן די מאסן. טשאַר־לי האט נישט באמערקט, ווי פארצוקט פון דער פרייד, פון די מענטשן, איז ער געגאנגען פון איין משפחה צו אן אנדערער און צו־געזען ווי זיי עסן — מענער און ווייבער און קינדער עסן צוזאמען נאקעטערהייט אוןווארפן־אן דאס עסן ארום זיך, און ער האט מיט פרייד צוגעזען, ווי מענער און ווייבער און קינדער טוליען זיך און וואלגערן זיך לייב אויף לייב אין זאמד — און מאשא איז אים נאכ־געגאנגען צווישן דער מענגע, ביז זי האט אים קוים דערכאפט ביי דער האנט:

— וו ביסטו! איך זוך דאך דיך ארום!

— א, מאשא, קום, קום פלינקער! — און ער האט געכאפט דאס מידל ביי דער האנט און געפלויגן מיט איר אין וואסער אריין.

א כוואליע פון ים איז געקומען אנטקעגן צו שווימען און זי האט געטראגן אין אירע פאלדן א מענגע מיט מענטשן־לייבער און וואסערלייב, און אפגעגאסן טשארלין מיט מאשאן מיט ים־וואסער און מענטשן־לייבער. עס האט געדויערט א ווײַלע ביז די צוויי, האלטנדיק זיך ביי די הענט, האבן געקענט זיך ארויסכאפן פון וואַ־סער און ארויסקריגן זיך פון דער מענטשן־מאסע, באגאסענע און אפגערונענע. א נאסער האט טשארלי ארויסגעלאכט פון וואסער.

— א, מאשא! — און געכאפט זי ביי דער האנט און ווייטער זי געצויגן אין ים אריין.

א צווייטע כוואליע איז אנגעקומען און האט די צוויי יונגע פאר צוזאמענגעווארפן, איינגעקנאטן איין לייב אין אנדערן. מאשא האט געפילט אויף זיך טשארליס יונג ביינערדיקן הארטן קערפער, זיינע שטארקע, יונגע הענט ארום אירע ברוסטן, און צווישן זיינע נאקעטע הענט און אירע ברוסטן איז גאר נישט געווען, נאר עס האט גערונען וואסער, און טשארלי האט געפילט ווי מאשאס לייכטער קערפער לייגט זיך אויף אים, און עס איז אים איינגענעם געווען — ווי דאס קאלטע מידללייב, באקליידט אין נאסן, ווייכן באדלייבל, לייגט זיך אויף אים. ער האט זי געצויגן ביי דער האנט טיפער אין וואסער אריין — מאשא האט מורא געקראגן, געשריען פאר פרייד און פאר שרעק, און אנגעהאנגען זיך מיט בײדע הענט אויף טשארליס יונגן, שטארקן האלדז. טשארלי האט זי געהאלטן מיט בײדע הענט און דאס וואַ־סער האט אים מיטגעהאלפן. ער האט געזען, ווי איר יונגער, שטאַר־קער קערפער שניידט זיך ארויס מיט א נאסער וואסער־ליניע פון איר קלעפנדיקן באדקלײדל. דער שווארצער, נאסער, זיידענער שטאף האט אנגענומען די זעלביקע ליניע, וואס עס האט איר קערפער. ער איז געפאלן אויף איר קערפער און ער האט בולט געמאכט יעדן צעטייל פון איר יונגן מיידלשן לייב. ס'האט ארויסגעקוקט יעדע ליניע. אירע יונגע אפשפרינגענדיקע ברוסטן האבן זיך ווי צוויי

שטארק הארטע בארנעס ארויסגעשניטן פון איר נאסן קלײדל און איר רונדיקער שטארקער בויך האט זיך ארויסגעשניטן ווי אן איידעלער פארצעלײַ־טעלער פון איר נאסן קאסטיום — ער האט ליב געהאט צו זען די ליניעס פון איר קערפער און גערן געהאט צו פילן דאס שלאגנדיקע לעבן און איינגעהאלטענעם ווילן, וואס שלומערט אין דעם קאלטן, הארטן קערפער, וואס ער האלט אויף זיינע הענט. נאר לאנג טראכטן און באטראכטן האט ער נישט געקענט — דער ים האט זיך געשפילט מיט זיי און די לויפנדיקע פרישע כוואליעס האבן געבראכט דעם קאלטן סוד פון ווייטן טיפן ים צו זיי — יעדעס מאל האבן זיי דערפילט צווישן זיך א דריטן קערפער, דעם קאלטן, פרישן געהיימענישפולן קערפער פון טיפן, ווייטן ים, וואס איז געווען ווי דער קערפער פון אן אומבאקאנטער, פרעמדער פרוי. זיי האבן זיך געשראקן פאר דעם פרעמדן קערפער — און ארומגענומען זיך און געטוליעט זיך איינס צום צווייטן, און דער קאלטער, פרעמדער וואַ־

Reality lasts no longer than a moment either; only dreams are eternal.

And then Mascha and Charlie went on a roller-coaster. Up into the air, higher and higher. They saw the wide expanse of sky, and at their feet lay Coney Island, with its millions of pleasure-seekers, and the two surging seas—the sea of water and the sea of humanity.

Up, up into the heavens—and suddenly they plunged into a valley, into a deep abyss, water down below, death staring them in the face. But now they were going up again, higher, higher, and all the world of reality seemed to vanish.

Still stupefied by this experience, they found themselves enveloped in golden-violet clouds which had descended upon this wonder-city, giving it the appearance of a fantastic dream. Coney Island was a sea of flame now. Light streamed out of the buildings and turrets and sprang from the roofs. Wheels of light played about the turrets, darted from the buildings, and floated about in the air; the sky came close; the stars seemed to have moved down to earth. Coney Island had been transformed into a dream city, a picture-book world.

Charlie and Mascha were back in the days of their childhood, and all the fairy tales had come true. People, grown-up people, were living the life of children, had created a children's fairy-tale city for their own delight. In the clouds of golden-violet which hung down over Coney Island there was magic; everything and everyone seemed to be floating along in these clouds, swaying drunkenly in the confusion of a dream. The brightly-lighted shops looked like so many play shops, and at their entrances stood life-size dolls, holding trumpets to their lips. One doll, dressed like a picture-book queen, in gold and silver robes, was leading a doll orchestra with her little baton. The people themselves resembled dolls, as they hurried from one

זיי זײַנען בײדע געלעגן אויפֿן זאַמד און אײן זון האָט זיי בײדן באַדעקט. נאָך קיין מאָל זײַנען זיי נישט אַזוי נאָענט געווען צוזאַמען. און זיי האָבן נישט געוווסט, אַז מענטשן, יונגע מענטשן, מעגן ליגן אַזוי צוזאַמען אָן זינד און אָן שעמען זיך.

די זון האָט זיי בײדן צוזאַמען געוואַרעמט און זיי זײַנען בײדע אָנגעשטעקט געוואָרן פֿון דער פֿרייד און צופֿרידנקייט, וואָס האָט געהערשט צווישן דער מענגע נאַקעטע גליקלעכע מענטשן אויפֿן זאַמדבערג. זיי האָבן נישט געקלערט, אַז זיי זײַנען יונג, און זיי האָבן נישט געוווסט בײדע, אַז זיי האָבן זיך ליב, נאָר זײַנען גליקלעך געווען, וואָס די זון וואַרעמט זיי און וואַרעמט אַלעמען אויפֿן ברעג. עס האָט זיך זיי געדאַכט, ווי די גאַנצע פֿאַרשיידנפֿאַרביקע מענגע, וואָס פֿאַרטרינקען דעם ווײַטן ברעג פֿון ים, מיט די נאַקעטע הענט און פֿאַרשיידנקאָלירטע באַדעקנס אויף די קעפּ זײַנען איין משפּחה — די גאַנצע וועלט איז איין משפּחה געוואָרן און זיי געפֿינען זיך צווישן דער משפּחה.

— איך האָב ליב צו זען די מענגע אין פֿריידן! — האָט טשאַרלי געזאָגט צו מאַשאַן — איך האָב ליב צו זען, ווי אַלע פֿרייען זיך און זײַן מיט זיי אין דער פֿרייד. עס זײַנען דאָ אַזעלכע, וואָס האָבן נישט ליב קוני אײַלאַנד, ווײַל קוני אײַלאַנד איז דאָס פּלאַץ פֿון די רויע מאַסן. זיי פֿאַרשמוצן דעם ים מיט די רעשטלעך פֿון עסן און באַלייגן דעם ברעג מיט זייערע אומגעלומפּערטע מיאוסע קערפּערס. און מיר דאַכט זיך, אַז פֿרייד און צופֿרידנקייט און גליקלעכקייט קען מען נאָר האָבן מיט אַ מענגע, מיט אַ גרויסער, רויער מאַסע אין אײנעם. מיר וואָלט לאַנגווײַליק געווען צו האָבן פֿרייד און פֿאַרגעניגן אַליין. מיר וואָלט לאַנגווײַליק געווען צו זײַן אײנער אַ גליקלעכער אָדער צו זײַן מיט בלויז גליקלעכע, מיט אויסדערוויילטע, וואָס האָבן די מעגלעכקייט צו האָבן פֿאַרגעניגן. פֿאַרגעניגן קען מען נאָר האָבן אָט דאָ, ווען מ׳זעט, ווי די גרויסע, ברייטע מאַסן האָבן פֿאַרגעניגן. עס דאַכט זיך דעמאָלט, אַז עס איז גאָר נישט מער דאָ קיין שלעכטס און קיין לײַדן אויף דער וועלט; אַז דאָס פֿאַרגעניגן איז אויסגעשפּרייט פֿאַר אַלעמען. דאַכט זיך, אָט דאָ קען מען טיף און שטאַרק הנאה האָבן פֿון פֿאַרגעניגן. דאָס פֿאַרגעניגן פֿאַרשאַפֿט אינערלעכע און אמתע פֿרייד — מען ווערט אָנגעשטעקט מיט דער אַלגעמיינער פֿרייד.

מאַשאַ האָט געקוקט אויף אים. זי האָט ליב געהאַט צו הערן אים ריידן. טשאַרלי האָט נישט געקענט ריידן רויִק. טשאַרלי האָט געקענט נאָר ריידן מיט באַגײַסטערונג, מיט פֿלאַמענדיקע אויגן און מיט מאַכן מיט די הענט — עס איז געווען, ווי ער וואָלט איבערגענומען פֿון פֿאָטער, דעם פֿרומען חסיד, די רעליגיעזע באַגײַסטערונג — און האָט ער זי נישט געהאַט אויף וואָס אויסצולאָדן, האָט ער זי אויסגעגאָסן אויף זײַנע איבערצײַגונגען. און די אײַנגעבוירענע באַגײַסטערונג און התלהבֿות פֿון זײַן פֿרומען טאַטן האָט אַפֿילו די אַמעריקאַנער „פּאַבליק סקול" נישט געקענט בײַ טשאַרלין אויסלעשן.

— קוק זיך אַרום, מאַשאַ! — איז טשאַרלי געשפּרונגען פֿאַר פֿרייד — זע, ווי גרויס, ווי ווײַט, ווי לאַנג ווײַט עס ציט זיך אויס די מענגע, טויזנטער און הונדערטער טויזנטער! זע, אַלע זײַנען גליקלעך, אַלע פֿרייען זיך — איך האָב ליב די מאַסן. אַז איך בין אין אַזאַ ים מיט מענטשן, דאַכט זיך מיר, איך וואָלט אויף אַלץ אין גרויסע זאַכן. עס זײַנען דאָ דעמאָקראַטן, סאָציאַפּעיִק געווען, אויף גרויסע זאַכן. עס זײַנען דאָ דעמאָקראַטן, סאָציאַליסטן אַפֿילו, וועלכע האָבן נישט ליב די גרויסע מענגע. די מאַסע איז פֿאַר זיי צו גראָב, אומקולטורעל, און זי באַליידיקט זייערע עסטעטישע געפֿילן. אָפֿט מאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערן פֿון מײַנע קאַמעראַדן, אַז זיי פֿילן זיך אײנזאַם אין דער מענגע. זיי פֿאַרשטייען נִיט, די נאַראָנים, די אידעען פֿון אַ מענגע, זיי מיינען, אַז די מאַסע איז אַ צוזאַמענהאַנג נאָר פֿון פֿיל אײנצלנע, גראָבע, אומוויסנדיקע אײנצלנע. זיי ווייסן נישט, אַז די מאַסע איז אַ קערפּער, אַ נשמה, אַ באַשעפֿעניש פֿאַר זיך אַליין — מיט איר אייגענער אינדיווידואַליטעט. אַז איך געפֿין זיך אין אַ מענגע, איז ווי איך וואָלט זיך געפֿונען אין דער אומענדלעכקייט. אין דעם געהיימעניש פֿון אונדזער עקסיסטענץ, וואָס ווי אַן אײנצלנער קען מען עס נישט דערגיין און פֿילן. מאַשאַ, דו ווייסט וואָס אַ מאַסע איז? אַ מאַסע איז דאָס גרויסע, אייביקע לעבן, וואָס איז געווען פֿאַר אונדז און וועט זײַן נאָך אונדז. מיר וועלן שטאַרבן, יעדער אײנצלנער וועט שטאַרבן; די מאַסע וועט לעבן, זי האָט אייביק געלעבט, אין אַלע דורות, אין אַלע פֿאָרמען. מיר דאַכט זיך, אַז גאָט האָט צו ערשט באַשאַפֿן נִיט דעם אײנצלנעם, נאָר די מענגע; אַז איך געפֿין זיך צוזאַמען אין אַזאַ ים מיט מענטשן, בין איך זיכער, מיר דאַכט זיך,



shop to the next, buying whatever they wanted, eating, drinking, playing, dancing. The streets became brighter and brighter, and the excitement and gaiety increased; it was as though the world of childhood had come to life, the magic world of fantasy. All humanity seemed to have found its way back to the land of make-believe, and called it Coney Island.

When Mascha and Charlie sat in the bus on their way home, they gradually returned to reality; the dream in which they had been living vanished, and they felt strange and ill-at-ease with one another. It semed to Mascha that someone had placed a noose round her neck. Charlie was sure that he had been talking great nonsense all day. Why? What for? And yet they both realized that they had shared a wonderful experience, something that had drawn them very close together for a moment, and which would never be entirely lost. The memory of a lovely dream would live on in their hearts. They and all the other passengers turned to take one last look at Coney Island. From a distance Coney Island seemed like a curious natural phenomenon, almost like a miracle. Turret after turret shooting up into the sky. Balls of fire circling in the air, and floating, inexplicably, in space.

Proud turrets, of a fantastic other-worldly beauty, brilliantly-lighted turrets, towered above the shining buildings. They were like the towers of sacred temples, descended from the heavens. The flashing lights in the bright streets, the blazing turrets suggested the heights of Olympus, the holy cities of Mecca or Jerusalem. Majestic, radiant, compelling—a wonder-city, this Coney Island—a city for which to be infinitely grateful, because it brought gaiety, happiness, release from the crassness of reality, to millions and millions of people.

אַז איך האָב זיך אויפֿגעלייזט — איך בין אַ טייל פֿון דעם גרויסן אייביקן.

מאַשאַ איז שטיל געווען און האָט אים אָנגעקוקט פֿאַרוווּנדערט און פֿרעמד. פֿיל פֿון זײַנע ווערטער האָט זי ניט פֿאַרשטאַנען. זי האָט איבער הויפּט קיין מאָל פֿון קיינעם נישט געהערט אַזוי ריידן. נאָר נאָך מער פֿון די רייד איז איר פֿרעמד פֿאַרגעקומען טשאַרלי אַליין. דורך דעם יאָר, וואָס זי איז אַ כּלה מיטן אַנקל און זי האָט טשאַרלין ניט געזען, דערקענט זי אים ניט. טשאַרלי פֿלעגט שטענדיק פֿאַרשעמענדיק שווײַגן אין דער געזעלשאַפֿט פֿון מיידלעך. די מיידלעך האָבן פֿון אים חוזק געמאַכט און ער האָט אָפּגעענטפֿערט מיט אומגעלומפּערטקייט. זײַנע וויצן האָבן קיין מאָל נישט אויסגענומען. וואָס איז עס געוואָרן מיט טשאַרלין? ווו איז ער געווען דורך דער צײַט? וואָס האָט ער געטאָן? זי האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביסל צו שעמען פֿאַר אים, ווײַל זי קען אַזוי נישט ריידן ווי ער. און עס האָט איר אַרומגענומען אַ געוויסע שטאָלצקייט אויף אים און זי האָט אים גערן געהאַט, פֿאַר וואָס ער רעדט אַזוי.

טשאַרלין האָט עס נישט אויסגעמאַכט, צי מאַשאַ פֿאַרשטייט אים יאָ אָדער נישט. ער האָט מער גערעדט פֿאַר זיך ווי פֿאַר איר. איבעריקנס האָט ער געמיינט, אַז אַלע דענקען אַזוי ווי ער, און אַלע טראָגן זיך אַרום מיט די געדאַנקען וואָס ער. טשאַרלי איז געווען פֿון יענער וואַקסנדיקער יוגנט אין אַמעריקע, וואָס זייער גלויבן אין אידעאַליזם איז נאָך אַזוי יונג און פֿריש, אַז עס שמעקט פֿון איר דער טוי פֿון וואַקסן. ווי אַלצדינג אין אַמעריקע איז אָנגעזאַפּט מיט ענערגיע פֿון אַ יונגער שפּראָצנדיקער פֿרוכט, אַזוי איז אויך דער אַמעריקאַנער אידעאַליזם. דאָרט ווו ער ווײַזט זיך אַרויס יונג און פֿול מיט גלויבן. מיט סקעפּטיציזם און ספֿקות איז ער נאָך נישט באַפֿלעקט. ער ווייסט נישט פֿון זוכעניש אין מיסטישער פֿאַרבאַרגעניש. נאָר דער גאַנצער אידעאַליזם איז אָנגעווענדט אויף פּראַקטישקייט און באַקוועמלעכקייט, און ווערט געטריבן פֿון אַן ענערגישן אָפּטימיסטישן לעבנסלוסטיקן שטראָם פֿון אַ יונגן שפּראָצנדיקן



שטאַם. דער זעלביקער ענערגישער שטראָם פֿון דער יונגער שפּראָצנדיקער קראַפֿט, וואָס בויט די הימלקראַצערס און וואַרפֿט מײַלןלאַנגע בריקן איבער טאָלן און טײַכן — טרײַבט אויך די דענקענדיקע קראַפֿט פֿון אַמעריקע צום פּראַקטישן און ניצלעכן אידעאַליזם...

טשאַרלי האָט באַלאַנגט צו אַן ענגן קרײַז פֿון ייִדישער שטודירנדיקער יוגנט, וועלכע האָט נישט געלערנט פֿאַר קאַריערע, נאָר זיי זײַנען געווען אַרומגענומען פֿון אָט דעם יונגן אַמעריקאַנער אידעאַליזם. דער אָפּטימיזם, וואָס האָט געשטעקט אין זייער בלוט פֿון זייער אַלטער אמונה, האָט אומבאַוווּסט געפֿאָדערט אין זיי דעם פּראַקטישן אידעאַליזם. דער געדאַנקען־גאַנג זייערער איז נישט אַרויסגעגאַנגען פֿון די גרענעצן פֿון הײַנטיקן, וועלטלעכן לעבן, האָט זיך ניט פֿאַרבלאָנדזשעט אין קיין אַנדערע וועלטן, און האָט געזוכט אַ פּראַקטישן ענטפֿער אויף אַלע פּראָבלעמען — אין די גרענעצן פֿון הײַנטיקן, אין דעם וועלטלעכן לעבן.

טשאַרלי האָט זיך אויך געהאַט באַקענט מיט אַ גרופּע רוסישע ייִדישע אינטעליגענטן, וועלכע זײַנען דאָ טעטיק געווען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. פֿון זיי האָט ער געהערט פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד, פֿון דער רעוואָלוציע, פֿון דעם רוסישן אידעאַליזם — פֿון סיביר, פֿון טורמע. רוסלאַנד, די רעוואָלוציע, איז בײַ אים געווען ווי אַ פֿאַרצויבערטע לעגענדע, ווי אַ הייליקייט, אַן ארץ־ישׂראל, און די רוסישע ייִדישע אינטעליגענץ איז בײַ אים געווען ווי אַ הייליקע. ער איז שטאָלץ געווען, וואָס ער קומט פֿון רוסלאַנד, פֿון לאַנד פֿון דער רעוואָלוציע און אידעאַליזם, וואָס ער איז דאָרט געבוירן געוואָרן. און ער האָט זיך מיט זײַן גאַנצער אומשולדיקער יוגנטקראַפֿט אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער באַוועגונג דאָ. און געדענקענדיק און פֿילנדיק דאָס לעבן פֿון די ייִדישע אימיגראַנטן, האָט עס בײַ אים געוועקט דעם פּראָטעסט, זײַן פּראָטעסט, פֿון אַ געזונטן גלײַכבאַרעכטיקטן, דערצויגענעם ייִנגל צום דערנידעריקטן לעבן פֿון זײַנע עלטערן. און אפֿשר איז אין דעם שולדיק געווען זײַן פֿאָטערס רעליגיעזע פֿרומקייט, וואָס ער האָט נישט געזוכט, ווי



טויזנטער, טויזנטער זײַנס גלײַכן, זײַן אייגענע פּערזענלעכע פֿאַרבעסערונג פֿון זײַן לאַגע, נאָר ער האָט זײַן גאַנצע ענערגיע, גלויבן און האָפֿענונגען אַוועקגעשאָנקען דער פּאַרטיי, וועלכע — ער האָט געגלייבט — וועט אַלעמענס לאַגע פֿאַרבעסערן און פֿאַרלײַכטערן.

מיט זײַנע איין און צוואַנציק יאָר איז טשאַרלי נאָך געווען די אומשולד אַליין און זײַן באַציִונג צו מאַשאַן איז געווען ווי די מערסטע פֿון דער אַמעריקאַנער דערצויגענער יוגנט צו מיידלעך — אַ באַציִונג פֿון אַ קאַמעראַד, „אַ באַי“, צו אַ קאַמעראַד „אַ גוירל“. זײַן יונגער קערפּער, וועלכער איז פֿון דער „פּאַבליק סקול“ אָן געוואָרן אויסגעגימנאַסטיקירט און געהאַלטן זיך אין איין ברעכן און באַוועגן, איז געווען צו ניכטער פֿאַר קערפּערלעכער לײַדנשאַפֿט. ער האָט נישט קיין צײַט געהאַט צו זאַמלען זײַן ענערגיע פֿאַר לוסט, וואָרעם זײַן ענערגיע איז יעדעס מאָל אָנגעווענדט געוואָרן אויף באַוועגונגען און ברעכן זיך, אויף שפּרינגען און באָל כאַפּן. קיין מיידלשער קערפּער האָט בײַ אים גאָר נישט קיין באַזונדערס נישט דערוועקט. ער האָט זיך געבאָדן מיט מאַשאַן, געפֿילט איר קערפּער אויף זיך, געלעגן איצט נעבן איר אין דער זון, אויפֿן זאַמד, געזען די ליניעס פֿון איר יוגנט, וואָס שנײַדן זיך אַרויס פֿון איר באָדקלייד און ער האָט גערעדט צו איר ווי צו אַ פֿרײַנד אַ ייִנגל, און ער האָט זי פֿאַר אַזעלכע געהאַלטן. ער האָט געשטיפֿט מיט איר, געוואָרפֿן זיך אויף אַנדער, אָנגערירט די דעליקאַטסטע טיילן פֿון איר קערפּער, און עס האָט בײַ אים קיין זינדיקע געפֿילן נישט דערוועקט. ער האָט זי גערִיסן בײַ דער האַנט און געשלעפּט זי בײַם אָרעם איבערן זאַמד, ווו די זון האָט זיי בײדן באַגאָסן מיט ליכט און וואַרעמקייט.

— קום, מאַשאַ, וועלן מיר זיך לאָזן אין דעם ים פֿון די מענטשן... קוק, זעסט, ווי גרויס דער ים מענטשן איז... קום, איך האָב ליב צו טראָגן זיך אין אַ ים מענטשן...

און ווירקלעך איז דער גאַנצער ברעג פֿון ים, ווי ווײַט דאָס אויג האָט נאָר געקענט פֿאַרכאַפּן, אָנגעפֿילט געווען מיט נאַסע, באָרוועסע און נאַקעטע מענטשן. לײַבער, לײַבער און לײַבער. דאָס בײַ



סעלע קליידער, סײַ מענלעך, סײַ ווײַבלעך, האָט זיך פֿאַרלוירן אין די נאַקעטע הענט, העלדזער, ברוסטן, פֿיס און רוקנס. עס איז געווען, ווי דער ים וואָלט אַרויסגעוואָרפֿן פֿון זיך כוואַליעס מיט מענטשן־לײַבער; ווײַבער, מענער, קינדער, ייִנגלעך און מיידלעך, אַלע אויסגעמישט, צוזאַמענגעפּאָרט, צוזאַמענגעקנאָטן.

מאַשאַ און טשאַרלי, יונג און נאַקעט, מיט נאַקעטע פֿיס און נאַקעטע הענט, זײַנען געגאַנגען צווישן די האַלב נאַקעטע לײַבער. עס איז געווען, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיך צונויפֿגעקומען צום ברעג פֿון ים, אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די זינדיקע באַפֿלעקטע קליידער און געמאַכט אַ נאַקעטע שטאָט. עס האָט נאָר געשטערט אין דער ים־נאַקעטקייט דאָס רעשטל פֿון אָנטועכץ, וואָס די מענטשן האָבן געמוזט טראָגן פֿאַר „אָנשטענדיקייט“... אַזוי זײַנען זיי בײדע געגאַנגען האַנט אין האַנט. און זייערע נאַקעטע שטיקער לײַבער האָבן זיך אָנגערירט און געריבן אין פֿרעמדע, אין אומבאַקאַנטע. מען האָט מיט אַ מאָל דערפֿילט דעם טעם פֿון אַ פֿרעמדן לײַב. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַ גרויסער משיח איז געקומען און האָט אַלע פֿאַרבאָטן אויפֿגעלייזט, אַלץ מעג מען, און אין דער גאַנצער וועלט מישט זיך אויס איינער מיטן צווייטן...

טשאַרלי האָט געהאַט דאָס באַדערפֿעניש צו ריידן. די באַגײַסטערונג פֿון דער אַלגעמיינער פֿרייד האָט אים אָנגעשטעקט — און ווער עס וואָלט נעבן אים געגאַנגען, מיט דעם וואָלט ער זיך מיט זײַנע געפֿילן געטיילט.

— קוק, מאַשאַ, קוק, ווי ווײַט און ברייט עס איז דער ים מענטשן. זע, די גאַנצע וועלט איז זיך צוזאַמענגעקומען. כ׳האָב ליב די ניו־יאָרקער מאַסע. אַז מען זעט אַ ניו־יאָרקער מאַסע, זעט מען די גאַנצע וועלט פֿאַר זיך. אין אַלעמענס אויגן ליגט אַ בענקשאַפֿט פֿון אַ יוגנט, פֿון אַ קינדהייט, וואָס זיי האָבן ערגעץ אַנדערש ווו, אין אַן אַנדער לאַנד, איבערגעלעבט. דאָס איז ניו־יאָרק. מיר אַלע זײַנען ניו־יאָרקער. איך, דו — די אַלע וואָס ליגן דאָ — מיר אַלע האָבן אונדזער קינדהייט פֿאַרבראַכט ערגעץ אַנדערש ווו. און אַ ניו־יאָר־

מאַשאַס עלטערן זײַנען אומרויִק געוואָרן אין דער היים, וואָס מאַשאַ איז אַוועק אין קוני אײַלאַנד און מען זעט זי נישט. עס איז שוין געווען שפּעטלעך אויך, אַוונטברויט־צײַט, דער טיש איז געדעקט געווען, דאָס געשליפענע גלאָזוואַרג, וואָס אַהרנס ווײַב האָט זיך אָנגעקויפט אין שטוב, זינט עס איז איר גוט געגאַנגען, האָט געפינקלט פון גלעזער־שענקל אַרויס, און מאַשאַס מוטער ראָזע איז געזעסן בײַם געדעקטן טיש אָן אומגעדולדיקע, אַ מאָל געקלימפּערט

מיט אַ גאָפּל, אַ מאָל אַוועקגעשאַרט אַ טעלער, און געקלאַפּט מיט די ליפּן:

— נאָ דיר אַ קוני אײַלאַנד!

אַהרן, וועלכער איז געווען אָן אַ ראָק, איז געשטאַנען בײַם אָפֿענעם פענצטער און אַרויסגעקוקט אומגעדולדיק אויף מאַשאַן. דאָס קלאַפּן מיטן ווײַבס ליפּן האָט אים דענערווירט, וואָרעם כאָטש עס איז נישט געווען קיין אויסערגעוויינלעכס אין מאַשאַס זאַמען זיך, דאָך האָט זיי מאַשאַס פאַרשפּעטיקן אויפגערעגט. וואָס פאַר אַ קלייניקייט עס האָט זיך נישט געטראָפן מיט מאַשאַן, האָט זיי באַלד באַאומרויִקט. ווי מען באַאומרויִקט זיך שטענדיק וועגן אַ גרויסן אוצר — האָט אַהרן אָפּגעבויגן דעם קאָפּ פון פענצטער און געברומט:

— ראָזע, לאָז מיר שוין גיין, ראָזע.

די איבעריקע קינדער זײַנען נישט געווען אין שטוב. געווען געהאַט אַרויסגעפאָרן אויף זומער־וווינונגען. נאָר טאַטע־מאַמע זײַנען איבערגעבליבן מיט מאַשאַן, צוליב דעם אויסשטײַער. עס האָט טאַקע געהאַלטן קורץ פאַר מאַשאַס חתונה. אין אַזעלכע פאַלן זײַנען טאַטע־מאַמע מער באַאומרויִקט וועגן דער כלה — און דאָ איז דאָך די כלה געווען מאַשאַ.

— ווו איז זי געגאַנגען, ראָזע? — איז שוין אַהרן געוואָרן אויך אומרויִק.

— ווו? איך האָב דיר געזאָגט: נאָך קוני אײַלאַנד! זי האָט געוואָלט זיך אויסבאָדן.

— און מיט וועמען איז זי דאָס געגאַנגען אין קוני אײַלאַנד, ראָזע?

— וואָס פרעגסטו מיך? דו ווייסט נישט? זי האָט דאָך אָנגעקלונגען, זי גייט מיט טשאַרלין אין קוני אײַלאַנד זיך באָדן.

— מיט טשאַרלין, האָ? ראָזע, מיט טשאַרלין איז זי געגאַנגען אין קוני אײַלאַנד? און דער אָנקל האָט מיר אָנגעקלונגען, אַז ער קומט באַלד אַרײַן מיט דער מאַשין זי אַרויסנעמען. דער אָנקל האָט מיך הײַנט געפרעגט אַ מאָל צען אויף איר. גיי, זאָג אים, אַז זי איז



געגאַנגען מיט טשאַרלין אין קוני אײַלאַנד. גיי, זאָג אים, מיט טשאַרלין. איצט וועט ער באַלד אַרײַנקומען זי אַרויסנעמען מיטן אויטאָמאָביל, און זי וועט נישט זײַן... איז געגאַנגען מיט טשאַרלין אין קוני אײַלאַנד... האָ, ראָזע, שיין זעסטו אויס, האָ?

— וואָס בין איך שולדיק? איך האָב זי דען געזען? אויפגעכאַפּט זיך אין דער פרי און איז אַוועק. וואָס האָב איך געזאָלט טאָן?

— גיי, זאָג דעם תירוץ דעם אָנקל. גיי, זאָג אים, ער וועט דאָ באַלד זײַן. וועסטו דאָס אים זאָגן?

— אַהרן, וואָס שרעקסטו מיך, אַהרן?

נאָר אַהרן האָט זיך באַלד אויך דערשראָקן פאַר דער שרעק, וואָס ער האָט אָנגעוואָרפן. האָט ער זיך געפּרוווט אַרויסנעמען פון דער שרעק.

— ראָזע, לאָז מיך אָפּ, ראָזע. דאָס קינד איז זיך געגאַנגען באָדן. וועט באַלד צוריקקומען. וואָס מאַכסטו חתונות?

— איך מאַך חתונות? דו מאַכסט חתונות!

— ראָזע, לאָז מיך אָפּ, ראָזע.

נאָר באַלד זײַנען זיי באַפרײַט געוואָרן פון דער שרעק, וועלכע זיי האָבן איינס אויף ס'אַנדערן אָנגעוואָרפן. אין שטוב איז געקומען אַרײַנצולויפן מאַשאַ. טאַטע־מאַמע האָבן פרײַ אָפּגעאָטעמט. אין אירע אויגן איז געווען אַ גלאַנץ פון טרערן און כעס. זי האָט זיך אַ מינוט אָפּגעשטעלט אין מיטן שטוב און אָנגעקוקט טאַטע־מאַמע מיט אַ רחמנות און וויינענדיקן בליק. דערנאָך איז זי אַרויס מיט אַ היפכן געוויין און איז שנעל אַרײַן צו זיך אין שטיבל אַרײַן.

— ראָזע, וואָס איז דאָס? — האָט אַהרן געפרעגט.

— איך ווייס וואָס דאָס איז? וואָס פרעגסטו מיך? קום־אַרײַן צו איר.

טאַטע־מאַמע זײַנען צו צו מאַשאַס צימער, האָבן אָבער געפונען די טיר פאַרשלאָסן. דער טאַטע האָט זיך געבעטן הינטער דער טיר:

— מאַשאַ לעבן, וואָס איז דיר? זאָג מיר, ביסטו חלילה קראַנק? אפשר שיקן נאָך אַ דאָקטער?

## CHAPTER XVII

### *The Bride Says No*

MASCHA'S PARENTS were feeling most uneasy because Mascha had not returned from Coney Island. It was getting late, the table had been set for dinner. The cut-glass goblets which Aron's wife had bought since the family had begun to prosper, sparkled brightly in the china cabinet. Rosa sat at the table, waiting impatiently, tapped her plate with her fork, pushed back her spoon, and murmured, from time to time:

"There you have it—Coney Island!"

Aron had removed his coat, and stood at the window, hoping to catch sight of Mascha. His wife's restlessness made him nervous too. Although it was not unusual for Mascha to be late, still it did upset her parents. Everything that concerned Mascha upset them. It was the nervous fear which accompanies the possession of a precious treasure. Aron turned from the window, grumbling:

"Rosa, do let me alone!"

The other children had gone to the country for the summer. But the parents and Mascha had stayed at home to see about her trousseau. Mascha's wedding was to take place soon. Naturally her parents were nervous about her.

"Where did she go, Rosa?" Rosa's restlessness infected Aron anew.

"I've told you, to Coney Island. She wanted to go swimming."

"And with whom did she go to Coney Island, tell me that, Rosa?"





"Why do you keep asking that? You know the answer perfectly well. She called up, you know she did, to say that she was going to Coney Island with Charlie."

"What, with Charlie? Rosa, you say she went to Coney Island with Charlie? And Uncle called up to say that he was coming with the car in a little while, to take her for a ride. Uncle asked about her at least ten times today. Well, you can be the one to tell him that she went to Coney Island with Charlie. Just tell him that she went with Charlie. He'll be here pretty soon now, to call for her with the car, and she won't be here—she went to Coney Island with Charlie—well, Rosa, you'll look pretty telling him that, won't you?"

"How can I help it? Did I see her go? She got up early, and left the house. What could I have done about it?"

"Well, just make excuses like that to Uncle! Do tell him that, I beg of you, he'll be here any minute now, then you can tell him that."

"Aron, why do you frighten me so, Aron?"

Aron was frightened himself at the fear he had inspired in his wife. So he tried very hard to banish his own fears.

"Rosa! Rosa, will you let me alone! The girl went out swimming, and she'll be back soon—why do you make such a fuss about it?"

"I—I make a fuss? You're the one that's making a fuss!"

"Please, Rosa, please do stop that."

But soon Aron and Rosa were able to cast off their fears. For Mascha came hurrying in. Her parents breathed freely once more. Their eyes were bright with both tears and anger. Mascha stood in the middle of the room for a moment, and as she saw how worried her parents looked, tears came to her own eyes. And then suddenly she began to sob, and hurried into her own room.

— מיר פֿאַלן דאָך פֿון לעבן, מאַשאַ. וואָס איז דיר, מאַשאַ? — האָט זיך די מאַמע געבעטן.

מאַשאַ איז אָבער שטום געבליבן הינטער דער פֿאַרשלאָסענער טיר.

— איז וואָס וועט איצט זײַן, ראָזע? — האָט דער מאַן געפֿרעגט, ווי דאָס ווײַב וואָלט נאָר אַליין אין דעם אומגליק שולדיק געווען.

— איך וועל אַהין גיין, צו די שנאָרערס, און די אויגן זיי אויס־דראַפּען, דער מאַמען מיטן זון. וואָס האָבן זיי צו אונדז, וואָס פֿאַר־גינען זיי אונדז נישט אונדזער שטיקל אָרעם גליק? — האָט ראָזע געזאָגט, מיינענדיק טשאַרלין מיט זײַן מוטער.

— אָבער הער־אויף, הער שוין אויף! — שרײַט דער טאַטע — מאַשאַ, מאַשאַ לעבן, שרעק אונדז נישט; דו שרעקסט דאָך אונדז! — האָט זיך דער טאַטע געבעטן הינטער דער טיר.

פֿון מאַשאַן איז קיין ענטפֿער נישט געקומען.

— און וואָס וועט איצט זײַן? דער אַנקל וועט דאָך באַלד קו־מען. ער האָט אָנגעקלונגען, אַז ער קומט מיט דער מאַשין דיך אַרויסנעמען.

דאָ האָט זיך פּלוצעם מאַשאַס טיר אויפֿגעפּראַלט און דאָס מיידל, מיט ברייט אויפֿגעריסענע אויגן, האָט געשריִען צו טאַטע־מאַמע:

— איך וועל נישט חתונה האָבן מיטן אַנקל, איך וועל נישט, איך וועל נישט!...

טאַטע־מאַמע האָבן זיך אָנגעקוקט, ווי דאָס אומגליק אַליין וואָלט מיטן דונער אַרײַנגעקומען.

— וואָס רעדסטו? וואָס זאָגסטו? מאַשעלע, וואָס טוט זיך מיט דיר?

— אײַ דאָנט וואָנט איט, אײַ דאָנט וואָנט איט [ג]! — האָט מאַ־שאַ געטופּעט מיט די פֿיס.

— שאַ, שטיל, ווי איז מיר, דער אַנקל וועט דאָך באַלד אַרײַן.

[ג] איך וויל עס נישט!

מאַשאַ האָט צוגעקלאַפּט די טיר פֿון איר צימער, הינטער די עלטערן.

— איז וואָס וועט איצט זײַן? ראָזע, איך ווער דאָך משוגע, איך ווער דאָך משוגע, איך גיי דאָך פֿון זינען אַראָפּ! — אַהרן האָט מיט אַ מאָל דערזען די גרוב פֿון אָרעמקייט, פֿון וועלכער ער האָט זיך אַרויסגעקראָגן, און די געפֿאַר ווידער אין איר אַרײַנצופֿאַלן. ער האָט זיך צוריק געזען אַן אַפּרייטאָר, און ער האָט פֿאַרצווייפֿלט.

גאָר ווי שטענדיק אין אַזאַ פֿאַל, ווען אַהרן האָט זיך פֿאַרלוירן, האָט אויך איצט ראָזע גענומען די לאַגע אין אירע הענט אַרײַן:

— אַהרן, גיי־אַוועק, זעץ זיך צום טיש עסן. דער אַנקל וועט באַלד אָנקומען... — האָט זי געזאָגט מיט אַ באַפֿעלנדיקן טאָן.

אַהרן האָט געפֿאָלגט, זיך אַוועקגעזעצט בײַם טיש און גענומען ברעכן די הענט:

— וואָס וועט איצט זײַן, וואָס?

— אַהרן, הער־אויף, דער אַנקל וועט אָנקומען. ער דאַרף גאָר נישט וויסן. ער דאַרף גאָר נישט אָנזען.

אַהרן האָט אײַנגעזען, אַז דאָס ווײַב האָט רעכט, האָט אויפֿגע־הערט און געפּרוווט רויִק זיצן.

— וואָס איז געשען? גאָר נישט איז געשען. געפֿאָרן מיטן באָי קיין קוני אײַלאַנד, האָט זיך איר דער קאָפּ פֿאַרדרייט. זי וועט אי־בערשלאָפֿן די נאַכט, וועט זי זיך אויסניכטערן.

אַהרן האָט אײַנגעזען, אַז דאָס ווײַב האָט רעכט, איז ער שוין גאָר רויִק געוואָרן.

און אַז דער אַנקל איז אַרײַנגעקומען, האָט ער געטראָפֿן די צוויי זיצן בײַם טיש און עסן זיך געמיטלעך.

— ווו איז מאַשאַ? — האָט דער אַנקל געפֿרעגט נאָך זײַענדיק בײַ דער טיר. אײדער ער האָט נאָך „גוד איוונינג" געזאָגט, האָט ער דערזען, אַז מאַשאַ איז נישטאָ בײַם טיש.

— האַלאָ, מאָזעס! — צײַט דער אַנקל איז אַ חתן געוואָרן, האָט אים ראָזע אויפֿגעהערט צו טיטולירן מיט אַנקל, נאָר גערופֿן אים בײַם בלויזן נאָמען מאָזעס, וואָס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עס פּאַסט זיך מער פֿאַר אַ חתן־בחור — האַלאָ, מאָזעס! — האָט זיך ראָזע אָפּגערופֿן, מאַשאַ האָט קאָפּשמאַרצן, האָט זיך אַ ביסל צוגעלייגט בײַ זיך אין צימער... — און אײדער דער אַנקל האָט נאָך צײַט גע־האָט זיך אַוועקצוזעצן, האָט זי שוין אַרײַנגערופֿן אין צווייטן צימער:

— מאַשאַ, מאַשאַ, זע נאָר ווער עס איז דאָ!

— ווו איז זי געווען, וואָס דער קאָפּ טוט איר וויי? — האָט דער אַנקל געפֿרעגט.

אַהרן איז בלייך געוואָרן און דערשראָקן, ווי יעדעס מאָל, ווען עס מאַכט זיך אים עפּעס נישט גלאַט, וועט ער באַלד צעמישט און פֿאַרלירט זיך. ראָזע אָבער האָט זיך נישט פֿאַרלוירן:

— זי איז געווען אין קוני אײַלאַנד זיך אויסבאָדן. אַזעלכע היצן. אַהיים געקומען אַ ברוגזע. מאָזעס! — האָט זי געווונקען מיט די אויגן צום אַנקל — „זאָל ער צוגיין זי אַרויסרופֿן; וועמען זי וועט אָפּזאָגן, אָבער אים..." — האָט די ייִדענע קאָקעטיש צוגעווונקען.



"Rosa, what does that mean?" asked Aron.

"How should I know? Why do you ask me? Let's go in and see."

They wanted to rush into Mascha's room, but they found the door locked. Her father pleaded with her:

"Mascha, dear child, what is it? Are you ill, perhaps, so may God prevent it! Do you want a doctor?"

"We're so frightened, Mascha. Mascha, what's wrong?" her mother joined in.

But no sound came from behind the closed door.

"What are we going to do now, Rosa?" asked Aron reproachfully, as though it were all his wife's fault.

"I'm going right over to see that bum; I'm going to scratch his eyes out, and his mother's too. Why don't they let us alone, why do they begrudge us our little bit of happiness?" cried Rosa. She was referring to Charlie and his mother.

"Stop, stop!" screamed Aron. "Mascha, dear Mascha, don't frighten us like this; you're scaring us to death," he put his lips quite close to the door.

Mascha did not answer.

"What are we going to do now? Uncle will be here soon. He called up to say that he was coming to get you with his car."

Then Mascha's door was opened suddenly, and there she stood, wide-eyed, and fairly shouted at her parents:

"I don't want to marry Uncle, I don't want to. Oh, I tell you I don't want to!"

And she slammed the door in her parents' face.

"What are we going to do now? Rosa, I'll go mad, I'll go mad, I'll lose my mind!" Aron came to a startling realization of the danger which threatened them, saw it all clearly, saw them sinking back into the depths of the poverty from which they





had only just escaped. He saw himself as a poor laborer once more, and he was quite distracted.

But as always, when Aron was in despair, Rosa stayed calm.

"Aron, go away, sit down at the table and eat. Uncle will be here any minute," she said in tones of command.

Aron obeyed, and sat down at the table, wringing his hands:

"What is to become of us now, what is to become of us now?"

"Stop, Aron, Uncle will be here any minute, he mustn't know what has happened, he mustn't even suspect anything."

Aron perceived that his wife was right; so he restrained his emotions and tried to sit down at the table calmly.

"After all, what has happened? Not a thing. She went out to Coney Island with the boy, and she feels a little upset. After she's had a little nap, she'll come back to her senses."

Aron perceived that his wife was right again, and said nothing more.

When Uncle arrived he found the Melniks sitting cozily at the table.

"Where's Mascha?" asked Uncle the moment he appeared. Even before he'd as much as said "good evening," he had noticed that Mascha was not there.

"Hello, Moses!" (Since Uncle had become Mascha's fiancé, Rosa no longer called him "Uncle," but merely "Moses," as it seemed to her more suitable for an unmarried man.) "Hello, Moses," cried Rosa. "Mascha has a headache, and she just went in to lie down for a while." And before Uncle could sit down, she called into the next room:

"Mascha, Mascha, just see who's here!"

"Where was she, what gave her such a headache?" asked Uncle.

Aron blanched with fear, and began to stammer out some

68

אַהרן איז נאָך בלייכער געוואָרן, געשראָקן זיך. ראָזע האָט אים באַרויִקט מיט אַ ווונק. דער אַנקל איז ווײַטער געבליבן זיצן בײַם טיש, גלײַכגילטיק, געזאָגט ווי פֿאַר זיך:

— אַז זי וויל זיך ברוגזן, זאָל זי זיך ברוגזן... — האָט אַרויסגענומען אַ דיקן ציגאַר פֿון גאָלדענעם ציגאַרן־טאַש, אײנעם צוגעוואָרפֿן אַהרנען, דעם אַנדערן אָפּגעביסן, אויסגעשפּיגן, געקײַט אים אין מויל און געפֿרעגט אַהרנען:

— וואָס מיינסטו, דער נײַער קאָלעקטאָר, וואָס איך האָב אָנגעשטעלט פֿאַר די הײַזער פֿון דאָון־טאָון, ווי רופֿט מען אים דאָרט, יודל דער רעסטאָראַטאָר, ער וועט זײַן אָלרײַט?

— איך ווייס נישט, צו וואָס דער אַנקל דאַרף נײַע מענטשן. אויף פֿרעמדע מענטשן איז זיך קיין מאָל נישט גוט צו פֿאַרלאָזן! — האָט זיך אַהרן אָפּגערופֿן מיט מער דרייסטקייט.

— אויף פֿרעמדע מענטשן איז זיך נישט גוט צו פֿאַרלאָזן, האָ, אַהרן? — האָט דער אַנקל געזאָגט גלײַכגילטיק, אויפֿגעהויבן זיך,



צוגעגאַנגען צום שפּיגל, אײַנגעשפּיגלט זיך. ער האָט, ווי זײַן געוווינהייט איז געווען, פֿון וועלכער ער האָט זיך נישט געקענט אָפּגעווינען, אַרויפֿגעשפּיגן אויף דער האַנט און געגלעט זיך די ווײַסגרויע האָר, וואָס זײַנען זייער שטאַרק געוואַקסן בײַם קאַרק און זיך נאָך געשוואַרצט בײַ די וואָרצלען.

— מאָזעס לעבן, וועסט מיר אפשר צוליב טאָן און פֿאַרזוכן פֿון מײַנע מילכיקע קרעפּלעך? איך האָב זיי ספּעשל געמאַכט פֿאַר דיר...

— האָט זיך אָנגערופֿן ראָזע, וועלכע האָט זינט מאָזעס איז אַ חתן געוואָרן מער דרייסטקייט צום אַנקל, געדוצט אים, וואָס אַהרן האָט באַ אין אופֿן נישט געקענט ברענגען איבער זיך.

דער אַנקל האָט אָבער נישט געענטפֿערט, צוגעגאַנגען צו דער טיר פֿון מאַשאַס צימער, אָנגעקלאַפּט און געזאָגט מיט אַ באַפֿעלערישן טאָן:

— העי, טשײַלד [72], קום אַרויס! די מאַשין וואַרט.

אַהרן איז ווידער בלייך געוואָרן ווי די וואַנט. נאָר ראָזע האָט אים באַרויִקט מיט בליקן.

עס זעט־אויס, אַז דעם אַנקלס שטימע האָט אויך מאַשאַ ניט געקענט בײַשטיין. באַלד האָט זיך די טיר געעפֿנט און מאַשאַ איז אַרויס, אַ בלייכע. זי איז געגאַנגען מיט פּאַמעלעכדיקע טריט, איז צוגעגאַנגען צום אַנקל און איז געבליבן שטיין.

דער אַנקל האָט איר אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ מיט זײַנע קורצע פֿעטע פֿינגער און זי אָנגעקוקט:

— וואָט איז דהי מעטער וויטה יו [73], מאַשאַ?

מאַשאַ האָט פּלוצעם גלאָצט העגגען אירע אויגן אויפֿן אַנקל. אירע אויגן זײַנען גרויס געווען, גרעסער ווי געוויינלעך, און גרויסע טרערן האָבן אָנגעפֿילט דעם גאַנצן חלל פֿון אויג. זי האָט געקוקט דעם אַנקל אין פּנים אַרײַן און געזאָגט:

— מאַסט אײַ מערי יו, אַנקל? אײַ קען'ט, אײַ קען'ט [74]! — און

[72] היי, קינד! — [73] וואָס איז מיט דיר די מעשה? — [74] קען איך מיט דיר חתונה האָבן, אַנקל? איך קען נישט!



די פֿיל זאַפֿטיקע טרערן האָבן אויסגערונען פֿון די אויגן און געפּערלט זיך פֿון די אויגן־הערעלעך אַראָפּ אויף די באַקן.

דער אַנקל איז בלייך געוואָרן און איז געבליבן אָן ענטפֿער.

— מאַשאַ לעבן, וואָס טוסטו?

— מאַשאַ, מאַשאַ! — האָבן פֿאָטער און מוטער אָנגעהויבן שרײַען.

— שווײַגט! — האָט דער אַנקל זיי אײַנגעשטילט מיט אַ שאַרפֿן פֿאַראַכטנדיקן בליק.

— אָלרײַט, קיד, גיי שלאָפֿן... — האָט ער געזאָגט צו מאַשאַן און איז אַרויסגעגאַנגען אָן שענקען אַ בליק די דערשראָקענע טאַטע־מאַמע.



awkward answer, as he always did when he was nervous. But Rosa kept her poise:

"She went out to Coney Island for a swim, it was so hot today; and she came home in a bad mood, Moses." Rosa winked at Uncle as she spoke—*he* could try to call her, was what her eyes signaled. Even if Mascha wouldn't listen to anyone else, if *he* were to call—Rosa smiled significantly.

Aron became even more frightened. He wondered what would happen now. But Rosa smiled at him knowingly. Uncle assumed an air of indifference, and said, half to himself:

"If she wants to sulk, let her sulk." Then he pulled a fat cigar out of his gold case, threw it in Aron's direction, took another one for himself, bit off the end, spit it out, chewed away thoughtfully for a moment, and then asked Aron:

"Say, what do you think about that new agent I hired for my downtown tenements, that—oh, what's his name?—oh yes, Yiddel, the restaurant man; do you think he'll do?"

"I don't know why Uncle thinks he has to hire strangers. You can never rely on strangers, you know," answered Aron, who had begun to have himself pretty well in hand.

"That's right, that's right, you can never rely on strangers, that's right, Aron, that's so," repeated Uncle casually, arose from his chair, walked over to the mirror, and stared at his own reflection. He reverted to his old habit of spitting on his hands, and smoothing back his hair; and his hair was quite gray.

"Dear Moses, do me the favor and taste my crumpets; I made them specially for you," Rosa interpolated, speaking cordially, intimately even.

Uncle did not answer at all; but he went up to the door of Mascha's room, knocked, and called in a commanding tone of voice:

"Hey, child, come on, the car's waiting!"





Aron trembled with fear. And Rosa gave him a side glance that told him not to be afraid.

Uncle's voice seemed to have put Mascha back in her place. The door opened, and Mascha, quite pale, entered the room. She moved slowly, and walked over to Uncle, and then stopped.

Uncle tilted her head back with his short fat fingers, and looked at her:

"What's the matter with you, Mascha?"

Suddenly Mascha stared straight at him. Her eyes were opened wide, and glistened with tears. But she looked directly at Uncle, and then she said:

"Do I really have to marry you? Oh I can't, I can't!" Great tears rolled down Mascha's cheeks.

Uncle was pale and speechless, and he said nothing at all.

"Mascha, my child, what are you doing?"

"Mascha, Mascha!" her father and mother cried.

"Let her alone!" Uncle turned to both of them, and his voice and expression were stern and scornful.

"All right, kid, go to bed!" he said to Mascha, and went away, without even casting a look at her distracted parents.

איך נישט. ווילסטו בײַ מיר בלײַבן, וועסטו ·אַרפּן צוריק אַרויפגיין אין שאַפּ אַרײַן, אַז נישט, וועל איך דיר געבן גוטע רעקאָמענדאַציעס.

— אַנקל, וואָס רעדט דער אַנקל! עס איז דאָך גאָר נישט געשען. דאָס מיידל וועט דאָך פאַרשעמט ווערן! וואָס רעדט דער אַנקל?

דעם אַנקל האָט עס זיס געטאָן. ער האָט אַ מינוט אָפּגעבויגן דעם בריוו און אָנגעקוקט אַהרנען.

— סעם!

סעם איז געקומען צו לויפן.

— ווי האָט מען אים גערופן אין דער היים? — פרעגט ער, ווײַזנדיק אויף אַהרנען.

סעם איז שטיין געבליבן, געצווייפלט אַ מינוט:

— דאַכט זיך „גאָרגל"...

— גאָרגל איז אָלרײַט! — ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַרויסגעגאַנגען פון געשעפט אָן אַ בליק צו שענקען אַהרנען.

— סעם, דהי גודס מוז געליפערט ווערן קיין באַלטימאָר ביז דעם ערשטן. געהערט?

— יעס, אַנקל.

דער אַנקל איז אַרויסגעקומען אויף דער גאַס. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס מיט זיך צו טאָן. די פּאַסיע האָט נאָך אין אים געברענט. און זיך וועלנדיק קילן, איז ער אַוועק צום „ווײַבל" (אַ זאַך וואָס ער האָט נישט געטאָן זינט ער איז מיט איר מאָן דורכגעקומען וועגן די קינדער). גענומען דאָס ווײַבל אין אַ באַזונדערן צימער אַרײַן, און אַוועקגעזעצט זיך מיט איר עסן געבראָטענע קאַטשקעלעך און טרינקען שנאַפּס. איר מאָן, דער קאָלעקטאָר פון זײַנע הײַזער, האָט זיי געמוזט באַדינען, טראָגן די גוטע זאַכן אין שטיבל אַרײַן. געלאָזט זיך פון אים די קאַמאַשן אַראָפּציִען און גערופן אים „גאַליציאַנער שמענדריק". דער אַנקל האָט זיך אָנגעשיכּורט (אַ זאַך וואָס האָט זיך זעלטן געטראָפן מיט אים) און איז איבערגעבליבן בײַם „ווײַבל" איבער נאַכט...



13

## מאַשאַ טרעפט זיך מיטן אַנקל

— וואָס וועט איצט זײַן, ראָזע, וואָס? — האָט אַהרן מעלניק געוויינט.

אין דער היים איז געווען תשעה־באָב. די שטובן ניט צוגעראַמט אַ פּאָר טעג. מען האָט נישט געגעסן, ניט געשלאָפן. די איבעריקע קינדער זײַנען געקומען צו פאָרן פון דער קאָונטרי [85]. דאָס שוועסטערל ציליע, וועלכע האָט קליינערהייט, ווען אַהרן האָט נאָך געוווינט אין האָפּקינס סטריט, געשפּילט „מוּווּיס", איז איצט שוין געווען אַ דערוואַקסענע פרײַלין, געגאַנגען אין הײַ־סקול [86], און האָט שוין געהאַט אַליין אַמביציעס צו ווערן אַ כּלה; זי האָט צום מערסטן אָנגעבריעט און געוויינט, אַז די שוועסטער גייט זי אומגליקלעך מאַכן. די איבעריקע קינדער, וועלכע האָבן זיך שוין דערצויגן אין ווילטאָג, נאָר האָבן נאָך ווי אין אַ חלום געדענקט די אָרעמקייט פון האָפּקינס סטריט, האָבן מער געפילט ווי פאַרשטאַנען דאָס אומגליק. זיי האָבן נישט געוויינט, נאָר זײַנען אַרומגעגאַנגען קינדיש פאַרזאָרגט און ערנסט, און די קינדישע פאַרזאָרגטקייט האָט מער געווירקט אויף מאַשאַן ווי דעם פאָטערס טרערן. לאהלע, דאָס ייִנגסטע שוועסטערל, וועלכע האָט פון קליינערהייט אָן געהאַט די געוווינהייט צו שפּילן די „אַמעריקען לײדי" און האָט געהאַלטן אין איין פאַרריכטן דאָס ענגליש אין שטוב, זי האָט נאָר געקוקט מיט אירע קינדישע אויגן אויף מאַשאַן. מאַשאַ איז געווען איר אידעאַל און זי האָט נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. זי האָט געפילט, אַז מאַשאַ טוט אַזוי — מוז עס אַזוי זײַן.

און דער פאָטער, אַהרן, איז אַרומגעגאַנגען אין שטוב הילפלאָז און שוואַך, אַזוי ווי זײַנע קינדער, מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ, און האָט זיך געהאַלטן אין איין ברעכן די הענט:

[85] זומערפּלאַץ, דאַטשע. — [86] מיטלשול.

CHAPTER XIX

## *Mascha Comes to Uncle*

"WHAT is to become of us now, Rosa, what?" Aron Melnik was close to tears.

The entire household was steeped in gloom. The rooms hadn't been brushed up for days. No one ate and no one slept. The younger children had returned from the country. Celia, the daughter who had formerly had aspirations to become a cinema actress, had grown up now and was going to high school; she would have liked to be engaged too, and she made more fuss than any of the others about the way her sister had acted. The other children, who couldn't remember much about their experiences in Hopkins Street, or the poverty the family had known, sensed the misfortune which had come upon them, but could not quite comprehend it. They did not cry, but they looked worried and grave; and their childish grief moved Mascha more than did her father's tears. Little Leah, Mascha's youngest sister, who had always played the lady, and who had a way of correcting the grammar of the rest of the family, simply stared at Mascha. Mascha was Leah's ideal, and she couldn't say anything. If Mascha did anything, that was the way things had to be, that was all.

Father wandered round the apartment, as much at sea as any of the children. He had tied a damp cloth round his head, and he wrung his hands and complained:

"What is to become of us now, what, oh, what?"

The poor old man dreaded the poverty which he knew was in store for them. His life had always been empty, he had never

— וואָס וועט איצט זײַן, וואָס?

אַ שרעק האָט אַרומגעכאַפּט דעם ייִד פֿאַר דער אָרעמקייט, וואָס ס'שטייט אים פֿאָר. ער האָט גאָר נישט געהאַט אין זײַן לעבן, קיין גלויבן אין זיך, קיין ענערגיע, נאָר די גונסט [87] פֿון אַנקל, וועלכע ער האָט געקויפֿט מיט זײַן טאָכטערס גליק — און די גונסט שטייט אין געפֿאַר, זײַן גאַנצע פּרנסה, זײַן לעבן, זײַן ברויט און דירה. ער האָט זיך געזען זינקען אין דעם אָפּגרונט, פֿון וועלכן ער האָט זיך אַרויסגעקראָגן. דער ייִד האָט פֿאַרלוירן פֿון וואָג, וואָס ער האָט צו־גענומען דורך דער צײַט, ווען ס'איז אים גוט געגאַנגען — דער ייִד האָט אָנגעהויבן אויסצוזען ווי אין די אַמאָליקע יאָרן, ווען ער האָט געאַרבעט בײַם אַנקל אין שאַפּ.

נאָר די מוטער, ראָזע, האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. צו ערשט האָט זי געלאַכט פֿון דער גאַנצער געשיכטע; די מויד האָט זיך דעם קאָפּ פֿאַרדרייט. זי וועט זיך אויסשלאָפֿן, וועט זי ניכטער ווערן. אָבער ווען זי האָט געזען, אַז די מויד האָט זיך אויסגעשלאָפֿן און איז נישט ניכטער געוואָרן, האָט זי געטענהט צו מאַשאַן, אַז זי האָט שוין קיין רעכט נישט חרטה צו האָבן.

— איצט גייסטו חרטה האָבן? צו שפּעט, מײַן טאָכטער. האָסט אים אַרומגעפֿירט בײַ דער נאָז פֿאַר פֿיר יאָר. ער האָט פֿאַרשפּילט זײַן לעבן איבער דיר; ער וואָלט געקענט חתונה האָבן מיט דעם שענסטן און בעסטן מיידל, נישט מיט אַזאַ שנאָרערין ווי דו, וועל־כער ער האָט אַ קליידל געקויפֿט — איצט גייסטו חרטה האָבן? איצט, ווען ער האָט זיך געלאָזט קאָסטן אַזוי פֿיל געלט פֿאַר דיר און געוואָרט אויף דיר אַזוי לאַנג, האָסטו נאָך דערנאָך חרטה? צו שפּעט, מײַן טאָכטער, צו שפּעט. האָסט באַדאַרפֿט חרטה האָבן, ווען ער האָט דעם ערשטן דאָלאַר זיך געלאָזט קאָסטן אויף דיר, ווען דו ביסט נאָך אַ קליינע געווען, אײדער ער האָט דײַן טאַטן אַ דזשאַב

[87] חסד.



געגעבן — אויף האָפּקינס סטריט. אויף האָפּקינס סטריט האָסטו באַדאַרפֿט חרטה האָבן, נישט איצט.

— אוי, ראָזע, עס איז שוין סײַ ווי סײַ צו שפּעט. דער אַנקל וויל מער נישט הערן און געדענקען דערפֿון.

מאַשאַ האָט אײַנגעזען, אַז די מאַמע האָט רעכט, נאָר דאָך האָט זי זיך נישט געפֿילט שולדיק. עס איז אַלצדינג געוואָרן אַזוי אָן איר וויסן. זי האָט נישט געוווּסט, ווען זי איז אַ קינד געווען, וואָס עס הייסט חתונה האָבן. ערשט איצט האָט זי עס דערפֿילט. און פֿאַר וואָס זי האָט זיך צום מערסטן געשראָקן איז געווען — וואָס זי וועט שטענדיק, שטענדיק שוין זײַן מיטן אַנקל צוזאַמען... גיין שטענדיק מיטן אַנקל, זײַן שטענדיק מיטן אַנקל. זי האָט דעם אַנקל נישט פֿײַנט געהאַט, פֿאַרקערט, זי האָט אים זייער גערן געהאַט, און זי איז אים זייער דאַנקבאַר געווען — נאָר עס איז געווען לאַנגווײַליק מיטן אַנקל. און זי האָט זיך געשראָקן פֿאַר לאַנגווײַליקייט.

— און וואָס בין איך שולדיק, מאַמע? איך בין ניט שולדיק.

— ווער דען איז שולדיק? איך בין שולדיק? אויף מיר האָט ער זיך געלאָזט געלט קאָסטן? מיך האָט ער געשיקט אין הײַ־סקול? פֿאַר מיר האָט ער געהאַלטן מוזיק־לערערס? איבער דיר האָט ער רויִנירט זײַן לעבן. ער וואָלט געקענט קריגן אַ לײדי, אַ פֿוירסט קלאַס אַמעריקען לײדי [88], ווען נאָר ער וואָלט געוואָלט. ער האָט אָבער נישט חתונה געהאַט, געוואָרט אויף דיר — וואָס מיינסטו, דו האָסט אים דעם קאָפּ פֿאַרדרייט און איצט ווילסטו נישט? מיט וועמען שפּילסטו זיך? וואָס מיינסטו, ער איז דײַן גלײַכן? דו ווייסט, ווער דער אַנקל איז, דו ווייסט?

מאַשאַ האָט ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס די מאַמע מיינט. זי האָט ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַר וואָס זי האָט דעם אַנקל דעם קאָפּ פֿאַרדרייט. זי האָט ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס זי האָט געטאָן אַזעלכעס דעם אַנקל, פֿאַר וואָס דער אַנקל דאַרף אַזוי בייז זײַן. עס האָט זיך איר געדאַכט,

[88] אַן אַמעריקאַנער פֿרוי פֿון ערשטן קלאַס.



אַז די „מאַ“ און „פּאַ“ קענען גאָר נישט דעם אַנקל; אַז זי וועט אַהין גיין און וועט אים אַלץ זאָגן, און דער אַנקל וועט אַלץ באַלד גוט מאַכן, ווי ער טוט יעדעס מאָל, ווען עס איז אַ צרה.

— איך וועל אַהין גיין צום אַנקל, איך וועל אים אַלץ זאָגן. איר וועט זען, דער אַנקל וועט ווידער גוט ווערן! — האָט מאַשאַ געזאָגט.



had any self-confidence nor any energy, all he had ever had was the advantage he had obtained as the result of Uncle's favor—and now this was in jeopardy. His earning capacity, his life, his daily bread, the roof over his head—all of these were in jeopardy. He saw himself sinking back into the abyss out of which he had pulled himself. He lost weight again, and he looked as he had looked back in the days when he was working in Uncle's shop.

Only Mascha's mother, Rosa, remained comparatively calm. She refused to yield. First she tried to laugh the whole thing off—it was some notion or other; when Mascha had had a good sleep, she'd come to her senses again! But when Mascha had had her good sleep, and still refused to come to her senses, her mother informed her that she had no right to go back on her word now.

"So you're going to change your mind, are you? Change your mind! Too late, my dear daughter, too late! You led him round by the nose for four long years. He sacrificed his whole life for you; why, he could have married the prettiest girl, the finest girl anywhere in the world, he could; he didn't have to choose a beggar like you—a girl for whom he had to buy the very clothes she put on her back! And now you want to change your mind! Now, after he spent so much money on you, and waited for you—now you don't want him? Too late, my dear daughter, too late. You should have changed your mind when he spent his first dollar on you, when you were only a little girl, before he gave your father his good job, back there when we lived on Hopkins Street. Back on Hopkins Street—that was the time to say no; but now you can't do that any more."

"Oh, Rosa, it's too late anyhow. Uncle doesn't want to see or hear anything more of her," Aron interrupted.

Mascha knew that her mother was right, yet she could not feel guilty. She hadn't understood all this at all. At first, while she was still a child, she hadn't realized what it meant to be married. She hadn't realized until a very little while ago. And what frightened her most of all was the thought that she would have to stay with Uncle forever, have to be with him all the time, have to go everywhere with him, be with him every moment. She didn't hate him at all, on the contrary, she liked him very much, and she was grateful for what he had done; but he bored her. And she was afraid of being bored.

"But why is it my fault, mother? Certainly it isn't my fault!"

"Not your fault? Then whose is it? Mine? He didn't spend his money on me, did he? He didn't send *me* to high school, did he? Or have *me* take music lessons? He gave up his whole life for *you*. He could have married a real lady, he could, a fine American lady. If he'd only wanted to, that's what he could have done! But he didn't marry anyone at all, he waited for you! Just what are you thinking of anyhow, first you make him fall in love with you, and now you don't want him? With whom do you think you are trifling? Do you think he's one of us, one of us poor workers? Do you know who Uncle is? Do you know that?"

Mascha did not understand what her mother meant. She did not understand how she had made Uncle fall in love with her, she did not know what she had done to Uncle to make him so angry with her. It seemed to her that neither her mother nor father really knew Uncle; if she were to go to him and tell him everything, Uncle would get everything fixed up right away, just as he had always done before, whenever they had been in any difficulty.

"I'll go over to see Uncle, I'll tell him everything; you'll see, Uncle will be friends with us again," said Mascha.

— ווילסטו נישט עסן מיט מיר? — האָט דער אָנקל געזאָגט, נישט קוקנדיק איר אין פּנים אַרײַן.

— געוויס, איך וויל.

— טאָ קום.

זיי זײַנען אַרײַן אין אַ שמאָל געסל. דאָרט האָט זי דער אָנקל אַרײַנגעפירט אין אַ באַקאַנטן אונגערישן רעסטאָראַן. דער באַלעבאָס האָט דערקענט דעם אָנקל, זיי געגעבן אַ פּלאַץ אין אַ ווינקל,

[92] קליידער־פאַבריקאַנט. — [93] מיט חשיבות, בכבודיק.

אַז מען זאָל זיי ניט שטערן. דער אָנקל האָט באַשטעלט עסן און אונגערישן ווײַן.

בײַם עסן איז דער אָנקל נאָך אַלץ ערנסט געבליבן, געשוויגן, זעלטן ווען געקוקט אויף מאַשאַן, געווען פאַרקלערט. כאָטש געגעסן האָט ער מיט אַפּעטיט און פיל ווײַן געטרונקען, און פון צײַט צו צײַט אויפגעפאָדערט מאַשאַן צו טרינקען.

— אָנקל, מאַך ווידער, אַז עס זאָל גוט זײַן. דו קענסט עס שטענדיק אַזוי גוט מאַכן... — האָט זיך מאַשאַ פּלוצעם אָנגערופן, אַרויפלייגנדיק איר מיידלשע האַנט אויפן אָנקלס האַנט.

— וואָס זאָל איך גוט מאַכן?

— דו ווייסט. בײַ אונדז איז אַזוי שלעכט איצט... פּאַפּאַ וויינט, מאַמאַ וויינט.

— פאַר וואָס וויינען זיי? — האָט דער אָנקל געפרעגט וווּנדערנדיק זיך — האָט עפּעס פּאַסירט?

— האָבן מורא, אַז דו זאָלסט פּאַ נישט אָפּזאָגן פון דער שטעלע.

— פאַר וואָס זאָל איך פּאַ אָפּזאָגן פון דער שטעלע?

— דו ווייסט פאַר וואָס... — האָט מאַשאַ געזאָגט פאַרשעמט. געשוויגן אַ מינוט. פּלוצעם אויפגעהויבן אירע גרויסע אויגן און געקוקט פרײַ און קינדיש דעם אָנקל אין פּנים אַרײַן, און געזאָגט מיט אַ קינדישער, אָבער זיכערער שטימע:

— איך ליב דיך, אָנקל. איך ליב דיך זייער. איך ליב דיך מער ווי מײַן „פּאַ" און מער ווי מײַן „מאַ". אפשר ביסטו צו אַנדערע שלעכט, נאָר צו מיר ביסטו שטענדיק געווען גוט, שטענדיק זייער גוט. און איך וועל דיר שטענדיק ליב האָבן, קיין מאָל נישט לאָזן קיין שלעכט וואָרט ריידן אויף דיר. איך ליב דיך. דו ביסט מײַן טײַערער, טײַערער אָנקל.

— שווײַג, מאַשאַ, שווײַג! —האָט דער אָנקל געברומט ווי פאַר זיך — טרינק ווײַן, טרינק, פּליז.

— איך קען נישט... — האָט מאַשאַ צוגענומען דאָס גלאָז פון אירע ליפּן און האָט עס באַלד אָוועקגעשטעלט — ליסטן, אָנקל...



— האָט זי זיך אָנגערופן, און איז צום ערשטן מאָל רויט געוואָרן, ריידנדיק מיטן אָנקל, און אירע אויגן האָבן אָנגעהויבן שײַנען מיט אַ נאַסן גלאַנץ — איך האָב נישט געוווּסט ביז איצט וואָס עס מיינט חתונה האָבן. איצט ווייס איך. און איך דענק... און איך דענק, אַז פאַר אונדז חתונה האָבן — איז נישט גוט... עס וועט נישט גוט זײַן... איך וויל זײַן מיט דיר אין דער היים ווי אַ טאָכטער. איך וועל דיר ליב האָבן ווי מײַן טײַערן, טײַערן אָנקל — נישט ווי דו ווילסט. דענקסטו נישט אַזוי?

דער אָנקל האָט געשוויגן, געטרונקען דעם ווײַן שווער און אויפגעמונטערט מאַשאַן:

— טרינק, מאַשאַ, פּליז, טרינק!

— דאָנ'ט, אָנקל, דאָנ'ט... — האָט מאַשאַ געזאָגט און אָוועקגענומען דאָס גלאָז פון אָנקל און נישט געלאָזט אים טרינקען — איך ליב נישט ווי דו טרינקסט הײַנט. איך ליב נישט — דאָנ'ט, דאָנ'ט, ענטפער מיר, פּליז, ענטפער... פאַר וואָס רעדסטו נישט מיט מיר הײַנט?

דער אָנקל האָט זי אָנגעקוקט און געשמייכלט גוט און מיט ליבע צו איר.

— ליבסטו נישט, הייסט עס, דעם אָנקל. ווי, מאַשאַ? איך בין צו אַלט פאַר דיר, וואָס? איך פּאַס דיר נישט. יעס, מאַשאַ — האָט דער אָנקל געלאַכט און געמאַכט מאַשאַן אויך צו לאַכן, און פון דעם גאַנצן געשפּרעך איז עפּעס גאָר נישט געוואָרן.

— אָ, אָנקל, אַ אָלד מען, רייד נישט אַזוי! אײַ לײַק יו, יו אַר מײַ אָלד גוד אָנקל [94]. איך וועל שטענדיק זײַן מיט דיר, איך וועל וווינען מיט דיר אין דעם נײַעם הויז, וואָס דו האָסט אויפגעפיקסט... אײַ לײַק איט... יו אָלד דיער אָנקל [95]...

[94] איך „גלײַך" דיך. דו ביסט מײַן אַלטער, גוטער אָנקל. — [95] דו, אַלטער, טײַערער אָנקל...

**MASCHA COMES TO UNCLE**

They turned into a narrow street. There was a well-known Hungarian restaurant there, and that was where Uncle liked to go. The landlord knew Uncle; he showed them to a quiet table. Uncle ordered dinner and a Hungarian wine.

Uncle was serious all the while they were eating. He said nothing, and scarcely looked at Mascha. He seemed lost in thought. But he ate heartily, and drank a good deal of wine; occasionally he asked Mascha to have a drink too.

"Uncle, do fix everything up again, won't you? You do that so well," Mascha began suddenly, and put her slender girlish hand on Uncle's hand.

"What do you want me to fix up?"

"Oh, you know. Everything's so sad at our house now—dad and mother are both so depressed all the time."

"But why?" asked Uncle, in pretended surprise. "Has anything happened?"

"They're afraid you'll fire dad."

"But why should I fire dad?"

"You know very well why," said Mascha embarrassed. Then she was silent for a moment; but suddenly she lifted her eyes to his, and looked at him quite frankly and naïvely, and then spoke with youthful self-confidence:

"I do love you, Uncle. I love you very much. I love you more than I do dad or mother. Maybe you aren't always very good to other people, but you've always been good to me, very good, and I'll always love you. I'll never let anyone say anything against you. I do love you. You are my own dear, dear Uncle."

"Don't say any more, Mascha, don't say any more!" Uncle almost seemed to have forgotten her. "Have something to drink, Mascha, do!"

"I can't." Mascha raised the glass to her lips, but put it down again immediately. "Listen, Uncle," she began, and now she blushed a little, and her eyes were bright, "I never knew till now what it meant to be married. But now I know. And I believe—I believe that you and I—that you and I would not be happy together if we were married. I'll come and live with you as your daughter if you like. I'll love you as one loves a dear, dear uncle, but not as you would like to have me love you. Don't you think I am right about this?"

Uncle didn't answer her; he took another glass of wine, and once again asked Mascha to drink.

"Drink, Mascha, please, have some wine!"

"Don't, Uncle, don't," answered Mascha, and took the glass out of his hand. "I don't like to see you drink. I don't like it—don't, don't. And answer me, please answer me. Why won't you talk to me today?"

Uncle looked at her, and smiled at her sweetly, very sweetly.

"So you don't love Uncle? Is that it, Mascha? I'm too old for you, is that it? I don't seem quite suited to you, is that it, Mascha?" Uncle laughed, and made Mascha laugh too, and the conversation seemed to be at an end.

"Oh, Uncle, please don't talk that way. Truly I do like you, why, you're my own dear Uncle. I'll always stay with you, I'll come to live with you in the new house you've bought. I want to do it—honestly I do, uncle."

Uncle beckoned to the waiter and paid the check. As they left the restaurant, he asked Mascha:

"Will you go with me?"

"Wherever you like, Uncle."

He hailed a taxi, and gave an address in West Harlem.

"I want to show you the new furniture; the decorators have just brought it over. Everything is ready now, I'd like to have you see it."

דעם בעט, ווי א קראנקער צום טויט. זי האט זיך געשראקן פאר דעם געדאנק, און פרובירט ארויסגיין פון צימער. דער אנקל אבער איז געבליבן זיצן אויפן ראנד פון בעט און זי ארייַנגערופן:

— וווּ לויפסטו, מאשא? בלייַב דא. ווי געפעלט עס דיר, הא?

— א, שיין... — האט מאשא אפגעענטפערט, קוקנדיק ערגעץ אין א זייַט.

— שיין, וואס? — האט דער אנקל געלאכט, געגעבן א דריק א קנאפ אין וואנט, און דאס גאנצע צימער איז באגאסן געווארן מיט א בלוטרויטן ליכט, וואס האט די בלויע פארבן פון צימער געמאכט געל, און דאס גאנצע צימער האט מיט א מאל אנגענומען א קאליר ווי נישט פון דער וועלט. אלץ איז פארוואנדלט געווארן אין עפעס געהיימענישפול, דאס מעבל, די פארבן פון די ווענט, און דער אנקל, ווי א פעטע, געלע חיה, איז געזעסן אויפן בעט...

נאר דאס ליכט האט נישט לאנג געדויערט. באלד האט דער אנקל געגעבן א דריק אן אנדער קנעפל און דאס צימער איז באגאסן געווארן מיט א בלויען ליכט, א ווייַסן ליכט. דער אנקל האט גערן געהאט די ליכט־עפעקטן און ער האט באזארגט דאס שלאפצימער מיט פארשידענע ליכט־קאמבינאציעס. און די עלעקטרישע פיאנא־



לא האט געהיימענישפול געשפילט א ביליקן וואלצער פון א צווייטן צימער ארויס...

— נו, ווי געפעלט דיר דאס, מאשא?

— א, שיין!

— וואס קומט אבער ארויס, אז דו האסט מיך ליב נאר ווי אן „אלד גוד אנקל", נישט מער ווי אן „אלד גוד אנקל"... ווי האסטו געזאגט, מאשא? ווי אן „אלד גוד אנקל"...

— פליז, רייד נישט אזוי, אנקל. איך גלייך נישט ווי דו רעדסט.

— ליסטן, מאשא — איז דער אנקל פלוצעם ערנסט געווארן — איך מוז מיט דיר ריידן אפן. דו ביסט שוין מער קיין קינד נישט. דו פארשטייסט וואס איך מיין. קיין „גוד אלד אנקל" וויל איך נישט זייַן. איך האב קיין חשק נישט. איך וויל עס נישט.

מאשא איז שטיל געבליבן, האט געבויגן דעם קאפ צו דער ערד.

— וועל, איך בין צופרידן, וואס עס איז איצט ארויסגעקומען און ניט שפעטער — האט דער אנקל ווייַטער גערעדט — איצט וועט צום ווייניקסטן קיין „טראבל" נישט זייַן. דאס הויז קען איך פארדינגען אדער אפשר עפעס אנדערש טאן מיט דעם.

— ביסט בייז אויף מיר, אנקל? — האט מאשא געפרעגט.

— בייז? פאר וואס זאל איך זייַן בייז? פאר דאס געלט, וואס דו האסט מיך אפגעקאסט? א, א, מייַנע לאנדסלייַט קאסטן מיך אזוי פיל. ניין, איך בין נישט בייז, איך בין נישט גוט. און אפשר האסטו שוין וועמען, דארף מען חתונה מאכן, שיק דעם פאטער צו מיר. וואס איך טו פאר אלע מייַנע לאנדסלייַט, וועל איך טאן פאר דיר אויך. און איך ווינטש דיר גליק, מאשא. דער יונגער מאן, ווען ער איז פעיק צו עפעס, קען קומען צו מיר, אפשר וועל איך עפעס קענען טאן פאר אים.

מאשא האט אויפגעהויבן אירע גרויסע אויגן אויפן אנקל. זי איז געווען צוגעוווינט צו אים ווי א קינד צו א פאטער און די שפראך וואס ער האט גערעדט איצט, האט זי קיין מאל פון אים נישט געהערט, און זי האט מורא געקראגן פאר אים. דאך איז זי געווען



צוגעוווינט צו אים, און זי איז צוגעגאנגען צו אים און געפיעשטשעט זיך צו אים, ווי א קינד צו א גרויסן, פאר וועלכן עס האט מורא:

— דיער אנקל, פליז רייד נישט אזוי. איך ווייס נישט, וואס איך זאל טאן. איך בין א נאריש מיידל. דו האסט רעכט, דו האסט אזוי פיל גוטס געטאן מיט מיר, מיט מייַן פא, מיט מייַן מא — און איך בין אזוי שלעכט, אזוי נאריש. מיַי גוד, גוד אנקל... — און זי האט באהאלטן איר קאפ אין זייַן האלדז, און הייסע טרערן און א קינדישער קוש, וואס זייַנען געקומען פון אימה און אומבאהאלפנקייט האבן געווארעמט דעם אנקלס אלטע, הארטע הויט.

א מינוט האט עס אים גוט געמאכט, און ער האט זיך געלאזט קושן. נאר באלד האט זייַן אינערלעכער מענלעכער שטאלץ פראטעסטירט קעגן די אומשולדיקע קינדישע קושן. ער האט זי געוואלט ארומנעמען און קושן אין מויל אריַין, ווי א מאן א ווייַב. נאר אירע טרערן האבן אים צוריקגעהאלטן דערפון, ווייַל די טרערן האבן זי קינדיש געמאכט, און ער האט באגערט צו קושן די פרוי אין איר... האט ער זי אראפגענומען פון זיך און אפגערוקט זי:

to someone who is very, very ill. She shrank back from her own thoughts, and tried to leave the room. But Uncle sat down on the bed, and called her back:

"Where are you going, Mascha? Stay here. How do you like it all, tell me?"

"Oh, it's—it's very nice," answered Mascha, averting her glance.

"A fine room, isn't it?" Uncle laughed, and pressed a button. Immediately the entire room was flooded with a purplish light, which turned all the blue things in the room yellow; it was eerie to see. Everything was mysteriously transformed: the furniture, the walls and the rug; and there on the bed sat Uncle, looking exactly like a fat yellow animal.

But this lasted for only a few minutes. Then Uncle pressed another button, and the room was flooded first with blue light,



then with white. Uncle had a passion for lighting effects, and had arranged for many strange combinations here in the bedroom. The electric pianola played its little waltz tune mysteriously in the adjoining room.

"Well, well, what do you say to all this, Mascha?"

"Oh, it's lovely!"

"But what good is all this, when you only love me as dear old Uncle, just as your dear old Uncle. That was what you said, wasn't it, Mascha?"

"Please don't talk like that, Uncle, I don't like to have you talk like that."

"Listen, Mascha," Uncle suddenly grew serious. "I'll have to talk frankly with you. You are no longer a child, you know perfectly well what I mean. I don't want to be your good old Uncle any more, I don't want that at all; I don't like it."

Mascha bowed her head, and did not answer.

"Well, it's all right with me to have this all cleared up now instead of later," Uncle went on, "now there won't be any unpleasantness about it later on, at any rate. I can rent the house, or dispose of it in some way."

"Are you angry with me, Uncle?" asked Mascha.

"Angry? Why should I be angry? Because of the money I spent on you? Oh, those Kusmin countrymen of mine cost me plenty of money, anyhow. No, I'm not angry, but I'm not happy about it either. Perhaps there's someone else you'd like to marry, is that it? Then just tell your father to come to see me. I'll do for you what I do for all the rest of the daughters of those Kusminers. And I wish you happiness, Mascha. If the young man is any good, maybe I'll be able to do something for him."

Mascha raised her big eyes to Uncle's face. She knew him as well as a child knows its father, and yet she had never heard him talk like this before. This was a new Uncle, and she was afraid of him. But because she knew him so well, and had such confidence in him, she went up to him, and nestled against him like a little child.

"Dear Uncle, please don't talk like that. I don't know what to do. I am a silly girl. You are right, you did so much for dad and mother and me, and I am so bad, so stupid. Uncle, you've been so kind to us all." She hid her face on his shoulder, and Uncle felt, against his rough skin, the touch of a naïve kiss, and hot tears, expressing regret and a kind of helplessness.

For a moment he rather enjoyed this, and he allowed her to kiss him. But soon his masculine pride protested against these innocent child-like kisses. He wanted to put his arms round Mascha, and kiss her on the lips, as a man kisses a woman he loves, but her tears restrained him, for when she cried she seemed like a child, and what he wanted was to kiss her as a woman. So he loosened her arms from round his neck, and pushed her softly aside.

— דו פארגעסט זיך, מאשא, דו ביסט שוין מער נישט קיין קינד, דו ביסט א דערוואקסן מידל.

מאשא איז רויט געווארן, פארשעמט. אירע טרערן זיינען געבליבן הענגען אין מיטן אירע אויגן און זי האט געקוקט מיט נאסע אויגן אויפן אנקל און נישט געוווסט וואס צו טאן.

— ווילסט אהיים גיין? — האט דער אנקל געפרעגט.

— יא... — האט מאשא געשאקלט מיטן קאפ.

דער אנקל האט אויסגעלאשן דאס ליכט, זייער זארגפעלטיק פארשלאסן די טירן פון הויז. אויף מאשאן האט ער זיך נישט ארומגעקוקט, ווי זי וואלט דא נישט געווען. אויפן וועג, איידער ער האט זי אראפגעלאזט פאר איר הויז, האט ער געזאגט צו איר:

— זארג דיך ניט, מאשא, אלץ וואס איך וועל קענען טאן פאר דיר, וועט איך טאן, ווי פאר אלע מיינע לאנדסלייט און משפחה — און ער איז אוועקגעפארן.

אין דער היים האבן „פא" און „מא" געווארט מיט אנגסט אויף מאשאן. נאר מאשא האט זיי גאר נישט געענטפערט אויף זייערע פרעגנדיקע בליקן און איז אריין צו זיך אין צימער.

אהרן האט עפעס נאכגעשריגן און געוואלט פרעגן, נאר דאס ווייב האט אים געצופט ביים ארבל און געברומט צו אים:

— לאז זי גיין. היינט פרעג זי נישט.

אהרן האט איינגעזען, אז דאס ווייב האט רעכט, ווי תמיד.

מאשא איז געלעגן א גאנצע נאכט. דורך דער נאכט איז איר קלאר געווארן, אז זי האט נישט מער קיין רעכט אויף קיין גליק, אז זי איז אויפגעצויגן געווארן מיט א שנור אויפן האלדז, אז מען האט זי פארקויפט, ווען זי איז נאך א קינד געווען, פאר דער באקוועמלעכקייט פון „פא" און „מא" און פון איר גאנצער משפחה. זי האט זיך דערמאנט אין האפקינס סטריט, איידער דער אנקל האט זיך פאר זיי אנגענומען, ווי זי איז געווען „די קליינע מאמע" פון הויז. זי האט געשמייכלט דערמאנענדיק זיך, ווי זי האט אפגענארט דעם שפייזקרעמער און דעם קצב מיט דעם צויבערווארט: „פא ארבעט שוין". זי האט זיך דערמאנט, ווי זי האט דעם טאטן אהיים געשלעפט, ווען ער איז אנטלאפן פון דער מאמען, און נאך אזעלכע ענלעכע סצענעס. און זי האט איינגעזען, אז זי האט נאך ביז איצט נישט אויפגעהערט צו שפילן די ראלע פון „די קליינע מאמע", און זי טאר די ראלע שוין מער פון זיך נישט אראפווארפן.

זי האט געזען דעם „עשאפאט" — דאס שלאפצימער מיט דעם בלויען, רויטן, געלן ליכט, און אפשר איז עס געווען דער עשאפאט, די תליה, וואס האט זי געצויגן צו זיך... זי האט זיך געשראקן פאר דעם בלויען שלאפצימער, און עס האט זי געצויגן צום בלויען שלאפצימער. זי האט שוין אין מיגוט נישט געקענט אויפהערן צו קלערן וועגן דעם בלויען צימער. עס האט זי געצויגן מיט דער זעלביקער קראפט, ווי עס ציט דעם קראנקן צום טויט. צו מארגנס האט זי, צו אלעמענס איבערראשונג, געזאגט דעם פאטער, אז ער זאל ריידן מיט דעם אנקל, אז זי באדויערט אירע רייד, און — — —

אבער דער אנקל האט צו זיך נישט געלאזט ריידן. ער האט נישט געוואלט הערן און געדענקען מער דערפון. אהרן מעלניק מיטן ווייב זיינען געקומען בעטן זיך ביי אים, אז ער זאל רחמנות האבן אויף זייער יונג קינד, און ער זאל נישט צעברעכן איר יונג לעבן, אבער דער אנקל האט נאר געוואלט, אז מאשא זאל קומען צו אים אליין און אים זאגן, וואס זי האט צו זאגן. און דערנאך וועט ער זען, וואס ער האט צו טאן. און צוגעגעבן האט ער:

— פליז, טוט מיר א טובה און נייט זי נישט צו טאן זאכן, וואס זי וויל נישט, פאר אייער שטיקל ברויט.

מאשא האט געפילט די באליידיקונג, וואס דער אנקל וויל פון איר, אז זי אליין זאל זיך קומען בעטן ביי אים. דורך די פאר טעג איז יעדער געפיל פון אכטונג און טאכטערלעכער ליבע, וואס איז געווארן איינגעפלאנצט אין איר הארץ צו אים דורך דער גאנצער צייט, וואס ער האט זיך אינטערעסירט מיט איר, ארויסגעריסן געווארן ביי איר. זי האט שוין מער גאר נישט געפילט צו אים, נאר פאראכטונג און עקל. זי האט אבער נישט געקענט ביישטיין די בעטנדיקע שנארעדיקע בליקן פון איר „פא" און „מא", פון אירע ברידערלעך און שוועסטערלעך, וועלכע האבן געקוקט אויף איר ווי שטומע באשפעגישן:

— טו עס פאר אונדז...

זי איז געווען „די קליינע מאמע" און נישט קיין כוח געהאט אנטקעגנצושטעלן זיך די געפילן פון איר מוטערלעכקייט, וואס זי האט גענומען אויף זיך פון קליינערהייט אן.

זי האט זיך דורך דער צייט געזען מיט טשארלין, נישט דערפאר וואס זי האט דערווארט צו הערן פון אים א ווארט, וואס זאל איר כוח געבן אויסצוהאלטן דעם קאמף, נאר זי האט געוואלט זען, אפשר וועט איר זיין אנבליק מער קראפט און האפענונג געבן. זי

"You forget, Mascha, that you are no longer a child; you're a grown girl."

Mascha blushed for shame. Her eyes still filled with tears, she stared at Uncle, helplessly, disconsolately.

"Do you want to go home?" asked Uncle.

"Yes," Mascha nodded.

Uncle turned out the lights, locked the doors carefully and went out, without even turning round to look at Mascha. In fact, he quite ignored her presence. Before he let her out at her own home, he said:

"Don't worry, Mascha, I'll do everything I can for you, just as I do for all the rest of my countrymen and my relatives." And then he went away.

At home dad and mother waited anxiously and fearfully for Mascha's return. But Mascha pretended not to notice their pleading, questioning glances, and went directly to her room. Aron called to her to ask her about the outcome of the interview, but his wife tugged at his sleeve and whispered to him:

"Let her alone, don't ask her now."

And once more Aron realized that his wife was always right.

Mascha lay awake all night. During the night she came to understand that she no longer had any right to her own happiness, that there was a rope round her neck, that she had been sold while she was a mere child, sold for the convenience of her parents and all the rest of her relatives. She remembered the days in Hopkins Street, before Uncle had taken an interest in her, when she had been known as the "little house mother." She smiled as she recalled how she had deceived the delicatessen man and the butcher with the magic words, "Pa's working now," that time when he had left home. She recalled many instances of this kind. And she realized that she had never given up this role of "little house mother." And that she would never be allowed to do so now.

And ahead of her she saw the "gallows"—that is, the bedroom with blue, red and yellow lights; perhaps it was the gallows, the sacrificial altar which fascinated her. She was afraid of the blue bedroom, and yet it fascinated her. She could not stop thinking about it. It beckoned—as death beckons to the dying. And in the morning she surprised them all by telling her father that he might inform Uncle that she was sorry for what she had said, and that—

But Uncle would have none of it. He wouldn't listen, and he didn't want to know anything about it. Aron Melnik and his wife went to see him, and pleaded with him to take pity on the child, and not destroy her young life—but Uncle wanted Mascha herself to come, and tell him whatever she had to say. Then he would see what could be done. And he added:

"Please be good enough not to force her to do anything she doesn't want to do, simply for the sake of your own job."

Mascha realized that Uncle was trying to humiliate her by forcing her to come herself. During the last few days every vestige of respect and child-like love which had filled her heart during the years when he had been so good to her had vanished completely. She felt nothing but scorn for him. He was repulsive to her. But she could not withstand the wistful glances of her father and mother, or her sisters. They seemed to be saying, though not a word was spoken: "Do something to help us!" Now as always she was the "little house mother," and she couldn't resist the urgings of the maternal protective instincts which had been awakened in her soul when she was a very young child.

Meanwhile she looked up Charlie; she scarcely hoped that he would say anything to help her win this inner struggle, but she did want to see whether just being with him would not lend her strength and courage. She made an appointment with

— 80 —



און טשאַרלי האָט ווידער געהאַלטן אין איין ריידן פֿון גרויסע זאַכן, וועגן באַפֿרײַען די וועלט און וועגן דעם תּכלית פֿון לעבן, און דערציילט איר פֿון זײַנע פּלענער צו אָרגאַניזירן אַ שטרײַק בײַם אָנקל. אָבער פֿאַר איר אַליין, פֿאַר איר לעבן, פֿאַר אירע אייגענע אינטערעסן האָט ער קיין וואָרט נישט געהאַט. ווי דענסטמאָל, האָט זיך טשאַרלי אינטערעסירט מיט דער גאַנצער וועלט, נאָר נישט מיט איר, אַזוי אויך דאָס מאָל האָט טשאַרלי זי נישט געזען. שוין האָט זי אים געוואָלט פֿון אַלצדינג דערציילן און בעטן אים, אַז ער זאָל איר העלפֿן שטאַרק זײַן, זי זאָל כּוח האָבן ווידער אָנצוהייבן דאָס לעבן אויף אייגענער אחריות, אויף איר אייגענער רעכענונג. ער זאָל איר העלפֿן שטעלן זיך אויף די פֿיס. אָבער טשאַרלי איז געווען פֿאַרנומען מיט אַזעלכע גרויסע וועלטזאַכן, אַז זי האָט נישט געוווּסט, ווי זי הייבט־אָן ריידן מיט אים וועגן זיך, וועגן איר קליינעם לעבן. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז פֿאַר טשאַרלין איז דאָס צו קליין, ער זאָל זיך מיט אַזעלכע „פּריוואַטע אינטערעסן" אָפּגעבן.

זי איז אַהיים געקומען פֿון טשאַרלין נאָך מער פֿאַרלאָזט און איינזאַם ווי זי איז געגאַנגען צו אים. קיין וואָרט וועגן זיך האָט זי מיט אים נישט גערעדט, און טשאַרלין איז עס גאָר נישט אײַנגעפֿאַלן. זי האָט געפּרוּווט אַ מאָל אַליין שטעלן זיך אויף די פֿיס. געגאַנגען זוכן אַ דזשאַב, נאָך אַן אַנאָנס פֿון אַ צײַטונג — איז אין דער היים געוואָרן תּשעה־באָבֿ, און די שטומע בליקן פֿון די קליינע שוועסטערלעך און דעם טאַטנס ציטערן. און וואָס איז דער חילוק — שוין לאַנג איז דער שנור אויפֿן האַלדז אַרויפֿגעצויגן. זי איז געבוירן געוואָרן מיט דער שנור אויפֿן האַלדז.

זי איז געגאַנגען צום אָנקל. זי האָט מער נישט געפֿילט צו אים ווי עקל און פֿאַראַכטונג — דאָך איז זי געגאַנגען. זי האָט קלאָר געוווּסט און געפֿילט די באַדײַטונג פֿון דעם גאַנג, די רעזולטאַטן דערפֿון, און זי האָט געזען דעם בלויען שלאָפֿצימער מיט דעם בעט אויפֿן פּיעדעסטאַל... און אפֿשר איז עס געווען דער בלויער צימער און דאָס בעט אויפֿן פּיעדעסטאַל, וואָס האָט זי געבראַכט צו פֿאַרבייגן אַלע באַליידיקונגען און אַלע געפֿילן און גיין אַליין צום אָנקל זיך בעטן, אַז ער זאָל חתונה האָבן מיט איר. עס איז געווען ווי דער בלויער צימער וואָלט איר אַ כּישוף אָנגעטאָן. יאָ, זי האָט געבענקט נאָך דעם בלויען צימער. אין דער שטיל, אין געהיים, טיף אין זיך האָט זי געבענקט נאָך דעם בלויען צימער מיט אַלע זײַנע סודותדיקע ליכט־עפֿעקטן. איר פֿאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט אַרום דעם בלויען צימער און געמאָלט איר פֿאַרשידענע שרעקנדיקע בילדער. און דער בלויער צימער האָט געצויגן צו זיך, ווי דער טויט דעם קראַנקן...

דער אָנקל האָט איר, ווי דאָס ערשטע מאָל, גענומען אין אונגערישן רעסטאָראַן. ער האָט פֿון אַלצדינג גערעדט, נאָר נישט וועגן דעם, צו וואָס מאַשאַ איז געקומען. ער האָט איר אַפֿילו נישט געהאָלפֿן מיט קיין וואָרט. ער האָט געוואָלט האָבן די גאַנצע באַלוינונג, אַז זי זאָל זיך טאַקע בעטן בײַ אים און דערמאָנען מיטן גאַנצן מויל צו וואָס זי איז געקומען. די באַלוינונג האָט ער געקראָגן, ווען זיי זײַנען ווידער געווען אין דער נײַער וווינונג, און ער האָט זי ווידער אַרײַנגעבראַכט אין בלויען צימער. דער אָנקל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן בעט, ווי אַ תּליון אויפֿן קלאָץ און געזאָגט:

— נו, דאָ קענסטו מיר זאָגן, וואָס דו האָסט מיר צו זאָגן.

— אָנקל, איך בין גרייט חתונה צו האָבן מיט דיר — האָט מאַשאַ געזאָגט.

— איז דאָס סאָ, בין איך שוין ניט מער צו אַלט פֿאַר דיר?

— אָנקל...

— איך וויל וויסן אָפֿענע ווערטער, אַ קלאָרע סיטואַציע: פֿאַר וואָס האָסטו פֿריִער נישט געוואָלט און איצט ווילסטו יאָ? איז עס דערפֿאַר, ווײַל דײַן „פּאַ" האָט דיך גענייט דערצו? זאָג מיר!

— אָבער, אָנקל, פֿאַר וואָס רעדסטו אַזוי צו מיר?

— איך וויל עס וויסן. עס מוז דאָך זײַן אַ „ריזאָן"[96], פֿאַר וואָס

[96] גרונט, שׂכל.

Central Park, and Charlie, as always, discussed international affairs learnedly, philosophized as to the meaning of life, and told her about his plan to organize a strike in Uncle's factory.

Ah, yes! Charlie, as always, displayed an interest in everything in the world except Mascha herself, Mascha as a woman. Mascha wanted to tell him everything, and to beg of him to help her find the strength to face the responsibilities of life, and to stand on her own feet. But Charlie was so concerned about world affairs that Mascha did not know how to begin to talk about herself, and her petty little difficulties. Charlie made her feel



that she and all her trivial problems were far too unimportant to be talked about at all.

So she returned from her walk with Charlie, feeling lonelier and more forsaken than ever. She hadn't mentioned herself or her personal affairs even once, and Charlie hadn't even noticed it.

Then Mascha decided to work it out alone; she answered all the want ads and tried to find a job. But the atmosphere at home was tense and depressed, and her father and sisters seemed forlorn and anxious. Well, what was the difference? The noose had been placed round her neck years ago; Mascha had been born with a noose round her neck.

She went to see Uncle. She felt nothing but disgust and contempt for him—nevertheless, she went. She understood thoroughly what this meant, what the result of this visit would be: that she would have to forget all about her humiliation and her rebellion, and beg Uncle to marry her.

Uncle took her to the Hungarian restaurant, just as he had done that other time. He talked about everything except the one thing that Mascha wanted to discuss. He was no help at all. He wanted to savor his triumph to the utmost, he wanted her to plead with him, to tell him in so many words why she had come. And finally he triumphed completely—after they had gone back to the new house again, and were in the blue bedroom once more. Uncle sat down on the bed, looking as grim as a hangman on his block of wood and said:

"Now, here you can tell me what you came to say!"

"Uncle, I'm—I'm ready to marry you now," said Mascha.

"Is this the truth—suddenly you've discovered that I'm not too old for you?"

"Uncle, I—"

"I want you to be perfectly frank with me, I want to know

איצט ווילסטו יא מיט מיר חתונה האבן און פריִער האסטו נישט געוואלט?

— דער „ריזאן“ איז, ווײַל... איך ליב דיך! — האט מאשא גע־זאגט פארשעמט.

— ווי וואס ליבסטו מיך, ווי אן „אלד גוד אנקל“ אדער ווי א מאן, מיט וועלכן מען וויל הייראטן?

מאשא האט אויפגעהויבן אירע גרויסע אויגן צו אים און גע־זאגט:

— פאר וואס פרעגסטו מיך אזעלכע פראַגעס? דו ווייסט עס אליין.

— איך ווייס עס שוין גאר נישט אליין. פריִער האסטו מיך אנדערש געליבט.

— פריִער בין איך א קינד געווען — האט מאשא געענטפערט אין דער שטיל.

— און איצט?

מאשא האט געקוקט אויף אים און דערקענט אין אים דעם אלטן „אנקל“. זי האט זיך דערמאנט די סצענע, ווען זי איז א קינד געווען און ער האט פארשעמט איר פאטער אין אירע אויגן, און ווי דענסטמאל האט זי זיך געוואלט איפהייבן און שרײַען אים אין פנים אריַין: „ביעסט, דאג“, נאר א געפיל פון נקמה אין זיך אליין האט זי געצוואונגען צו שטיין און אויסצוהאלטן די אינקוויזיציע. זי האט געשוויגן.

— און וואס איצט? — האט דער אנקל נאך א מאל געפרעגט.

— וואס, איצט?

— און ווי אזוי האסטו מיך איצט ליב?

— איצט האב איך דיר ליב ווי א מאן, מיט וועלכן מען וויל הייראטן... — האט זי געקוקט גלײַך דעם אנקל אין פנים אריַין.

— ווי א מאן... — האט דער אנקל איר נאכגערעדט.



ער איז צוגעגאנגען, זי ארומגענומען און טיף איר געקושט אין מויל אריַין...

מאשא איז אוועקגעגאנגען פון אנקל און זי האט געהאט דאס געפיל, אז איצט מעג זי שוין אלץ טאן. און זי איז טאקע געווען פעִיק אויף אלצדינג...

ענדע פון צווייטן טייל



exactly where I stand. How does it happen that you didn't want to marry me before, but you want to now? Did your parents force you to say this, tell me that? Be honest with me."

"But Uncle, why do you say that?"

"Because I want to know. After all, there must be some reason why you want to marry me now, when you were so sure before that you didn't want to—"

"The reason is that—I love you!" said Mascha, a little shamefacedly.

"But how do you love me, as your dear old uncle, or as a man whom you're ready to marry?"

Mascha looked straight at Uncle, and asked:

"Why do you ask me these questions? You know the answers without asking, don't you?"

"I don't seem to know anything any more. You certainly used to care for me in quite a different way."

"But I was only a child," protested Mascha, softly.

"And now?"

Mascha looked up at him, and suddenly she recognized the Uncle she had known before he began to take an interest in her. She remembered the time when she was a child, and when Uncle had made sport of her father in her presence; and she felt now as she had felt then, that she wanted to turn on him, and scream at him, "You beast, you dog!" But a desire to inflict pain upon herself came over her, forcing her to choke back her words, and to endure all this. She said nothing at all.

"And now?" repeated Uncle.

"And now?"

"How do you love me now?"

"Now I love you as one loves the man one wants to marry—" Her glance never faltered for a moment.

"Like a man—the man one wants to marry," mused Uncle.





Then he went over to her, took her in his arms, and kissed her firmly on her lips.

When Mascha left Uncle she had a reckless feeling that now she had been freed of all restraint. She was quite ready for anything.

אַנקל מאָזעס איז איר נאָכגעגאַנגען און געשלונגען פֿאַר זיך די ווערטער:

---

[1] שטשור (גנב). — [2] דריי נישט קיין קאָפּ!

— מאַשאַ לעבן, ווי פֿילסטו זיך הײַנט? איך האָב געהייסן אָפּרופֿן ד״ר גאָלדשטיין.

— מען באַדאַרף נישט דעם דאָקטער. טאַטע, זעץ דיך אַוועק.

— מאַשאַ לעבן, וואָס אַרט עס דיר?

— פּליז, באַדער מיך נישט! — און זי האָט אָנגעקוקט איר מאַן — זעץ דיך אַוועק!

דער אַנקל האָט זיך אַוועקגעזעצט.

מאַשאַ האָט זיך אויך געענדערט דורך דער צײַט פֿון איר חתונה. עס איז געווען, ווי דער אַנקל וואָלט אויסגעזויגן פֿון איר די מיידלשע צערטלעכקייט און אַרײַנגעהויכט אין איר פֿון זײַן מענלעכער ברוטאַליטעט. און דאָס וואָס מען אָנגעזען אין בײדנס געזיכט. איז דעם אַנקלס פּנים באַשטראַלט געוואָרן מיט אַ מענטשלעכער אומבאַהאָלפֿנקייט, איז פֿון מאַשאַס געזיכט דורך דער צײַט פֿון איר חתונה אויסגעלאָשן געוואָרן יענע מיידלשע צערטלעכקייט. זי איז שטאַרקער געוואָרן און פֿולער, ווי אַ רײַפֿע, שטאַרקע פֿרוכט, כאָטש אירע אויגן האָבן אויסגעדריקט אַ בליק פֿון שרעק, ווי זי וואָלט פֿאַר עפּעס מורא געהאַט, וואָס שאַפֿט זיך אין איר. נאָר איר פּנים האָט אויסגעדריקט די גרייטקייט זיך צו באַשיצן. איר הויכע, שטאַרקע פֿיגור און איר דעצידירנדיקער בליק האָט אויסגעדריקט הערשאַפֿט.

און דאָס טראָגן האָט נאָך מער צוגעגעבן און פֿאַרשטאַרקט דעם אײַנדרוק פֿון איר געביטערישער הערשאַפֿט, וואָס זי האָט פֿאַרשפּרייט אַרום זיך, ווי אַ טראָגעדיקע הערשנדיקע מאַמע, וואָס ווייסט, אַז זי ברענגט לעבנס אויף דער וועלט.

אַנקל מאָזעס האָט געהאַט צו איר אַן אָפּשײַ און אַ דרך־ארץ, ווי מען האָט צו עפּעס אומפֿאַרשטענדלעכס, רעליגיעזס, מיסטעריעזס, זינט זי טראָגט. נישט בלויז האָט אים אַרומגענומען עפּעס אַ אומפֿאַרשטענדלעכס צערטלעך געפֿיל צו זײַן אייגן בלוט און פֿלייש, צו זײַן צווייטן איך, וואָס ליגט אין די טיפֿע פֿאַרבאָרגענישן בײַ דעם מיידל, און זי האַלט עס אין זיך און שענקט עס לעבן, נאָר אַ רעליגיעזע מיסטישע אימה פֿאַר דעם, וואָס ס'טוט זיך מיט מאַשאַן איצט,

פֿאַר דעם אומפֿאַרשטענדלעכן און אומבאַוווּסטן, וואָס וועבט זיך אין איר, וואָס גאָט טוט מיט איר דאָס ווונדער און באַשאַפֿט דורך איר אַ לעבן.

דאָס האָט אים שוואַך געמאַכט און אונטערטעניק געמאַכט צו אירע פֿיס. דאָס און נאָך עפּעס.

אַנקל מאָזעס האָט געהאַט אַ גרויסע בענקשאַפֿט נאָך ריינקייט, זינט ער האָט חתונה געהאַט מיט מאַשאַן. פּונקט אַזוי ווי ער וואָלט זיך אָפּגעוואַשן פֿון אַלע מיאוסע געפֿילן וואָס איז בײַ אים איבערגעבליבן פֿון זײַן פֿריִערדיקן לעבן. און מאַשאַ, די יונגע אומשולדיקע מאַשאַ, וועלכע ער האָט דערצויגן בײַ זיך און מיט איר חתונה געהאַט, מאַשאַ איז געווען בײַ אים דער סימבאָל פֿון ריינקייט. בײַ איר האָט ער זיך געריייניקט פֿון זײַן גאַנצן מיאוסן און זינדיקן לעבן. נישט נאָר זי אַליין — איר צימער, אין וועלכן זי האָט געוווינט, די זאַכן וואָס זי האָט באַרירט, די קליידער וואָס זי האָט געטראָגן האָבן אין אים דערוועקט אַ געפֿיל פֿון ריינקייט. די באַרירונג מיט ריינקייט האָט אים אָנגעשטעקט און ער איז געטריבן געוואָרן צו זויבערקייט — און געבענקט נאָך איר — און דאָס האָט אים אונטערטעניק געמאַכט, שוואַך געמאַכט און מענטשלעך געמאַכט.

נאָר אַ גאַנץ אַנדערער כוח האָט געיאָגט מאַשאַן. זי האָט זיך אויך צו עפּעס אָנגערירט, און די פֿאָלגן זײַנען געווען גאַנץ אַנדערע.



יעדע באַרירונג און מיט געוואַלט געבראַכטע צערטלעכקייט, האָט צו ערשט אַרויסגערופֿן בײַ איר עקל און דערנאָך גלײַכגילטיקייט.

זי האָט געטאָן, וואָס מען האָט פֿאַרלאַנגט פֿון איר, ווײַל עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז ווען זי איז געגאַנגען צום אַנקל און באַשטאַנען חתונה צו האָבן מיט אים, איז זי אײַנגעגאַנגען אויף אַלעם.

Uncle Moses followed, anxious, humble:

"Mascha, dear child, how are you today? I've had them call Dr. Goldstein."

"I don't need a doctor. Papa, do sit down!"

"Dearest Mascha, how are you?"

"Please don't annoy me!" She looked impatiently at her husband. "Sit down!" she said. Obediently, Uncle sat down.

Mascha too had changed since she was married. Uncle seemed to have robbed her of her maidenly tenderness, and to have substituted some of his own masculine coarseness. Uncle had grown more human, but Mascha was colder, harder. Mascha was plumper than she had been, less angular; she was like a luscious mature fruit; but her eyes reflected fear, fear



of something within herself, and her face expressed defiance. Imperiousness too—and a desire for power.

Her pregnancy deepened and strengthened this impression of imperiousness, and she seemed conscious of her destiny as the mother of the race, the life-giver.

Uncle Moses had regarded her with awe and respect since she was pregnant. She seemed divine, sacred to him. He was filled with a tender love of his own flesh and blood, of this second self which Mascha carried beneath her heart, and to which she was giving life; there was also a kind of religio-mystic fear of the process of gestation itself; so strange, so incomprehensible, this miracle, this creation of life.

It brought Uncle Moses to his knees, it made him more human. That—that, and something else.

Uncle Moses had become completely obsessed by the idea of purity since he had married Mascha. He felt as though, through her, he had been cleansed of his sins of the past. And Mascha, young and innocent—Mascha, the girl whom he had educated and married—Mascha had become a symbol of purity to him. He himself had attained to a state of purity through her. Not only Mascha herself, but the very room in which she lived, the objects she touched, the clothes she wore, all of these seemed pure to him. This contact with purity had infected him; he was mad for purity, he hungered for it. It made him subservient to Mascha, transformed him into a human being.

As for Mascha herself—it was all quite different with Mascha. She too had had a new experience—but how different were the results. All those forced caresses—that simulated love—these were revolting at first; later on she was simply bored.

She did whatever Uncle demanded of her; she felt that she had to do this, that she had pledged herself to do this on the

און זי האט זיך געהאלטן פאר א קרבן. איז אין אנהייב פון איר חתונה געלעגן א שטילע ליידנדיקע שיין אויף איר — דער שיין פון א קרבן, וואס האט זי איידל און שיין געמאכט. האט דער אנקל איינציקווייז דעם הייליקן שיין אויף איר פארשוועכט, אויסגעלאשן.

ער האט אויפגעוועקט אין איר א רייץ, אבער ד״ר גאלדשטיינס עלעקטרישע מאשינען, וועלכע האבן געווארעמט און אויפגעפרישט אנקל מאזעס׳ איינגעשלאפן בלוט, וואס דער אנקל האט גענומען אין געהיים, זיינען נישט בכוח געווען יונג צו מאכן דעם אנקל. האט ער געוועקט זי פון איר מיידלשן חלום און איז נישט אין שטאנד געווען צו שאפן פאר איר אן אנדערן, אן אמתן חלום... זי איז געווען ווי א געבעטענע כלה צו דער חתונה — און קיין חתן איז נישט געווען... ווי א יונגער, פרישער שפראצלינג, איבער וועלכן מען פארדעקט א גלעזערנע צודעק, מען פיטערט די ערד פון שפראצלינג, מען ווארעמט די ווארצלען, אבער די צווייגן זיינען איינגעצאמט אין א גלאז...

מיט יעדער באַרירונג אירער, מיט יעדער צערטלעכקייט האט זי אים איידעלער און שענער געמאכט, האט זי אין אים איינגעפלאנצט נייע בענקענישן צום לעבן, און זי אליין איז העסלעכער און גראבער געווארן. ווי א פרעה א נאקעטער, וואס באדט זיך ביי נאכט אין קינדערבלוט, האט זיך דער אנקל ביי טאג ארומגעדרייט א גוטער, א שיינענדיקער און א שמייכלענדיקער, בעסער צו גאט און צו לייט. זיין הארץ, גענערט מיט קינדערבלוט, וואס ער האט געטרונקען ביי נאכט, איז ווייכער געווארן, פילנדיקער און מענטשלעכער... אזוי האט מאשא געקארמעט יעדע נאכט מיט איר מיידלשער אומשולד און איידעלער יוגנשאפט טראפנווייז א פרעמדן, אלטן פארדארטן דארן. דער דארן האט אנגעהויבן צו בליען און אליין איז זי געווארן פארטריקנט.

די ערשטע צייט האט זי זיך געשעמט. זי האט געמיינט, אז אלע ווייסן, אלע זעען אירע מיידלשע פארבארגענישן, וואס דער אנקל האט אנטפלעקט, און עס ליגט נאקעט אפן פאר דער גאנצער



וועלט — האט זי זיך באהאלטן אויף גאנצע טעג אין שטוב, אפגעשלאסן זיך פון מענטשן, געשעמט זיך צו קוקן אין שפיגל אריין, איר אייגן פנים צו זען, אירע אייגענע שוועסטער צו זען.

דערנאך האט איר ארומגענומען א בענקעניש נאך אירע מיידלשע יארן. זי האט זיך ליב געהאט אנצוטאן ווי א מיידל, ווי ווען זי איז נאך געווען אין פאנסיאן, און דערמאנט זיך יעדע קלייניקייט, וואס עס האט פאסירט מיט איר, ווען זי איז געווען א מיידל. די שמועסן מיט אירע חברטעס, דאס שפילן זיך מיט טשארלין, און דאס אויסלאכן אים — יעדע קלייניקייט האט ארויסגערופן ביי איר אזוי פיל איינגענעמע דערמאנונגען. זי פלעגט זיך איינשליסן אויף גאנצע טעג, ארויסנעמען אירע שולביכער און שולהעפטן, וועלכע זי האט באהאלטן צום אנדענק, אלטע בריוו, וואס זי האט אמאל געקראגן פון חברטעס, געבורטסטאג־געשאנקען, סוווענירס און אנדערע אומשולדיקע שפילערייען, און מיט דעם אויסגעפילט אירע ליידיקע, בענקענדיקע טעג.

אפט מאל האט זי געקלערט וועגן טשארלין און געפרובירט זיך פארשטעלן אין איר פאנטאזיע, וואס עס וואלט געווען, ווען זי וואלט נישט חתונה געהאט מיטן אנקל. א גאנץ אנדער לעבן. זי האט זיך געזען ווי אן ארבעטער־מיידל. זי איז א סטענאגראפיסטקע און ארבעט אכט שעה אין טאג אין אן „אפיס" און העלפט טשארלין, ער זאל קענען ענדיקן קאלעדזש. און יעדן פארנאכט ווארט ער זי אפ פארן ביורא און זיי גייען ביידע עסן אין א ביליקן רעסטאראנדל, גייען צוזאמען אויף א „שאו" אדער א לעקציע, אדער צוזאמען אין ביבליאטעק אריין. אפט מאל, ווען זי וויל זיך עפעס קויפן, טרעפן זיי זיך שבת נאך מיטאג פאר דער טיר פון א גרויסן מאגאזין. זי האט אפגענומען דעם קאנווערט, קלייבן זיי אויס א קלייד פאר איר. טשארלי מוז זאגן, אויב עס געפעלט אים, און זי טוט גלייך דאס קלייד אן, און טשארלי דעם נייעם אנצוג און זיי גייען צוזאמען אויף א מאטינע...

דערנאך איז איר דאס לעבן לאנגווייליק געווארן. ביי טאג,



day when she had gone to Uncle and asked him to marry her; she regarded herself in the light of a sacrifice.

Every time she touched him, every time she caressed him, she imbued him with some of her own sweetness and nobility of character; and she herself became coarser and harder. She was responsible for an autumnal blooming in her husband's life; and she herself withered in the very springtime of her existence.

At first she felt ashamed, then life began to grow dreary. She filled her days with empty dreams—but the evenings were horrible. She was so tired of those absurd china dogs and cats, of the vases that sparkled in every corner. Unchanging, lifeless, meaningless. Every evening the same rooms, the same ridiculous lamps, the same Uncle! The same smile, the same "Mascha, my darling." The boredom was almost unendurable. Those endless stupid dinners which she never wanted—followed by a movie perhaps, or a visit from her parents, who had grown dull and uninteresting. Her mother was occupied with the affairs of her countrymen and the employees in Uncle's business, and her father sat in a corner with Uncle, and they told stories.

And the nights were shameful, offensive. Shameful because of her own desire, which was not sincere or real; offensive because there was within her a hunger which could never be satisfied. She shivered because she was being warmed by the lifeless rays from a cold glass; she starved because she was being fed by food of papier mâché.

Sam often came to visit them in the evening. He had been keenly conscious of Mascha for some time past, and when life finally became unbearably boring she began to be interested in him. Sam looked like Uncle, but he was younger and stronger, with sensitive nostrils and a protruding underlip. He

ווען דער אַנקל איז נישט געווען, האָט זי געקענט אויספּילן אירע טעג מיט חלומות — אין די אָוונטן איז איר לאַנגווײַליק געווען. עס האָבן איר דערעסן די פֿאַרצעלײַענע הינט און קעץ און דאָס נאַרישע געשליפֿענע גלאָז, וואָס האָט געפֿינקלט פֿון אַלע ווינקלען און וואָס איז שטום געווען, האָט גאָר נישט געקענט זאָגן, און איז אַלע טעג ענלעך געווען און קיין מאָל זיך נישט געענדערט. יעדן אָוונט, די זעלביקע צימערן, די זעלביקע לאָמפּן און דער זעלביקער „אַנקל", דאָס זעלביקע שמייכלען מיטן זעלביקן „מאַשאַ דיִער, דאַרלינג". די לאַנגווײַליקייט מיט דעם אַלטן אַנקל איז געווען נישט צו דערטראָגן, זי האָט געקראָגן קאָפּשמאַרצן יעדן אָוונט פֿאַר לאַנגווײַליקייט, ווי מען קריגט פֿון אַ שלעכטן ריח... יעדער אָוונט דאָס זעלביקע; דאָס נאַרישע עסן, צו וואָס און צו ווען — טייל מאָל קינאָ, אָפֿט מאָל די זעלביקע, אַן פֿרייד און אָן לוסט, טאַטע־מאַמע וואָס פּײַניקן זי מיט איבערגעטריבענער גוטסקייט און אונטערטעניקייט. די מאַמע טרײַבט פּאָליטיק וועגן די אַנגעשטעלטע אין די געשעפֿטן און וועגן די לאַנדסלײַט אין דער משפּחה, און דער אַנקל דערציילט זיך גראָבע וויצן מיטן טאַטן, און דערנאָך די פֿאַרשעמטע און שמאַכטנדיקע נעכט, פֿאַרשעמט דורך רפֿואות געטריבענעם רייץ און באַלײדיקט דורך אַן כּוחותדיקער תּאווה, ווי זי איז געוואָרן דערוואָרעמט מיט די אַנבײַנערדיקע שטראַלן, וואָס גליִען פֿון אַ פּראָסט שטיק גלאָז, און זי איז געווען ווי אַ יונגער, שטאַרקער אָקס, וואָס ווערט געפּיטערט מיט פּאַפּירן גראָז...

אָפֿט מאָל איז אַרײַנגעקומען אין די אָוונטן סעם. שוין לאַנג האָט ער זי פֿאַרפֿאָלגט מיט זײַנע שטום רײדנדיקע בליקן. און אַז דאָס לעבן איז איר געוואָרן לאַנגווײַליק, האָט זי זיך אָנגעהויבן צו־קוקן צו די שטום שנאָרענדיקע בליקן. דאָס פּנים איז געווען דאָס זעלביקע ווי דעם אַנקלס, נאָר ייִנגער און קרעפֿטיקער, די נאָזלעכער האָבן נאָך געציטערט, און די אונטערשטע ליפּ האָט געציטערט פֿאַר שטאַרקייט און פֿרישקייט. געווען איז ער דער אַנקל — נאָר ייִנגער און ברוטאַלער, און גערעדט אַ סך און געלאַכט אַ סך אין די



אָוונטן, און האָט געוויזן זײַנע שטאַרקע, ווײַסע ציין, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פֿון די נאַקעטע ליפּן. און האָט זי זיך אָפֿט מאָל געוואָלט פֿאַרגעסן, האָט זי זיך פֿאַרגעשטעלט דעם ייִנגערן און ברוטאַלערן אַנקל...

סעם האָט אויסגעפֿירט דעם קוזין מאַנעס' עצה: „מאַך דיך צו צו דעם יונגן ווײַבל; וואָס דו האָסט נישט געקענט דערגרייכן בײַם אַלטן, וועסטו דערגרייכן דורך איר"... און ווי ער האָט נאָר געהאַט אַ געלעגנהייט, האָט ער איר אַרויסגעוויזן אויפֿמערקזאַמקייט. צו ערשט צוליב איבערגערעכנטקײט פֿאַר די געשעפֿטן. נאָר אַז ער האָט זיך אָנגעהויבן צוצוקוקן צו איר, צו איר שטילקייט און צו איר לײַדנדיקן שווײַגן, האָט עס בײַ אים עפּעס גערירט. ער האָט זיך פֿאַרליבט אין איר. און צוליב איר אָפּגעלאָזט דעם שידוך, וואָס ער האָט געטאָן אויך פֿאַר אַ געשעפֿטס־קאַריערע. דאָס געפֿיל צו איר האָט אים דיקטירט ווי זיך צו האַלטן. ער האָט געשוויגן, נישט געוואָגט מיט קיין וואָרט אָדער מיט קיין באַוועגונג צו באַלײדיקן זי אָדער געבן אָנצוהערן פֿון זײַנע געפֿילן. ער איז אָפֿט מאָל געווען מיט איר אַליין, זי אָפֿט אַהיים געפֿירט פֿון געשעפֿט, פֿאַרבראַכט מיט איר אין די אָוונטן, ווען דער אַנקל איז געווען פֿאַרנומען מיט זײַנע מיטינגען אין פֿאַרשידענע „סאָסײַעטיס". ער האָט איר פֿאַרטרויט פֿון זײַנע פּלענער און עצות געפֿרעגט בײַ איר וועגן זײַן שידוך. דאָס האָט זי נענטער געמאַכט צו אים. און סעם איז איר געוואָרן אַן אמתער, איבערגעגעבענער פֿרײַנד. זײַן געפֿיל צו איר איז אַזוי שטאַרק געוואָרן, אַז דער יונג איז גרייט געווען אַלצדינג צו טאָן פֿאַר איר. ער האָט צוליב איר אָנגעהויבן זיך אַנדערש אויפֿצופֿירן, אָנשטענדיקער און שענער. ער האָט זיך פֿאַר איר געוואָלט אויספּײַנען און נישט געוווסט מיט וואָס, האָט ער אָנגעהויבן צו גיין אין אַ דײַטשישן טעמפּל דאַוונען. געמיינט, ער וועט מיט דעם מאָשאַן געפֿעלן. געלערנט זיך ענגליש שרײַבן און אַפֿילו גענומען ביכער צום לייענען. אין זײַן קליידן זיך האָט ער זיך אויך געענדערט. און צו איר האָט ער אַרויסגעוויזן אַ שטילע, איבערגעגעבענע גע־



טרײַשאַפֿט, און די געטרײַשאַפֿט האָט אים אײדעלער און שענער געמאַכט...



was Uncle himself, but younger and more virile. He talked a good deal, and laughed too, showing his strong white teeth. Sometimes Mascha felt as though Sam were Uncle himself, in a younger version. Sam had remembered his cousin Manny's advice: "Get on the right side of the young wife; and if her husband won't help you, she will." And so he was particularly attentive to Mascha whenever he had the opportunity. At first this was entirely a matter of business. But then, when he came to know Mascha better, and saw how she was suffering, he began to feel sorry for her. He fell in love with her. He broke his engagement. He was like a different person. And he was careful never to offend her—never revealed his love by a single word or gesture. He often accompanied her home from the factory when she had been there in the afternoon, and visited with her in the evening if Uncle went out to his clubs or societies. He confided in her, discussing his business plans, even the details of his broken engagement with her. They felt very close to one another.

And Sam really was a loyal friend to Mascha. He was ready to do anything for her. He was like a different man, more respectable, a better kind of person. He even joined a Reformed Temple because he thought Mascha would approve of this. He studied English assiduously, and read a good deal. He dressed more quietly. His devotion to Mascha was deep and sincere, and it made a finer man of Sam—for the time being.

דאָס זעלביקע געפֿיל האָט ער אויך איצט געהאַט... מאַשאַס ריינקייט, אירע קרעכצן און פּײַן... און ער... ער האָט עפּל געגנבֿעט...

נאָר טריט הערן זיך. אַ רעש הינטער דער טיר. ער כאַפּט זיך אויף. לויפֿט־אַרויס. דאָקטער גאָלדשטיין אין ווײַסן פֿאַרטעך מיט אויפֿגעשאַרטע אַרבל פֿאַרויס, די שוויגער הינטער אים.

— מזל־טובֿ, משה! מזל־טובֿ — אַ ייִנגל, אַ ייִנגל, אַ ייִנגל!

— דאָקטער, יאָ? דאָקטער...

— יעס, יעס, מיסטער מעלניק... מזל־טובֿ! עווריטהינג איז אָלרײַט. שי איז אָלרײַט [8].

— דאָקטער דיער... — און ער שפּרינגט ווי אַ ייִנגל איבער די טרעפּ.

— איין מינוט, מיסטער מעלניק, לאָזט זי אַליין. מיר׳ן באַלד גיין.

— דאָקטער דיער! איך וועל עס אײַך קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן. קיין מאָל נישט! וואַרט אַ מינוט... און וואָס מאַכט זיי? און דאָס?...

[8] אַלץ איז גוט, זי איז גוט.



— שי איז אָלרײַט, און דער בייבי איז אָלרײַט. וואָס האָב איך אײַך געזאָגט, מיסטער מעלניק, איר געדענקט? — האָט דער דאָקטער אים געקוקט אין די אויגן אַרײַן מיט אַ פֿרעך געלעכטערל.

— איך גיי טאָן עפּעס פֿאַר אײַך אַ זאַך, אַז די גאַנצע שטאָט וועט דערמיט קלינגען. איר וועט זען, דאָקטער.

— אָלרײַט, מיסטער מעלניק! מיר׳ן זען.

נאָר דער אַנקל האָט אים שוין ניט געהערט. ער איז דורכגעלאָפֿן דעם זאַל. אין עסצימער איז אים געפֿאַלן אויפֿן האַלדז אַהרן מעלניק מיט געוויין און קושן. אַ האַלב טוץ מומעס, פֿעטערס, משפּחה און לאַנדסלײַט האָבן אים אַרומגערינגלט מיט פֿרייד און געשריען: „מזל־טובֿ! מזל־טובֿ, אַ ייִנגלו!" — ער האָט זיך קוים אַרויסגעריסן פֿון זיי און איז אַרויף מיט לײַכטע, אײַנגעהאַלטענע טריט צו די שלאָפֿצימערן. הינטער מאַשאַס טיר האָט ער געפֿונען סעמען. דער יונג איז געשטאַנען הינטער דער טיר, אַ בלייכער, און די טרערן זײַנען אים גערונען איבערן פּנים.

— סעם, דו ביסט דאָ? סעם, מײַ באָי... אײַ עם העפּי... יור אַנקל איז העפּי [4]... סעם, העפּי...

סעם האָט אים נישט געענטפֿערט. סעם האָט אים נישט אָנגעקוקט. ער איז אַלץ געשטאַנען אויף איין אָרט, געציטערט. די נאָזלעכער האָבן שאַרף געשלונגען די לופֿט. די ליפּן פֿאַרביסן בייז און די טרערן זײַנען גערונען מיט פֿיל טראָפּנס איבער די באַקן.

דער אַנקל האָט לײַכט אָנגענומען די קליאַמקע פֿון דער טיר און געוואָלט זי עפֿענען. די טיר איז אָבער געווען פֿאַרשלאָסן.

— גיי נישט אַרײַן, אַנקל, גיי נישט. זי איז מיד. זי שלאָפֿט, אַנקל. זי שלאָפֿט... — האָט אים סעם צוריקגעהאַלטן.

— סעם, מײַ דיער באָי... איך בין גליקלעך. איך בין דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט. איך גיי אַלעמען גליקלעך מאַכן. סעם, איך ווייס, וואָס דו ביסט פֿאַר מיר. איך וועל דיר מאַכן

[4] איך בין גליקלעך... דײַן אַנקל איז גליקלעך...

פֿאַר מײַן פּאַרטנער, סעם. איך ליב דיך ווי אַ פֿאָטער... — און איז אים געפֿאַלן אויפֿן האַלדז און אים געקושט.

די טיר האָט זיך שטיל געעפֿנט און די שוויגער איז אַרויסגעקומען.

— שוויגער, וואָס מאַכט זי?

— ש־ש... זי שלאָפֿט, זי איז מיד.

— איך וויל עס זען, איין אויגנבליק נאָר...

די מוטער האָט פּאַמעלעך אויפֿגעעפֿנט די טיר און דער אַנקל איז אַרײַן אויף די שפּיץ פֿינגער.

ער איז געבליבן שטיין בײַ דער טיר. פֿון בעט האָט מאַשאַ אַרויסגעשײַנט אַ בלייכע און אַ מידע. דער אַנקל האָט געקוקט אויף איר און נישט געוואָגט צוצוגיין, גלײַך ווי דאָרט וואָלט געלעגן זײַן הייליקטום. מאַשאַ האָט אים נישט אָנגעקוקט. אירע אויגן זײַנען שטאַר געווען און שטום און געקוקט אויף איין אָרט. דער אַנקל האָט געציטערט און איז געגאַנגען מיט פּאַמעלעכדיקע טריט, נענטער צו צום בעט, אַראָפּגעבויגן זיך און געקושט די זײַדענע קאָלדרע, מיט וועלכער מאַשאַ איז געווען צוגעדעקט:

— מאַשאַ... מײַן, מײַן... מײַן מאַמע...

אויף מאַשאַס בלייכע באַקן האָט אַרויסגעשלאָגן אַ רויטלעכקייט, ווי זי וואָלט אַ קליין קינד געווען און זיך פֿאַרשעמט.

נעבן מאַשאַס בעט איז שוין געשטאַנען דער נײַער קינדערוואָגן. די מוטער האָט אויפֿגעדעקט דאָס זײַדענע געדעקס און דער אַנקל האָט דערזען עפּעס רויטס, צעהיצטס און נאָך נישט אויסגע־



He felt the very same way now—Mascha was pure, Mascha was suffering—and he had stolen apples!

Steps, a sound from the other side of the door! He started up, he ran out, and there was Dr. Goldstein, in his white coat, sleeves rolled up, hurrying toward Moses, and following him, was Mascha's mother.

"Congratulations, Moishe! Congratulations, it's a boy, a boy!"

"Doctor, really? Doctor—."

"Yes, yes, Mr. Melnik—congratulations! Everything's all right. She's fine."

"Thank you, thank you, doctor." Uncle ran upstairs like a child.

"Just one minute, Mr. Melnik, just one minute—you can go in after a little."

"Doctor, I'll never, never forget this—never. How are they —both of them?"

"She and the baby are both all right. I told you they'd be all right, didn't I, remember?" The doctor laughed a little and slapped the excited father on the back.

"I'm going to do something handsome for you, something that will be the talk of the town—you just wait, doctor."

"All right, all right, Mr. Melnik. We'll see!"

Uncle wasn't even listening any more. He had run out of the room. In the dining room Aron Melnik wept on his shoulder. A half dozen aunts, cousins, and other assorted relatives and neighbors crowded round him with jubilant greetings: "Congratulations, congratulations, a boy!" He freed himself from them with difficulty, and hurried up to the bedroom as quietly as possible. He found Sam standing near Mascha's door. The boy was pale and trembling, and tears were running down his cheeks.



## MASCHA PRESENTS UNCLE WITH AN HEIR

"Sam! Well, Sam, you're here, Sam, my boy—I'm so happy, your uncle is very, very happy, Sam!"

Sam neither answered him nor looked at him. He stood there as though rooted to the ground, trembling. His face quivered, his lips were pressed together tightly; his cheeks were wet with tears.

Uncle grasped the door knob softly and tried to enter the room. But the door was locked.

"Don't go in now, Uncle, don't go in, she's tired, she's sleeping, Uncle, she's sleeping." Sam held him back.

"Sam, my dear boy, I'm happy, I'm the happiest man in the world. I'm going to see to it that you're all happy. Sam, I know how much you've meant to me, I'm going to make you my partner now. Sam, I love you like a father." And Uncle embraced Sam, and actually kissed him on the cheek.

The door opened softly, and his mother-in-law came out.

"Mother, how is she now?"

"Ssh, she's asleep, she's tired."

"I'd like to see her, just for a moment."

Carefully Mascha's mother opened the door again, and Uncle tiptoed in.

He stopped in the doorway. Mascha lay on the bed and she seemed to radiate a kind of soft pale light. Uncle looked at her, and did not venture closer; he felt as though he were treading on sacred ground. Mascha never turned her eyes toward him; here eyes were fixed on something—something. Uncle trembled as he came up to the bed finally, and bending down, kissed the silk coverlet.

"Mascha—my—my—little mother!" Mascha blushed a little; she looked like a bashful child.

The new bassinette stood near Mascha's bed; her mother threw back the soft blanket, and Uncle saw a warm, red, wrig-

-89-



gling little body. He knelt down, hid his face in the blanket, and cried a little.

Sam, who had been waiting in the doorway, came up too now, stood near Uncle, and also looked into the bassinette.

Mascha pulled the silk coverlet over her head and hid her face.

## CHAPTER XXIII

### *The Mother*

It was a beautiful day in summer. The big bedroom of Uncle Moses' house was filled with light, which streamed in through the two big windows facing the street. Mascha, strong young mother, was bathing her five-months-old child in a basin filled with warm water. The child was covered with soft white cloths to keep him from taking cold. He kicked and splashed about clumsily, and screamed, as he closed his eyes tightly, like a little old man. Mascha was happy, she played with the child, poured the water gently over his head, and washed him. There were piles of little white garments all round, and soft towels; there was an odor of sweet, fresh cleanliness everywhere. Mascha lifted the child out of the water, wrapped him in the soft warm cloths, and held him close. But the child went on crying, filling the room with his sharp, penetrating wails. Mascha smiled undisturbed; she knew why the child was crying, she laughed at him tenderly:

"You little glutton, I know what you want, I know."

Quickly she opened her dress, and laid bare her firm young breast. But she did not allow the child to nurse immediately; she teased him a little, playfully, as one child might tease another. She took her breast between two fingers, and squirted a few drops of milk on the child's lips; he licked these off eagerly, and screamed for more.

Mascha waited a little to see what he would do. But the sweet odor of the milk helped him find the source of his



precious nourishment, and finally he pressed his little face against Mascha's strong young bosom. He drank hungrily, he tugged at his mother with all his young strength. A feeling of peace and contentment came over Mascha, as sweet as a kiss in a dream. And a feeling of maternal tenderness surged through her entire being.

פֿורעמטס. ער האָט זיך אַראָפּגעוואָרפֿן אויף דער ערד, אײַנגעגראָבן זײַן פּנים אין דעם נײַעם געבוירענעם געלעגער און געוויינט.

סעם, וועלכער איז געשטאַנען בײַ דער אָפֿענער טיר, איז דער־נאָך צוגעגאַנגען מיט שטילע טריט און געשטעלט זיך איבער דעם אַנקלס קאָפּ און אויך אַרײַנגעקוקט אין וויגעלע אַרײַן...

מאַשאַ האָט פֿאַרצויגן די זײַדענע דעק איבער איר קאָפּ און פֿאַר־שטעלט זיך דאָס פּנים.



## 4 בײַ דער טיר

עס איז געווען אַ שיינער זומערטאָג. דער גרויסער שלאָפֿצימער אין אַנקל מאָזעס׳ וווינונג איז געווען באַגאָסן מיט צעבערס ליכט, וועלכע זײַנען אַרײַנגעדרונגען פֿון די צוויי גרויסע פֿענצטער, וואָס זײַנען אַרויסגעגאַנגען אין אַ ברייטער גאַס אַרײַן. מאַשאַ, אַ יונגע און שטאַרקע מאַמע, האָט געבאָדן איר נאַקעט פֿינף חדשימדיק קינד אין אַ בעקן מיט לויער וואַסער. דאָס קינד איז געווען געהילט אין ווײַס־באַטיסטענע לײַלעכלעך, אַז עס זאָל זיך נישט פֿאַרקילן. דאָס קינד האָט באַוויגן דאָס וואַסער מיט זײַנע שווערפֿעלטיקע באַווע־גונגען און עס האָט געשריִען, פֿאַרקנייטשנדיק די אויגן ווי אַן אַל־טער ייִד. מאַשאַ האָט זיך געפֿרייט און געשפּילט זיך מיטן קינד, וואַשנדיק עס און גיסנדיק וואַסער אויף דעם קינדס קערפּערל. אַרום איז געווען אַנגעוואָרפֿן ווײַסע וועש, לײַלעכער, האַנטעכער, און אַלצ־דינג אין שטוב האָט געשמעקט מיט ריינקייט און מיט מוטערלעכ־קייט. זי האָט דאָס קינד אַרויסגענומען פֿון שיסל, פֿלינק עס אײַנ־געהילט אין געמאַנגלטע קנייטשנדיקע פֿרישע לײַלעכלעך און עס געטוליעט צו איר האַרץ. אײַנשטילנדיק דאָס קינד, וואָס האָט נישט אויפֿגעהערט צו פֿאַרטומלען די שטוב מיט זײַן שאַרף שנײַדנדיקן קוויטשען, האָט מאַשאַ געלאַכט און געפֿרייט זיך, ווײַל זי האָט גע־ווּסט, פֿאַר וואָס דאָס קינד שרײַט. און שפּילנדיק זיך מיטן קינד, האָט זי צו אים געלאַכט:

— דו, פֿרעסער אײנער, איך ווייס וואָס דו ווילסט, איך ווייס.

זי האָט פֿלינק באַפֿרײַט איר יונגע קערנדיקע ברוסט פֿון איר קאָפּטנדל, אָבער זי האָט נישט באַלד אַרײַנגעגעבן איר ברוסט אין דעם זוכנדיקן קינדישן מײַלעכל, נאָר זיך געררייצט מיטן קינד, ווי איין קינד מיטן אַנדערן, אָנגענומען איר ברוסט מיט צוויי פֿינגער און אַרויסגעשפּריצט אַ פּאָר טראָפּנס מילך פֿון די ברוסטוואָרצלען

אויפֿן קינדס מײַלעכל. דאָס קינד האָט עס אָפּגעלעקט און ווײַטער געשריִען.

— דו פֿרעסער אײנער... — האָט מאַשאַ געלאַכט, ווען זי האָט געזען, ווי דאָס קינד שטרעקט־אויס זײַן מײַלעכל נאָך די טראָפּנס און זוכט ווי אַ שטום חיהלע די קוואַלן, דורך וועלכע גאָט שיקט־צו צו אים זײַן דערנערונג.

אַ מינוט האָט זי געלאָזט דאָס קינד זוכן. נאָכשפּירנדיק נאָך דעם געשמאַק פֿון דעם מילך, האָט דאָס קינד געפֿונען דעם קוואַל און אײַנגעגראָבן זײַן פּנימל אין מאַשאַס שטאַרקער, יונגער ברוסט, און געזויגט פֿון אירע קוואַלן מיט דעם גאַנצן קינדערשן כּוח, וואָס איז געווען אין דעם פֿרישן מאַרך פֿון זײַנע יונגע ביינדעלעך. און איבער דער מוטער איז געקומען אַ דערלײַכטערונג, ווי עס וואָלט זי ווער געקושט אומבאַוווּסט אין שלאָף, און אַ ציטערדיקער ווינט פֿון קינדיש מוטערלעכער צערטלעכקייט איז דורכגעגאַנגען דורך אירע ביינער...

יעדעס מאָל, ווען מאַשאַ האָט געזויגן דאָס קינד, זײַנען איר געקומען מאָדנע געדאַנקען אין קאָפּ, און עפּעס אַן אומבאַוווּסטער ווייטיק האָט זי גענאָגט. אַ ווייטיק און אַ בענקשאַפֿט. זי האָט גע־האַט דאָס געפֿיל, אַז זי האָט נאָך נישט חתונה געהאַט, אַז זי האָט אַ קינד און נישט קיין מאַן... און זי האָט געבענקט נאָך אַ מאַן, וואָס זאָל קומען און זי גלעטן אין דער שטיל איבערן קאָפּ, ווען זי זיצט און שטילט־אײַן איר קינד. און דער מאַן זאָל זײַן דער ריכ־טיקער און איינציקער פֿאָטער פֿון איר קינד. די פֿאַרבינדונג צווישן איר און איר מאַן זאָל זײַן אַ געטרײַע און אַ טיפֿע, ווי בײַ יעדן יונגן פּאָרפֿאָלק — איר קינד זאָל האָבן אַן אמתן פֿאָטער. און יעדעס מאָל, ווען עס זײַנען געקומען די געדאַנקען צו איר, האָט אַ טיפֿער און אַ באַהאַלטענער ווייטיק געוויטיקט זי און זי פֿאַרשעמט. און זי האָט זיך געהאַלטן, אַז זי איז אַ פֿאַרשאָלטענע אויף אייביק. קיין מאָל וועט זי נישט קענען געבן איר קינד אַ פֿאָטער...

האט זי באמערקט פארנדיק אין „עלעוויטער" שבת אין אונט, ווי עס זיצט א יונגער טאטע און האלט א קינד אויף די הענט און געבן אים זיין ווייב. זיי פארן געוויס צו שווער־און־שוויגער דאון־טאון, האט זי זיך געטראכט, און מקנא געווען דעם אויסגעהארעוועטן מידן ווייבל איר מאן. ניין, נישט וואס זי האט א מאן, נאר וואס זי האט אן איינציקן און ריכטיקן פאטער פאר איר קינד. און א בענקשאפט האט זי ארומגענומען צו א געטריי און ריין לעבן, וואס האט א באשטאנד, א שטארקן ווארצל אונטער זיך.

זי האט נישט געהאט קיין מאן, נאר א קינד און דעם קינד האט זי אוועקגעגעבן איר מוטערלעכע און ווייבלעכע צערטלעכקייט. מיט דעם קינד האט זי געפילט ווידער צוריק יענע אומבאוווסטע זויבערקייט, אין וועלכער זי האט געלעבט, ווען זי איז געווען א מיידל. מיט דעם קינד האט זי זיך צוריק געפונען. זי איז נישט קיין ווייב — זי איז א מיידל א מוטער.

האט זי נאר פארבראכט מיט איר קינד, קיינעם נישט געוואלט זען, נישט ארויסגעגאנגען פון הויז, נישט געלעבט מיט עפעס אנדערש, נאר פארבארגן זיך אינעם שלאפצימער, ווי א כהן אין זיין טעמפל, און פארבראכט מיטן קינד. זי האט עס געבאדן, געוואשן, איבערגעטאן, און ביים קינד האט זי זיך געפילט געראטעוועט...

* * *

די טיר פון שלאפצימער האט זיך אין דער שטיל געעפנט. מאשא האט נישט באמערקט, ווי דער אנקל איז אריינגעקומען אויף די שפיץ פינגער. ער האט פון דער ווייטנס געזען, ווי מאשא שטילט איין דאס קינד, און א מינוט האט ער זיך אפגעשטעלט ביי דער טיר, ווי ער וואלט באטראכט זיין היליקטום. א ציטערדיק געפיל האט אים ארומגענומען יעדעס מאל, ווען ער האט געזען, ווי מאשא זייגט דאס קינד, און ער איז מיט שטילע טריט און איינגעהאלטענער פרייד צוגעגאנגען צו מאשאן און געגלעט זי איבערן קאפ.

מאשא האט אויפגעציטערט, ווי עס וואלט זי ווער אויפגעוועקט פון א שווערן שלאף:

— ווער איז דאס? — האט מאשא אויסגערופן מיט שרעק.

— דאס בין איך. וואס שרעקסטו זיך? יעדעס מאל, ווען איך קום־אריין צום קינד, דערשרעקסטו זיך. אין אמעריקע זיינען נישטא קיין גנבים, מיין קינד.

— קום נישט אריין, ווען איך זייג דאס קינד, פליז, דו דערשרעקסט מיך.

— פאר וואס, קינד? — שמייכלט דער אנקל — איי לייק איט. איך האב ליב צו זען ווי דו זייגסט דאס קינד.

— און איך וויל נישט, אז דו זאלסט אריינקומען. פליז, טו עס פאר מיר.

— אבער פאר וואס? יו אר עי ליטל טשיילד... אזוי ווי מיין קינד. אירביידע זייט מיינע קליינע צוויי קינדער... — נעמט זי דער אנקל ארום מיטן קינד צוזאמען און טאנצט פאר פרייד.

מאשא איז טרויעריק געווארן און שטיל. שטילע טרערן האבן פלוצעם אנגעהויבן צו רינען פון אירע אויגן איבער איר געזיכט און זיינען געפאלן אויף איר נאקעטער ברוסט.

— וואס איז דיר? פאר וואס וויינסטו שטענדיק, אז איך קום־אריין? וואס האב איך דיר געטאן? פאר וואס לאזסטו מיר נישט קיין נחת האבן פון מיין פרייד, וואס גאט האט מיר געשאנקען? איך האב דאך קיין מאל קיין פרייד נישט געהאט אין מיין גאנצן לעבן. נאר איצט, אויף דער עלטער... דיך און מיין קליין, קליין ריין קינד... מיינס... מיין אייגנס... און פאר וואס וויינסטו? פאר וואס פרייסטו זיך נישט מיט מיר, מאשא לעבן, מיין גרויס, גרויס גליק?

מאשא האט אויפגעהויבן אירע אויגן און האט אים אנגעקוקט. אירע אויגן זיינען פול געווען מיט טרערן — און דער גרויסער ווייסאפל האט זיך געוואסערט — און זי האט אים אנגעקוקט מיט רחמנות אויף זיך און אויף אים, און געשוויגן, ווי זי וואלט געווען א שטומע חיה, וואס גאט האט איר נישט דעם לשון געשאנקען, נאר זי דריקט־אויס אירע געפילן אין בליק.

— פאר וואס קוקסטו אויף מיר? פאר וואס רעדסטו נישט צו מיר? — זינט דו האסט געהאט דאס קינד, רעדסטו נישט צו מיר — פאר וואס? ביסטו דען נישט גליקלעך מיטן קינד? מאשא דיער, זאג מיר.

— יא, יא, איך בין גליקלעך מיט מיין קינד... קיינעמס נישט, נאר מיין... איך האב גאר נישט מער, נאר דאס קינד... איך בין גליקלעך... — און די טרערן האבן גערונען פון אירע אויגן אלץ געדיכטער.

The door of the bedroom opened softly. Mascha did not notice that Uncle came in. He saw that Mascha was nursing the child, and he stopped in the doorway for a moment to worship at the shrine.

Mascha started up as though he had awakened her out of a deep sleep.

"Who's there?" she asked anxiously.

"I'm here. Why are you afraid? Whenever I come near the child, you're frightened."

"Don't come in when I'm nursing him, please, it frightens me."

"But why, my dear?" Uncle smiled. "I like it. I like to watch you nurse him."

"But I don't like to have you do it. Please—don't."

"Why not?"

Mascha looked tired, and suddenly she began to cry.

"What is it, why do you cry whenever I come in? What have I done to you? This is the first time in my life that I've ever been really happy. Why won't you let me be happy?"

Mascha stared at him. She seemed to feel sorry for herself, and sorry for him too, but she couldn't speak. She was like some poor dumb creature, inarticulate, forced to do her talking with her eyes.

"Why do you look at me that way? Why don't you talk to me? Since you've had the child, you don't talk to me at all

-91-

— איך ווייס נישט, מאזעס, פאר וואס, איך ווייס נישט... לאז מיך אליין, פליז. לאז מיך אליין מיט מיין קינד... קום נישט אריין צו מיר, זע מיך נישט.. לאז מיך, פליז.

— א, דיער טשיילד... איי נאו... דיין מאמע האט רעכט. דיין מאמע זאגט, אז עס איז שטענדיק אזוי מיט די יונגע מוטערס, ווען זיי זייגן די קינדער. דו ביסט נאך אליין א קליין קינד... איין קינד זייגט דאס צווייטע... מיינע צוויי קליינע קינדער... — האט דער אנקל געלאכט.

פון עסצימער האט זיך פלוצלינג דערהערט א שטימע. מאשא איז בלייך געווארן.

— ווער איז דארט?

— סעם איז עס. יעס, שטעל דיר פאר, מאשא, טשארלי, דיין קוזין, איז דאך דער אדוואקאט פון דער "יוניאן". ביי אים וועלן מיר דאס באדארפן "סעטלען"[5] דעם שטרייק פון די לאנדסלייט. דו ווייסט, אונדזערע לאנדסלייט שטרייקן דאך. שוין די צווייטע וואך,

[5] לייזן, דורכקומען.



ווי זיי קומען נישט צו דער ארבעט. דאס האט אלץ דיין קוזין אנגעמאכט. איך האב דיר שטענדיק געזאגט, אז ער איז א "דענדזשעראס יאנג מען"[6]. ער וועט אונדז אנטאן צרות. נא, זעסטו, דאס האט אונדז אן אייגענער, א לאנדסמאן, א משפחה־מאן אפגעטאן.

— גיי־אראפ, פליז, גיי־אראפ און רייד מיט זיי. לאז מיך אליין...

— האט זיך מאשא געבעטן ביים אנקל און גענומען אוועקלייגן דאס איינגעשלאפענע קינד פון איר ברוסט אין וויגעלע אריין.

— נאך איין מינוט. איך וויל נאר זען א ביסעלע, ווי עס שלאפט.

— שטיל, וועסט עס נאך אויפוועקן.

— שוין, שוין... — און דער אנקל איז ארויס מיט שטילע טריט.

מאשא האט פארשלאסן די טיר נאך אים.

נאר באלד האט ווער געקלאפט שטיל.

— ווער איז דארט?

— עפן־אויף, מאשא לעבן! — רופט זיך אפ די מוטער, וואס פארשליסטו זיך? קיינער וועט דיך נישט צוגנבענען.

— נו, וואס זאגסטו צו די שנארערס, הע, צו דער משפחה? אויסגעהאלטן דאס פאר אונדזערע פארהארעוועטע גראשנס. אז עס האט געדארפט א טאכטער אויסצוגעבן, אן אויסשטייער צו מאכן, דאס ווייב מיט די קינדער אריבערצוברענגען קיין אמעריקע, איז עס געקומען צום אנקל. וואס? ווען? עס האט באדארפט עפעס, איז עס געקומען צו אונדז. מיר האבן עס געשטיצט. מיר האבן עס אויסגעהאלטן. און איצט שטרייקן זיי גאר! נא דיר אמעריקע! און ווער? דעם שנארערס זון, טשארלי — ער איז דיר גאר געווארן א גאנצער פאלקאווניק ביי דער "יוניאן". האסט שוין געהערט אזעלכעס?

— מאמע, וואס איז געשען?

— האסט נישט געהערט? די לאנדסלייט שטרייקן דאך! זיי קומען דאך נישט צו דער ארבעט! און טשארלי איז זייער אנפירער.

[6] געפערלעכער יונגער־מאן.



נאר אין דעם האט ווידער ווער דעם קאפ אין דער אפענער טיר אריינגעשטעקט. און מאמע און טאכטער האבן דערקענט סעמס בלייך ענערגיש פנים מיט זיינע דערשראקענע בעטנדיקע אויגן.

— מאמע, פארמאך די טיר! — האט מאשא אויסגערופן, בלייך ווערנדיק.

— וווהין קריכן זיי, די שנארערס? ווייניק איז זיי די קלייט, קריכן זיי נאך אין די שלאפצימערן...

די מאמע האט פארקלאפט די טיר פאר סעמס פנים.



any more. Aren't you happy with the child? Mascha dear, do tell me!"

"I don't know, Moses, I don't know, let me alone please, just let me alone with my child, don't come in here, don't watch me, let me alone, please do!"

"Dear child, I know, I know. Your mother is right, she says that all young mothers are like that when they're nursing their babies. Why, you're like a child yourself, it's like one child nursing another, my two little children!" said Uncle with a smile.

Suddenly they heard a voice in the dining room. Mascha grew pale.

"Who's that?"

"It's Sam. Say, just imagine, Mascha, your cousin Charlie is the lawyer who represents the Union; we've got to get this thing settled through him. You know, don't you, that my men are striking, this is the second week they haven't come to work—and that's all your cousin's doings? I always told you he was a dangerous young man, that he'd make things mighty disagreeable for us some day; there you have it, see what one of our own countrymen, one of our own relatives, in fact, has done."

"Please go down now, please talk to them, let me alone!" pleaded Mascha, and put the child, who had gone to sleep, back into his little bed.

"All right, I'm going." Uncle tiptoed out, and Mascha locked the door. A little later there was a gentle rap:

"Who is it?"

"Open the door, Mascha, dear child." It was her mother's voice. "Why do you lock the door? No one is going to steal you."

"Well," as she came in, "what do you say to all this? Bums they are, our own relatives! That's the kind of people for





whom we've been providing! When they want money for anything, they know very well where to find Uncle; when they need anything, they're right at his heels. We've helped that gang along, given them everything they own—and now they're striking! Well, that's America for you! And who's to blame for it all? The son of that old hag, Charlie, that's who it is, he's the head of the whole works. Did you ever hear anything like it?"

"Mamma, tell me, what's happened?"

"Why, haven't you heard anything at all? You know that none of the Kusminers are coming to work, don't you, that they are striking? And Charlie is their leader."

While they were talking someone thrust his head in at the door. Mother and daughter both recognized Sam's pale animated face, with his pleading anxious eyes.

"Mamma, do lock that door," called Mascha, nervously.

"Those bums have to push their way in everywhere, it isn't enough that they're down at the factory, they've got to get into the bedroom too." Her mother slammed the door in Sam's face.

— וואָס שטייט דער אָנקל און טענהט זיך אויס מיט זיי! מיט וועמען איז דאָ צו רײדן? אָנקל, אַרײַן! — האָט סעם אים געצויגן בײַם אַרבל מיט חוצפה, וואָס ער האָט געקראָגן צום אָנקל זינט מאַשאַ האָט געבוירן דאָס קינד.

— לאָז מיך, איך וויל מיך מיט זיי דורכריידן.

— אָנקל! — האָט סעם געשריִען — איך וויל, אַז דער אָנקל זאָל אַרײַן. מען דאַרף נישט ריידן מיט זיי. אויס משפחה! אויס לאַנדסמאַן! איך לאָז נישט מער קיין משפחה איבער דער שוועל אַרויף.

— אַלץ צו טשאַרלין. מיר וויסן גאָר נישט! — האָבן די לאַנדסלײַט אָפּגעענטפערט.

און טשאַרלי איז געווען דער גאָט. טשאַרלי איז געקומען יעדן אָוונט אין חבֿרה אַנשי קוזמין און גערעדט צו די לאַנדסלײַט; טשאַרלי האָט געבראַכט אַנדערע ספּיקערס; טשאַרלי איז אַרומגעלאָפן צו די צײַטונגען; טשאַרלי האָט פֿון ערגעץ ווו געלט געקראָגן; טשאַרלי



איז געווען דער צווייטער משה, וואָס איז געקומען אויסלייזן די לאַנדסלײַט פֿון אָנקל מאָזעס, פּרעה מלך מצרים...

אין דער חבֿרה שולחן־ערוך אַנשי קוזמין זײַנען געווען פֿאַרזאַמלט די שטרײַקנדיקע לאַנדסלײַט. קוזמין האָט גערוט און עס האָט אויסגעזען ווי חול־המועד אין דער היים. נישט קיין שבת, נישט קיין יום־טובֿ — ס'איז אין דער וואָכנס און מען אַרבעט נישט. און צו דעם איז קוזמין אַזוי נישט געווען צוגעוווינט. שוין אַכט טעג ווי דער שטרײַק האַלט־אָן. דער ערשטער ענטוזיאַזם איז שוין פֿאַרשוווּנדן און קוזמין האָט שוין געפֿילט אַ בענקשאַפֿט נאָכן שאָפּ. נאָך האָבן זיי נישט געפֿילט קיין הונגער. אַ ביסל האָט יעדערער געהאַט אַליין אָפּגעשפּאָרט און באַהאַלטן פֿאַרן שטרײַק און אַ ביסל האָט דער סינדיקאַט מיט מי צונויפֿגעשלעפּט. נאָר קוזמין האָט נישט געקענט אַרומגיין ליידיק. דאָס „באַלעמוטשען"[8] האָט זיי נישט געלאָזט רוען. דער „תּכלית" האָט געפּיקט אין די געהירן און גענאָגט דאָס האַרץ ווי אַ שלעכטער וואָרעם.

— וואָס וועט זײַן דער תּכלית פֿון דעם באַלעמוטשען? — האָט איינער אין דער שטיל געפֿרעגט דעם אַנדערן.

— און וואָס פֿאַר אַ תּכלית האָסטו בײַם אָנקל אין שאָפּ? פֿאַרן טרוקענעם שטיקל ברויט — דאָס איז דער תּכלית?

— מילא, מן הסתּם ווייסט דאָך, אַז קהל הייסט אַזוי... קהל ווייסט וואָס עס טוט!

נאָר קוזמין האָט דערווײַל ניט באַלעמוטשעט. איינער האָט זיך דערווײַל אָנגעגרייט אַ שטיקל יענע וועלט און אַרײַנגעכאַפּט אַ יום תּהילים; אַן אַנדערער, וואָס האָט געקענט אַ ביסל לערנען, אַ פּרק משניות; גאָר די פּראָסטע און די עם־הארצים האָבן געכאַפּט אַ קערטל בײַ דער טיר פֿון שול; און די עלטערע האָבן געהאַט תּרעומות: אין אַ מקום קדוש?! האָבן די ייִנגערע געטענהט: עס איז אַ שטרײַקהאָל...

קוזמין האָט זיך אַרומגעדרייט פֿראַנק־און־פֿרײַ און האָט גאָר

[8] פֿאַרשלעפּן, אומזיסט צײַט פֿאַרלירן.



נישט געטאָן; קוזמין האָט דערווײַל זיך באַקענט מיט זייערע ווײַבער און קינדער, אויף וואָס זיי האָבן קיין צײַט נישט געהאַט, ווען זיי האָבן געאַרבעט; קוזמין האָט דערווײַל אַרומגעשפּאַצירט, אָפּגעגעבן זיך מיט הויזזאַכן, צו רעכט געמאַכט זייערע אייגענע קליידער. אָבער קוזמין איז נישט צופֿרידן געווען.

— גוואַלד, יוסף, וואָס ציט זיך עס אַזוי לאַנג? וואָס וועט זײַן דער תּכלית?

און טשאַרליס „פּאָפּולאַריטעט" בײַ די קוזמינער לאַנדסלײַט האָט אָנגעהויבן ביסלעכווײַז צו פֿאַלן. וואָס לענגער עס האָט זיך געצויגן דער שטרײַק און מען האָט קיין רעזולטאַטן נישט געזען, האָבן די קוזמינער לאַנדסלײַט, ווי אַמאָל זייערע עלטערן אין מדבר, אָנגעהויבן צו „מורמלען" אויף טשאַרלין:

— וואָס וועט זײַן דער סוף? אַלטע ייִדן לאָזן זיך פֿירן פֿון אַ ייִנגל... הע, שיין זעען מיר אויס!...

סעם איז דערווײַל אויך ניט געשלאָפֿן. סעם האָט פֿאַררופֿן אַ משפּחה־ראָט, געשיקט נאָך דעם קוזין מאַנעס, וועלכער איז אַ „דעמאָקראַט", מיטן קאָפּ פֿון דער פּאָליציי, און זיך מיט אים אַן עצה געהאַלטן. מען האָט צונויפֿגערופֿן די נאָענטע משפּחה און זיי געשיקט אין געהיים צו די לאַנדסלײַט אַהיים. צו ערשט איז מען געגאַנגען צו די באַקאַנטע, וואָס מען קען פֿון דער היים, וועלכע דער אָנקל האָט צום מערסטן טובֿות געטאָן, און געמאַכט מיט זיי אַ שמועס:



"Why does Uncle stand out here, and talk with them? Why, who are they? Uncle, do come in!" Sam tugged at Uncle's sleeve angrily. He had never dared to be so impertinent in the past, before Mascha's child was born.

"Let me alone, I want to talk with them."

"Uncle," shouted Sam, "I want you to come in. You mustn't talk with them, this isn't a question of relatives or one's own countrymen. We're never going to take another countryman of ours into the shop."

"It's all Charlie's doings. We don't know anything about it," answered the men.

Charlie was their idol; Charlie came to the Chewra Ansche-Kusmin every evening and talked to them; Charlie brought other speakers to address them; Charlie conferred with the newspapers; Charlie got together the money; Charlie was their second Moses, and he had come to free the Kusmin countrymen from Uncle Moses, from their own particular Pharaoh of Egypt.

In the Chewra Ansche-Kusmin the strikers were assembled. Kusmin was at leisure and there was a great clatter of tongues. It wasn't the Sabbath, it wasn't a holiday—it was a weekday, and no one was working. Kusmin wasn't accustomed to that. The strike lasted for eight days. The first enthusiasm had died down, and Kusmin felt a certain longing for the shop. As yet none of the men were hungry, for all of them had been putting something aside for this emergency, and the Union had managed to add a little money to the fund. But Kusmin found it hard to be idle. They were continually thinking things over, and the "why" of it all worried them, nagged at their minds and hearts.

"Why this idleness?" they thought. "What is the good of it all?"





"And what's the good of working in Uncle's shop? What do you get out of that? A crust of bread—that's the 'why' of *that!*"

"Well, well, maybe; after all we had orders to strike, so that settles it!"

But the men couldn't stay idle. Some of them began to pay a little attention to their spiritual life, and said their psalms; others studied the Mischna; the less scholarly among them arranged a gambling game at the House of Prayer, and were reprimanded soundly by their elders. "At a sacred place!" The younger men answered: "This is strike headquarters."

The men were at leisure now, and had nothing to do; some of them became really acquainted with their wives and children for the first time; some of them went for walks, or puttered round the house a little, or mended their own clothes; but they weren't content.

"For heaven's sake, Joseph, why does this last so long? What is the good of all this?"

Charlie's popularity with the Kusmin countrymen gradually began to wane. The longer the strike lasted without any tangible result, the more emphatically did the men begin to complain about him, remarking, as had their ancestors in the desert:

"How is this to end? Old people being led round by a mere youth; we're certainly making ourselves ridiculous!"

Meanwhile Sam had been busy too. He had called a family council, and had also brought in his cousin Manny who was a prominent politician, and the police commissioner, who was a good friend of Manny's. After they had talked things over, they called in all the close relatives, and told them to go and visit their countrymen—but secretly. First they visited those families for whom Uncle had done most, and said:

— וואָס זאָגט ער איַיך צו, טשאַרלי? ער וועט פאַר איַיך אַ שאַפּ עפענען? נו, לאָמיר זען. וואָס וויַיזט ער נישט. וואָס ער קען? וואָס לאָזט ער איַיך הונגערן? אַז ער האָט איַיך פון דער אַרבעט אַראָפּ־גענומען. פאַר וואָס גיט ער איַיך נישט אַ לעבן צו מאַכן? ער עסט. ער נעמט „ווידזשעס" פון דער „יוניאָן". פאַר וואָס שטריַיקט ער נישט? ער שטריַיקט נישט, איַיך הייסט ער שטריַיקן.

און די לעצטע ווערטער האָבן איבערגעציַיגט. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און סעמען מיטן קוזין מאַנעס איז געלונגען צו גע־



ווינען אַ טייל פון די לאַנדסליַיט צו דער אַרבעט. נישט דער הונגער, נישט די נויט האָט דאָ געזיגט, נאָר קוזמין האָט נישט געקענט באַ־לעמוטשען, איז נישט געווינט געווען אַרומצוגיין לידיק און האָבן געבענקט נאָך דעם שאַפּ.

צו מאָרגנס, אין דער פרי, אַז טשאַרלי איז אַריַינגעקומען אין דער חבֿרה שולחן־ערוך אַנשי קוזמין, האָט ער געטראָפן די חבֿרה באַלייגט מיט די וויַיבער פון די שטריַיקנדיקע לאַנדסליַיט. קוים האָבן זיי אים דערזען, זיַינען זיי צו אים צו, און חנה־ראָזע, שלמהלע דאַרפסגייערס וויַיב, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויסטענהן פאַר אַלעמען:

— ווער האָט דיך געבעטן, איך בעט דיך, אַז דו זאָלסט זיך פאַר אונדז אָננעמען? אַז דו האָסט צו טאָן מיטן אַנקל צוליב אַ שידוך, אַ כּלה, וואָס ער האָט ביַי דיר אַוועקגענומען, דאַרפן מיר ליַידן דערפאַר, אויסגיין מיט אונדזערע קינדער פאַר הונגער? וויפל האָסטו גענומען דערפאַר?

— פאַר וואָס?

— אַז דו זאָלסט זיי, די אַלטע נאַראָנים, פון וועג אַראָפּפירן.

— ניין, דו פרעג אים בעסער, פאַר וואָס שטריַיקט ער נישט? אונדז הייסט ער שטריַיקן. פאַר וואָס שטריַיקט ער נישט? — האָט אַ צווייטע ייִדענע געשריִען.

— פון וואָס זאָל איך שטריַיקן?

— פון דער „יוניע" פאַר וואָס שטריַיקסטו נישט? פאַר וואָס הייסטו אונדז שטריַיקן?

— אָבער איך האָב דאָך נישט צו וואָס צו שטריַיקן. איך אַרבעט דאָך ביַי קיינעם נישט. איך אַרבעט דאָך ביַי מיר אַליין. ביַי וועמען זאָל איך שטריַיקן? — זאָגט טשאַרלי געלאַכט.

— דו הערסט, ער אַליין שטריַיקט נישט, אונדז הייסט ער שטריַיקן!

— וואָס רעדט איר מיט אים? ווער איז ער אין גאַנצן, וואָס ער וואָגט זיך אַנטקעגנצושטעלן קעגן דעם אַנקל? און מיר, אַלטע ייִדן, לאָזן זיך פאַרפירן פון אַזאַ שנעק, פון אַזאַ ייִנגל!



— קומט, ייִדן, קומט! די הענט דאַרפן מיר קושן דעם אַנקל, אַז ער זאָל אונדז צוריקנעמען. געהערט אַ מעשה?

און שוין האָבן זיך די קוזמינער לאַנדסליַיט געוואָלט אַרויסלאָזן פון דער חבֿרה. טשאַרלי איז געשטאַנען אין מיטן אַ פרעמדער וועלט און ער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס צו זאָגן זיי. ער האָט יאָ געפּרוּ־בירט עפּעס ריידן, וועגן אויסהאַלטן, וועגן אַ בעסער לעבן, וועגן אַ גערעכטלעכער אָרדענונג, נאָר די ייִדן האָבן אים נישט געהערט, געלאַכט הינטער אים. און אַ ייִדענע האָט גערופן צו אים:

— דו באַזאָרג זיך צו ערשט, אַז דו זאָלסט נישט גיין מיט אָפּגעהאַקטע אָפּצאַסן און מיט אַן אָפּגעריבענעם הינטן, דערנאָך וועסטו די וועלט פאַרזאָרגן. מיַינע פאַרזאָרגערס...

טשאַרלי האָט פאַרצווייפלט. עס איז געווען זיַין אַמביציע, זינט ער האָט זיך אינטערעסירט מיט אָרגאַניזירן אַרבעטערס, צו אָרגאַניזירן אַנקל מאָזעס' שאַפּ, דעם שאַפּ אין וועלכן זיַין פאָטער, זיַין משפּחה און זיַינע אַלע לאַנדסליַיט זיַינען געווען פאַרשקלאַפט. ער האָט עס געהאַלטן פאַר זיַין חובֿ, פאַר אַמעריקע, פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי אַ קינד פון זיַין פאָטער, צו אָרגאַניזירן אַנקל מאָזעס' שאַפּ. און מיט אַ מאָל האָט ער געזען זיַין אַרבעט פון חדשים און יאָרן צו נישט. ער האָט געפּרובירט אויסניצן זיַין גאַנצע רעדנער־קונסט, זיַינע אידייען און זיַינע איבערציַיגונגען, און ער האָט דער־ציילט קוזמין וועגן דער גרויסער פאַרברידערונג, אין וועלכער זיי טרעטן־אַריַין, אַנשליסנדיק זיך אין דער „יוניאָן" מיט דער וועלט־אַרבעט. נאָר קוזמין האָט געקוקט אויף אים מיט שפּאָט און מיטלייד. די פאַרברידערונג האָבן זיי איבערגעלאָזט פאַר אים. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דער פּרנסה.

נאָר אין דעם האָט זיך אויפגעהויבן ר' אַהרן זשאַבלינער. ר' אַהרן זשאַבלינער איז געווען טשאַרליס פאָטערס אַ חבֿר פון דער היים. ביידע האָבן זיי באַלאַנגט צו איין חסידים־שטיבל אין דער היים, און דערנאָך, ווען טשאַרליס פאָטער איז אַהיים געפאָרן שטאַר־בן, האָט ר' אַהרן איבערגענומען זיַין שטעל. ער האָט געדרשנט



"Well, what's Charlie promised you, after all? Is he going to open a factory for you? Well, we'll see. Why doesn't he do it then? Why does he allow you to starve? Since he's the one who forced you to leave your jobs, why doesn't he see to it that you have an opportunity to earn money? He has plenty to eat himself, he has his job with the Union. Why doesn't he strike? He isn't striking himself, and yet he orders you to go on strike."

These last words won them over. It wasn't long before Sam and his cousin Manny had persuaded some of the strikers to go back to work. Neither want nor hunger was responsible for this triumph, simply the fact that Kusmin didn't know how to be idle, wasn't accustomed to not working, longed for the shop. When Charlie arrived at strike headquarters the next morning, he found many of them, and also most of the wives, waiting for him. The minute they saw him they fell upon him, and Hannah, the wife of Shloime, began to speak, as the mouthpiece of all the women:

"I'd like to know who asked you to look after us? If you're having some personal trouble with Uncle, some affair about a girl maybe, some girl he's grabbed away from you—why do we have to suffer for that, why do we have to starve—we and our children? How much are you getting for doing this?"

"For doing what?"

"For leading those old fools round by the nose."

"Listen—ask him why he doesn't strike himself? He orders us to go on strike. Why doesn't *he* strike?" screamed one of the other women in the mob.

"Where am I supposed to go on strike?"

"Why don't you strike in the Union? Why do you want us to go on strike?"

"Why, I haven't any reason to strike. I'm not working for





anyone. I'm working for myself, you all know that. How could I go on strike?" asked Charlie, laughing.

"There you have it, you heard him say it, he won't go on strike, but he wants us to strike."

"Why do you talk with him at all? Who is he anyhow, that he dares to oppose Uncle? And we old folks allow ourselves to be led astray by that young snot!"

"Come on, you fellows, come on! We'll have to humble ourselves before Uncle or he won't take us back at all. Did you ever hear anything like it?"

And with these words the men were about to leave the House of Prayer. Charlie found himself standing among strangers in a strange land—he didn't know how to reach them at all. Oh, he tried—he talked about carrying on bravely, about a better way of living, a more equable world order, but the men never listened, they merely laughed at him behind his back. One of the women called out:

"You, there! You'd better look for yourself, instead of going round with run-down heels and shiny pants; take care of yourself first, then there'll be time enough to make over the world! That's a fine way for anyone to look, who says he's going to look after me!"

Charlie was distracted. Ever since he had been active in the Union it had been his ambition to organize Uncle Moses' shop, the shop in which his own father, his relatives, and all his countrymen had been veritable slaves. He considered it his duty, as an American, as a member of the Union, and as his father's son, to organize Uncle Moses' shop. And suddenly he saw all his efforts gone to waste. He tried to talk to the men, to make them understand, to show them that they were joining a great fraternity when they became members of the Union. But the men merely regarded him scornfully and pityingly. He

יעדן שבת אין דער חבֿרה שולחן־ערוך אַנשי קוזמין, געלערנט מיט די ייִדן מדרש שבת פֿאַר נאַכט, און שמחת־תּורה פֿאַר זיי געלייענט דעם מדרש פֿון משה רבינוס טויט. ר׳ אהרן וושאַכלינער האָט פֿאַרנומען בײַ זיי דאָס אָרט פֿון אַ שטיקל דיין און די קוזמינער לאַנדסלײַט, וועלכע האָבן אים געקענט ווי אַ למדן און פֿרומען ייִדן פֿון דער היים, האָבן פֿאַר אים דרך־ארץ געהאַט. דעריבער האָבן זיך אַלע אײַנגעשטילט און אויסגעהערט, וואָס ר׳ אהרן האָט צו זאָגן.

— עס איז דאָך פּונקט אַזוי ווי די ייִדן בײַ יציאת־מצרים... — האָט ר׳ אהרן אָנגעהויבן מיט זײַן דרשה־ניגון, מיט וועלכן ער פֿלעגט יעדן שבת האַלטן זײַן מדרש־דרשה — אַז משה רבינו האָט די ייִדן פֿון מצרים אַרויסגעצויגן, — הייבט זיך אָן ר׳ אהרן צו שאָקלען — שטייט אין דער תּורה הקדושה אַזוי געשריבן: האָט ער זיי אין מדבר געפֿירט! און ווי זיי זײַנען אין מדבר געקומען, נאָך קריעת יום־סוף און אַנדערע גרויסע נסיונות, אַזוי האָבן די ייִדן אָנגעהויבן צו בענקען נאָך די טעפּ פֿליש, וואָס זיי האָבן אין מצרים געהאַט בײַ פּרעהן. האָבן זיי אָנגעהויבן צו מורמלען אויף משה רבינו און האָבן געזאָגט: לאָמיר זעצן אַן עלטסטן און לאָמיר צוריקקערן נאָך מצרים. אַזוי איז אויך דאָ. קוים מיט צרות און גרויס מאַטערניש זײַנען מיר אַוועק פֿון אַנקל, פּרעה, און פֿון זײַן נוגש סעם, וואָס אַרבעט מיט אונדז עבֿודת פּרך, ווי די ייִדן אין מצרים, און טשאַרלי גייט אויסאַרבעטן פֿאַר אונדז אַן אחדות, וואָס דאָס זאָל זײַן אַ חיזוק, אַ תּיקון רבים, אַז מען זאָל מיט אונדז אַזוי שווער ניט אַרבעטן, וואָס דער יונג סעם, ימח שמו, אַרבעט מיט אונדז, וואָס איז שווער אַריבערצוטראָגן; און קוים זײַנען מיר שוין באַלד אויסגעלייזט, נאָך אַ ביסל אַריבערצוטראָגן דעם צער פֿון הונגער אײדער דעם צער פֿון בושות און פֿון עבֿודת פּרך — פֿאַרבענקט איר זיך נאָך די טעפּ פֿליש און זאָגט: לאָמיר זעצן אַן עלטסטן און צוריקקערן צום אַנקל. נאָר דאָרטן, אין מצרים, האָט עס דער ערבֿ־רבֿ געזאָגט, און דאָ זאָגט איר עס אַלע. זאָג איך אײַך, ווי דער מדרש זאָגט אויף די ייִדן אין מצרים: איר אַלע וועט אויסשטאַרבן אין



could take care of this fraternal business if he liked; what they were interested in was their daily bread.

Just at this moment Reb Aron Schachliner got on his feet. Reb Aron Schachliner had been a boyhood friend of Charlie's father. They had belonged to the same religious group at home, and when Charlie's father had returned to Poland, Reb Aron had taken over his place in the Kusmin congregation. He preached in the House of Prayer every Sabbath, he studied with the other men on the Sabbath eve and read the Midrach of the death of Moses to them on the day of Simchatorah. Reb Aron was a kind of deacon among the Kusmin countrymen, who had known him to be a learned man and a devout Jew back home, and who respected him. And so they listened to him attentively when he began to speak.

"This is just the way it was when the Jews left Egypt," Reb Aron began in his recitative voice, his Sabbath voice, "when our teacher Moses led the Jews out of Mizraim"—Reb Aron began to rock back and forth; "then he led them out into the desert, as we read in the sacred Torah. And when they had arrived in the desert, after they had crossed the Red Sea, and after all the other miracles had taken place, then the Jews yearned once again for the fleshpots of Egypt. And they began to complain about our teacher, Moses, and said: 'Let us appoint elders, and return to slavery.' That's just the way we're doing now. It was hard for us to get away from Uncle, the Pharaoh, and his slave driver Sam, who cracks the whip over us, just the way the Jews were treated in Egypt. And so Charlie went and worked out a Union for us, for our own protection, so that we wouldn't have to work so hard, the way that fellow Sam—may his name perish—makes us work, so hard that we can hardly bear it. And now, when deliverance is almost at hand, now, when we'll only have to go hungry for a little while





מדבר, ווי דער ערבֿ־רבֿ, און וועט נישט די זכיה האָבן אַרײַנצוקומען אין „ארץ" אַרײַן, ווײַל איר זײַט ווי דער עבֿד כּנעני, וועלכער זאָגט: אָהבֿתּי את אַדוני, איך האָב ליב מײַן האַר...

אַ שרעק איז אָנגעפֿאַלן אויף קוזמין און אַ שעמעוודיקייט האָט אַרומגענומען די ייִדן. זיי האָבן זיך געשעמט איינער פֿאַרן אַנדערן צו קוקן אין די אויגן אַרײַן. עס האָט זיך מיט אַ מאָל אויפֿגעוועקט אין זיי די אַלטע אויסגעהאַלטנקייט פֿון ייִדישן פֿאָלק. דער אַלטער קשי־עורף, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן שטענדיק, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן עפּעס ערנסטס. עס איז מיט אַ מאָל פֿאַרשוווּנדן די שרעק פֿאַר דער פּרנסה; אַוועק איז די וואַכעדיקייט פֿון „תּכלית" וואָס האָט אַזוי געפּיקט זייערע מוחות און גענאָגט זייערע הערצער. די קוזמינער לאַנדסלײַט האָבן מיט אַ מאָל דערפֿילט אַ גאַנץ אַנדערן טעם אין קאַמף מיט אַנקל מאָזעס. אַז עס איז נישט בלויז אַ קאַמף פֿאַר אַ שטיקל ברויט און אַ לעפֿל זופּ, נאָר אַז עס איז אַ קאַמף פֿאַר מעבֿדות — לחירות. און די אַלטע קאַמפֿלוסטיקייט פֿאַר עפּעס ערנסטס און וויכטיקס האָט זיך אויפֿגעוועקט אין ייִדישן בלוט פֿון די קוזמינער לאַנדסלײַט. און שלמהלע דאַרפֿסגייער האָט זיך געגעבן אַ רוף־אָן פֿאַר אַלע:

— ייִדן, מיט מיר! קומט, מיר וועלן אַרויסטרײַבן די לאַנדסלײַט פֿון שאַפּ. אַז נישט אַרבעטן, זאָל קיינער נישט אַרבעטן!

— שלמה, וווּ גייסטו? איך וועל דיר נישט לאָזן! — האָט חנה־ראָזע געשריגן, אָנכאַפּנדיק שלמהן פֿאַר לאַץ.

— סטופּײַ, סטופּײַ [9], אַהיים! ייִדן, קומט!

און די לאַנדסלײַט האָבן זיך אַרויסגעלאָזט באַלאַגערן דעם אַנקלס שאַפּ.

[9] טרעט־אָפּ, גיי־אַוועק!

longer, and won't have to suffer humiliation and slavery—now you begin to yearn for the fleshpots, and you say: 'Let us appoint an elder, and go back to Uncle.' At that time, back in Egypt, only the scum talked like that, but here you all talk like that. But I want to say to you just what the Midrach says about the Jews in Egypt—you'll all die in the desert like the very scum of the mob, and you won't be lucky enough to reach the promised land, for you are like the slaves of Canaan, who said, 'I love my master.' "

Now all the strikers and their wives were ashamed, and frightened too. They didn't even want to look at one another. Suddenly the old stubborn perseverance of the Jewish race came to life, that quality which always came to the fore when something important, really important, was at stake. They no longer were afraid to starve, they no longer worried about the "why" of the strike. The struggle against Uncle Moses took on a new significance; it was more than a struggle for a crust of bread and a spoonful of soup, it was a matter of slavery or freedom. The old lust of battle for ideals was roused in their Jewish blood. Shloime, the deliveryman, shouted:

"Come on, you Jews! Come on, we'll pull all our countrymen out of the shop! If it's a strike, no one must be allowed to work!"

"Shloime, where are you going? I won't let you go!" screamed Hannah, and tugged at Shloime's coat.

"Get away, go on home, women! Come men, on to the shop!"

And so the Kusmin countrymen marched out, ready to take Uncle's shop by storm.

others. Yes, she would go on strike too, she would help win this battle, this important battle, this battle for freedom from the slavery imposed upon them all by Uncle and Sam.

She jumped up, got together the jewelry which Uncle had given her, the pearls, the diamonds, the sapphires, everything she could find in the way of money and jewelry, tied them up in a little box, put on her simplest frock, and walked into the room where Uncle was waiting.

"Mascha, it isn't my fault, those were not my orders. I can't do anything about it!" Uncle pleaded with her.

Suddenly she despised Uncle. The only feeling in her heart was one of satisfied revenge, that sweet knowledge that life was taking revenge on Uncle. She looked at him scornfully, and cried out:

"I hate you; I hate all of you!"

"But why?" Uncle held out his hand to her.

"Where are you going, daughter?" Her mother ran after her.

Mascha didn't answer.

Uncle was alone.

In the deepening twilight, loneliness crept out of the corners of the room and stood beside him. He was afraid of something, and did not know of what. Something seemed to be coming nearer and nearer. Then suddenly he heard a child crying in the nursery, a child crying, and the nurse's voice singing a lullaby. Then Uncle Moses went in, seeking comfort and happiness from his own flesh and blood.



— מאַשאַ, עס איז נישט מײַן שולד, איך האָב עס נישט געוואָלט. איך קען נישט העלפֿן! — האָט דער אַנקל געקוקט אויף איר מיט בעטנדיקע אויגן.

אַ פֿאַראַכטונג האָט איר אַרומגענומען צו דעם אַנקל. גאָר נישט האָט זי פֿאַרמאָגט אין איר האַרץ צו אים, אויסער נקמה, דאָס זיסע געפֿיל, אַז דאָס לעבן נעמט נקמה פֿון אים. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט פֿאַראַכטונג און אויסגערופֿן:

—איך האָב דיך פֿײַנט! איך האָב אײַך אַלעמען פֿײַנט!

— פֿאַר וואָס? — האָט דער אַנקל אויסגעשטרעקט נאָך איר די הענט.

— אָבער וווּהין גייסטו, טאָכטער? — איז איר די מאַמע נאָכגעלאָפֿן.

זי האָט גאָר נישט אָפּגעענטפֿערט.

דער אַנקל איז אַליין איבערגעבליבן.

האַלב אין טונקעלן האָט די איינזאַמקייט אָנגעהויבן צו קריכן צו אים פֿון די ווינקעלעך פֿון די צימערן. ער האָט זיך פֿאַר עפּעס וואָס געשראָקן — ער האָט נישט געוווּסט פֿאַר וואָס. עס האָט זיך אים געדאַכט, עפּעס וואָס קומט נאָענט צו אים. נאָר אין קינדער־צימער האָט זיך געהערט דעם קינדס געוויין און דער אַמס געזאַנג. און ער איז אַרײַן זוכן טרייסט און פֿרייד בײַ זײַן אייגן בלוט און פֿלייש...

CHAPTER XXVI

*On the Other Shore*

MASCHA WENT to her aunt's home in search of Charlie, but Charlie wasn't there. And her aunt, who had not seen Mascha since her marriage, was cool and uncommunicative, which Mascha couldn't understand. The aunt said that Charlie was probably at strike headquarters, down at the House of Prayer. So Mascha took up her little box with the money and jewelry again, and went down to the House of Prayer. It was filled with women—the wives of the strikers who had rushed down there when they heard of what had happened at the shop.

How changed these women were! They were ready to fight to the finish now. They had seen their husbands return from the field of battle, bleeding and beaten up, and they were ready to rush down to the shop themselves and to take up the fight on the spot. They no longer insisted that their husbands return to the bondage of "Pharaoh"; on the contrary, they threatened to pour pots of hot water down upon the heads of any man who went back to work.

"You can just go find a new home and a new wife too, if you dare to go back to Uncle," one of the women shouted, shaking her finger at her husband.

"And you're to do whatever Charlie says, do you hear? Charlie knows what's what, he knows, all right!" said another.

And once again Charlie was their Moses who had come to liberate the Jews from bondage. Charlie was their savior again, the liberator of the Kusmin countrymen.





מאַשאַ האָט געזוכט טשאַרלין אין דער היים בײַ דער מומען. טשאַרלי איז נישט געווען אין דער היים און די מומע, וועלכע האָט מאַשאַן געזען צום ערשטן מאָל זינט מאַשאַ איז אַ ווײַבל געוואָרן, האָט זי אויפֿגענומען קאַלט און שווײַגנדיק. מאַשאַ האָט נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַר וואָס. פֿון דער מומען איז מאַשאַן געוויר געוואָרן, אַז זי קען געפֿינען טשאַרלין אין „העדקוואָרטערס" [14] פֿון די שטרײַקערס, אין קאָנגרעגיישאָן שולחן־ערוך אַנשי קוזמין, אין דער חבֿרה, פֿון וועלכער דער אַנקל איז פּרעזידענט. מאַשאַ איז געגאַנגען מיט איר פּעקל צירונג, וואָס זי האָט געטראָגן צו די שטרײַקנדיקע לאַנדסלײַט, צו דער „קאָנגרעגיישאָן". אַרום דער קאָנגרעגאַציע האָט זי שוין אָנגעטראָפֿן די ווײַבער מיט קליינע קינדער אויף די הענט, וועלכע זײַנען געקומען צו לויפֿן, הערנדיק פֿון דער „טרעוואָגע" [15], וואָס איז געווען בײַם אַנקלס פֿאַבריק.

אין די ווײַבער פֿון די קוזמינער לאַנדסלײַט האָט זיך געפֿילט אַן ענדערונג. זייער קאַמפּלוסטיקייט איז געשטיגן נאָך דעם, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען פֿאַרן אַנקלס שאַפּ. געזען זייערע מענער צוריק אַהיים קומען פֿון קאַמפּספּעלד, ווער מיט אַ צעבלוטיקטן קאָפּ, ווער מיט אויסגעריסענע פּיאות אָדער אויסגעפּליקטער באָרד, האָט זיך אין זיי דערוועקט אַזאַ רעוואָלוציאָנערער גײַסט, אַז זיי זײַנען גרייט געווען די מינוט צוצולויפֿן צום אַנקלס שאַפּ און איבערנעמען דעם קאַמפּספּעלד, פֿון וועלכן זייערע מענער זײַנען אַזוי שענדלעך פֿונעם „פֿײַנד" אַראָפּגעטריבן געוואָרן. אָ, זיי האָבן שוין ניט געשיקט צוריק זייערע מענער צו דער אַרבעט צו „פּרעה", האָבן שוין ניט געהייסן זייערע מענער, אַז זיי זאָלן פֿאַרן אַנקלס פֿיס פֿאַלן, אַז זיי זאָלן סעמס הענט קושן. פֿאַרקערט, זיי האָבן געשראָקן זייערע מענער, אַז זיי וועלן גיסן איבער זייערע קעפּ מיט טעפּ זודיק וואַסער, אויב זיי וועלן וואַגן דעם אַנקלס שוועל איבערצוטרעטן.

— דו קענסט דיך שוין זוכן אַן אַנדער היים, אַן אַנדער ווײַב, אַז דו וועסט מיר וואַגן צום אַנקל גיין! — האָט אַ ייִדענע געמאַכט מיטן פֿינגער אויף דער נאָז צו איר מאַן.

— און אַלצדינג וואָס טשאַרלי וועט דיר הייסן זאָלסטו טאָן! דו

[14] הויפּטקוואַרטיר. — [15] טומל, אַלאַרעם.

הערסט? טשארלי ווייסט, וואס ער האט צו טאן. אוי, ווייסט ער, א געזונט אין זיין קאפ!

און טשארלי איז צוריק געווארן דער „משה", וואס גייט די יידן באפרייען פון „פרעה מלך מצרים" און פון אונטער זיין שווערן יאך. טשארלי איז ווידער געווארן דער אויסלייזער, דער באפרייער פון די קוזמינער לאנדסלייט.

געהערט, אז א „לידי" פרעגט זיך נאך אויף די קוזמינער לאנדסלייט, איז געווארן א רעש. די פרויען האבן ארומגערינגלט מאשאן און באלד האט זי איינע דערקענט.

— יא, זי איז דאך דעם אנקלס ווייבל, מאשא, דעם הויכן אהרנס טאכטער.

— פארשטייסט שוין, זי איז אוודאי געקומען ריידן פארן אנקל, אז זיי זאלן צוריקגיין צו דער ארבעט... פארשטייסט שוין צו וואס זי האט באדארפט טשארלין.

— אז זי האט זיך פארקויפט צום אנקל, מיינט זי, וועלן מיר זיך אויך אלע פארקויפן...

— וואס עפעס צום אנקל אליין? און ווו איז סעם? — האט א צוויטע געווארפן א ווארט אין דער שטיל.

מאשאס פנים האט געפלאמט ווי פייער פאר בושה. זי האט נישט געוווסט, ווי זיך צו ראטעווען פון די אויפגערעגטע פרויען, וואס האבן איר ארומגערינגלט. זי האט געפילט, אז זי איז דער „שונא" פון די לאנדסלייט, צי זי וויל יא, צי זי וויל נישט. האט זי אין דער מינוט נאר געקלערט, ווי אזוי זיך צו ראטעווען פון זיי.

— ווייבער, ווייבער, בארויקט איך! וואס שרייט איר? — האבן זיי א צוויי מענער, לאנדסלייט, איינגעשטילט און געהאלפן מאשאן ארויסנעמען פון די פרויען.

— טשארלי איז נישטא. ער לויפט־ארום אין די געריכטן צו באפרייען די לאנדסלייט, וואס מען האט ארעסטירט. ער וועט באלד צוריקקומען. זעצט זיך, מיסעס מעלניק! ער וועט באלד צוריקקומען.

— ווער איז זי, ווער? גיב נאר א קוק, ווי זיי רידן מיט איר! וואס פאר א פאראד זיי מאכן פון איר! נישקשה, איר פאטער האט אויך הויזן גענייט ביים אנקל, געווען דער זעלביקער קלאגעדיקער „אפערייטאר". א גליק האט איר געטראפן! דער אנקל האט זיך פארליבט אין זיין טעכטערל. זע נאר, וואס זיי מאכן!

— נאר איינער, אונדז אלעמען האט געקענט טרעפן דאס גליק, אז מיר וואלטן געוואלט אונדזערע טעכטער חתונה מאכן מיט אלטע לייט.

— צוליב איר שפאלט ער דאך אונדזערע מענער די קעפ, אז ער זאל זיין שיין ווייבל קענען דעם האלדז נאכגעבן.

— אוודאי, אז מען האט חתונה מיט אן אלטן מאן, לאז כאטש דאס חזיר רינען איבערן מויל.

מאשא האט געקוקט אויף די פרויען מיט בעטנדיקע אויגן. זי האט זיי געוואלט זאגן, אז זי איז אויך אזוי אומגליקלעך ווי זיי, אז אויך זי „ארבעט" ביים אנקל, איז פארשקלאפט צו דער פירמע „מאזעס מעלניק ענד קאמפאני", ווי זיי, און זי איז אהער געקומען שטרייקן צוזאמען מיט זיי, און צוזאמען מיט די לאנדסלייט באפרייען זיך פון אונטער דעם יאך פון אנקלס הויז. נאר די ווייבער האבן גאר נישט געקענט און גאר נישט געוואלט לייענען, וואס עס ליגט אין די גרויסע פארטרערטע אויגן פון דעם יונגן ווייבל. זיי האבן געזען אין איר דעם שונא, אין וועלכן זיי האבן געוואלט נקמה נעמען פאר יארן לאנגע פלאגן זיך, פאר לאנגע, אלטע באליידיקונגען און פאר די מענערס צעשפאלטענע קעפ.

— גיב נאר א קוק, וואס פאר א „פאראדן" זיי מאכן מיט איר. דער אנקל איז קלוג. ער וויל זיי אריינגנארן אין שאפ אריין, האט ער געשיקט צו זיי דאס יונגע ווייבל. גיב נאר א קוק, ווי זיי זיינען שטיל געווארן, ווי זיי האבן מורא פאר איר...

— דער אנקל האט זי געשיקט? דאס האט זי סעם אהער געשיקט... זי ווייסט שוין וועמען זי האט צו הארכן.

מאשא האט געפילט די ברענענדיקע שטעכווערטער, וועלכע די ווייבער שיקן צו איר, און זי האט עס גענומען אויף זיך ווי א שטראף. זי איז אין דעם מאמענט גרייט געווען אויף אלצדינג — אלץ אויסצוטאן פון זיך, אראפצווארפן פון זיך די שאנדע און די פארשקלאפונג, וואס מען האט געווארפן אויף איר, און איבערבלייבן דא מיט די לאנדסלייט אין דער „קאנגרעגיישאן", טיילן איר גורל מיט זיי — און זי האט געווארט אויף טשארלין, אז זי זאל אים קענען אלצדינג זאגן...

איר בלייבן אין „קאנגרעגיישאן" איז געווארן אוממעגלעך. די פרויען זיינען געווארן אזוי ווילד אויפגערעגט און זייערע ווערטער אויף איר חשבון זיינען געווארן אזוי באליידיקנדיק, אז זי האט נישט געקענט לענגער דא פארבלייבן — און ווער ווייסט מיט וואס עס וואלט זיך געענדיקט, ווען טשארלי וואלט נישט געווען אנגעקומען.

— העלאו, מאשא! — האט זי טשארלי באגריסט מיט זיין געווינלעכן שמייכל, ווי ער וואלט זי ערשט נעכטן געזען געווען — וואס טוסט דו דא?



When these women were told that a lady was trying to find the strikers, everyone was excited; they gathered round Mascha, and soon they recognized her.

"Why, that's Uncle's young wife, Mascha, Aron's daughter!"

"Well, of course, she came to put in a good word for Uncle, so that the men will go back to work; that's what it is, of course, or why should she ask for Charlie?"

"Just because *she's* sold herself to Uncle, she thinks that we'll all sell ourselves too."

"Why say 'Uncle,' why not 'Uncle and Sam?' " interpolated a shrill sarcastic voice.

Mascha blushed for shame. She did not know how to get away from that circle of angry women; she realized that she was counted as their enemy, no matter how she felt about it herself. And all she could think of now was how to save herself.

"Women, women, do be quiet, why do you shout so?" A few of the men tried to quiet the women, and helped Mascha get away. "Charlie isn't here, he went to police headquarters to try to see about getting some of the men out of jail. He'll be back pretty soon. Sit down, Mrs. Melnik, he'll be back in a few minutes."

"Who is she anyway, who is she? Look how they talk to her, what a fuss they're making about her! It isn't so long ago since her father was sewing trousers for Uncle Moses, and was a tailor like all the rest of them, and then they had this good luck, Uncle fell in love with the little daughter—and now just see what a fuss they make about her!"

"Luck! Don't be a silly fool, we could all have had that kind of 'luck' if we'd been willing to marry our daughters to old men."

"It's because of her that our husbands are being beaten up, Uncle needs more money so that he can buy jewelry for his pretty little wife!"

"Oh, of course, but then if one marries an old man, one ought to get something out of it!"

Mascha looked at the women anxiously, pitifully. She would have liked to tell them that she was just as unhappy as they were, that she was "working" for Uncle too, that she was as much of a slave as they to "Moses Melnik and Company," and that she had come down here to strike with them, and to gain her own freedom. But the women couldn't understand that, and they didn't want to understand it either. They regarded her as "the enemy," and they wanted to take revenge on her for the years of suffering and humiliation, and their husbands' bashed-in heads.

"Just look at those men! Uncle's a smart one to send his pretty young wife down to try to get his men back. See how little the men have to say now, they're afraid of her!"

"Uncle sent her, did you say? Sam sent her, you mean—she knows who's boss, don't you worry."

Mascha accepted the women's biting, sarcastic remarks as just punishment. She was ready to give up everything now—she wanted to leave the life of shame and slavery which she had been living, and to come back with her own people. She sat and waited for Charlie, she planned to tell him everything, everything.

Finally it became impossible for her to wait any longer. The women had become so furious, and their remarks were so insulting that Mascha couldn't stand it any longer—anything might have happened if Charlie hadn't appeared.

"Hello, Mascha!" Charlie smiled at Mascha with the same old smile, just as though they had seen one another the day before. "What are you doing here?"

CHAPTER XXVII

## *Loneliness*

A PATHETIC old man had a habit of wandering aimlessly round, from one floor to the other at "Melnik and Company." "Uncle," the employees called him, half in jest, half in earnest. He spent most of his time upstairs in the shop. He liked to be with the tailors there, and they liked to see him come, because he was forever reminiscing with them about their old home in Kusmin. Sometimes they stopped working entirely, they were so interested. When this happened, the foreman took a hand. The foreman was Cousin Manny, whom Sam had hired. He was kind to Uncle; all he did was to take him by the arm and say: "Now come away, Uncle." Sometimes Uncle didn't want to do as he was told, and then Sam had to come. And Sam did to Uncle just what Uncle used to do to his own old father—took him gently by the arm, smiled, and said:

"Aren't you ashamed of yourself, Uncle? Do come now."

Then Uncle really did feel ashamed of himself, and he followed Sam downstairs obediently.

He didn't know what to do with himself, however; so after joking with some of the men in the office, he slipped out of the building, and went over to the little saloon across the way.

Sam couldn't allow this of course. So Cousin Manny was sent over to the saloon to fetch Uncle back. If he couldn't succeed, Sam was sent for. This was a serious matter, and he never smiled when this happened. But all he said was:

"Aren't you ashamed of yourself, Uncle? Do come with me."





Just that. And he sent Uncle home with one of the errand boys.

Uncle went to a funeral one day—the funeral of an old friend. How familiar the cemetery looked! Someone who had been very close to Uncle was buried here—someone! Then Uncle remembered, and went to the office to ask for information. The office sent a man with him to help him find the grave he wanted. There, among well-cared-for graves, was a sunken marker almost covered with weeds—a lonely, deserted place. Uncle looked down at the stone, and all the past seemed to come to life. Near the grave with the marker was a vacant space; he had bought that for himself, there, next to the grave of his dead wife Rebecca.

And suddenly he realized: all his young life, his real life, lay buried there in his wife's grave. And there beside the grave was a vacant space—waiting for his body.

He had worked hard, he had haggled and schemed, he had bargained for love, he had made life over to suit himself. And all the while this silent grave, this vacant space had been here—waiting. So that was why he had not been successful in his efforts to begin life over again—it was quite clear now. The foundation was unsteady—he had tried to build on an open grave. But soon that space would be filled—the better part of his life was here even now.



## 9

### איינזאַמקייט

בײַ „מעלניק ענד קאָמפּאַני" האָט זיך אַרומגעדרייט אַן אַלטער מאַן, וואָס די מענטשן האָבן אים גערופֿן פֿון געוווינהייט, האַלב אין ערנסט, האַלב אין שפּאַס, דער אַנקל. דער אַלטער מאַן פֿלעגט זײַן מײנסטע צײַט פֿאַרברענגען אין דער הייך, אין שאַפּ, צווישן די אַרבעטערס. ער פֿלעגט זיך אָוועקזעצן צווישן די לאַנדסלײַט און ליב געהאַט צו פֿאַרברענגען מיט זיי, דערציילנדיק מעשיות פֿון דער אַלטער היים, פֿון קוזמין. אָפֿט מאָל פֿלעגט דער אַלטער מאַן אַזוי אַרום באַלעמוטשען די אַרבעטערס און, אַז עס פֿלעגט זיך באַווײַזן אין שאַפּ דער פֿאָרמאַן, דער קוזין מאַנעס, וואָס סעם האָט אים אַרויפֿגענומען צו זיך אין געשעפֿט — פֿלעגט דער קוזין צוגיין צום אַנקל און אים קלאַפּן אויף די פּלייצעס:

— קאָם אָן, אַנקל...

און אַז דער אַנקל פֿלעגט נישט הערן, איז דער קוזין געגאַנגען אַרויפֿרופֿן דעם באָס, סעמען. און, ווי אַמאָל האָט דער אַנקל אַראָפּגענומען מיט גוטע רייד זײַן פֿאָטער פֿון די שנײַדערס, אַזוי האָט עס איצט סעם געמאַכט מיטן אַנקל. סעמס ערנסט געזיכט האָט אָנגענומען אַ ליבלעכע מינע, און ער האָט מיט ווייכקייט אָנגערירט דעם אַנקלס אָרעם און געזאָגט צו אים גוטמוטיק:

— אַר יו נאָט אַ שיים, אַנקל? קאָם אָן[22]...

[22] שעמסט איר זיך נישט, אַנקל? נו, קומט...



דער אַנקל האָט זיך טאַקע פֿאַרשעמט און איז אַראָפּגעגאַנגען מיט סעמען פֿון שאַפּ, נישט אַרויסריידנדיק קיין וואָרט.

ער האָט זיך נאָך אַ פּאָר מינוט אַרומגעדרייט אין ביוראָ, אין געוועלב און פֿלעגט מאַכן אַ פּאָר וויצן מיט די מענטשן. עס איז אים אָבער לאַנגווײַליק געוואָרן, האָט ער זיך אויפֿגעהויבן און איז אַריבערגעגאַנגען אין שענק, וואָס איז געווען קעגנאיבער דעם געשעפֿט פֿון „מעלניק עט קאָמפּ".

אַז מען פֿלעגט דערנאָך זאָגן סעמען, אַז דער אַנקל איז אין „סאַלון", האָט זיך סעם פֿאַרשעמט, וואָס זײַן אַנקל זיצט אין סאַלון, האָט ער אַריבערגעשיקט דעם קוזין מאַנעס, אַז ער זאָל אים אַרויסנעמען, און סעם האָט שוין אים געזאָגט מיט אַן ערנסטן געזיכט, אָן דעם גוטן שמייכעלע:

— אַר יו נאָט אַ שיים, אַנקל? קאָם אָן! — און ער האָט גענומען אַ שיקײַנגל פֿון קלייט, אַז ער זאָל דעם אַנקל אַהיים ברענגען.

***

אָפֿט מאָל פֿלעגט דער אַנקל זיצן בײַ זיך אין גרויסן שלאָפֿצימער און שפּילן זיך מיט די פֿאַרשידענע ליכט־עפֿעקטן, וואָס ער האָט געהאַט אין זײַן גרויסן שלאָפֿצימער אײַנגעריכט, ווען ער האָט חתונה געהאַט מיט מאַשאַן. אַ מאָל פֿלעגט ער באַלײַכטן דעם צימער מיט רויט און אַ מאָל מיט אַ העלבלויען ליכט, און פֿלעגט צוגיין צו דעם דיוואַן, אויף וועלכן ער האָט זיך אַזוי אָפֿט געשפּילט מיטן קינד, און פֿלעגט עפּעס מורמלען צו זיך, צווישן די ציין, און שמייכלען, און סמאַטשקען מיט די אַלטע ליפּן. נאָר מיט אַ מאָל כאַפּט ער זיך אויף, קוקט זיך אַרום דערשראָקן און פֿאַרשעמט, צי דאָס דינסטמיידל האָט נישט געזען פֿון דער צווייטער שטוב, וואָס ער האָט געטאָן, און פֿלעגט פֿלינק אַרויס פֿון שטוב, צוקלאַפּנדיק די טיר נאָך זיך, און איז אַרויס אויף דער גאַס אין גאָרטן אַרײַן, אָדער צוריק אין שאַפּ... מען האָט אים אויך געטראָפֿן אויף די טרעפּ פֿון אַ גרויס טענעמענט־הויז אין די בראָנקס, וווּ עס האָט געוווינט אַן אַרבעטער־פֿרוי מיט אַ קינד — בײַ פֿרעמדע מענטשן. אָפֿט מאָל האָט מען

-104-



געזען אן אלטן בכבודיקן מאן דרייענדיק זיך אויף די טרעפ פון דעם טענעמענט־הויז, און אז די שכנים האבן געפרעגט, וועמען ער זוכט, האט ער געשמייכלט און געזאגט:

— עס איז אלרייט.

איין מאל האט זיך אויך געמאכט, אז ער איז אריינגעקומען צו די פרעמדע מענטשן, ווו די ארבעטער־פרוי מיטן קינד האבן גע־וווינט, און האט זיך אוועקגעזעצט אין הויז און געשוויגן. האט זיך פון דענסטמאל אן די ארבעטער־פרוי מיטן קינד ארויסגעצויגן פון דעם הויז. מען ווייסט נישט ווו זי וווינט איצט, און דער אלטער מאן באווייזט זיך נישט מער...

***

פאר דער טיר פון א טענעמענט־הויז, אין א רווישנדיקער גאס, אין די בראנקס, האט זיך ארומגעדרייט אן אלטער מאן. די שכנים האבן אים שוין לאנג באמערקט. ווען זיי זיינען צוגעגאנגען און אים געפרעגט, צי ער זוכט וועמען, האט ער געשמייכלט און געזאגט:

— עס איז אלרייט.

ער האט געשמייכלט און ווייטער זיך געדרייט אהין־און־צוריק, ביז ער האט באמערקט א ווייבל צי א מיידל קומט־אן פון דער ווייטן. ער האט זיך דעמאלט אראפגעכאפט פון טראטואר, דערנאך איז ער אריין אין קארידאר, ארויפגעכאפט זיך אויף די טרעפ און אנגע־קלונגען אין טיר.

מען האט אים אויפגעעפנט און געפרעגט וואס ער וויל.

— וווינט דא — האט ער געפרעגט — א ווייבל מיט א קינד, וועלכע מען רופט מאשא?

— מיסעס מעלניק! — האט די יידענע אויסגערופן — דא פרעגט ווער אויף אייך!

מאשא איז ארויסגעקומען פון שטיבל. אין דער פינצטער האט זי אים נישט דערקענט.

— ווער איז דארט?

— מאשא... — האט זיך געהערט א שטימע פון אן אלטן מאן.



מאשא איז דערשטוינט געבליבן.

— וואס זוכט איר דא?

— איך וויל דיר עפעס זאגן.

זי האט זיך געשעמט פאר דער יידענע און האט נישט געוווסט וואס צו טאן. זי איז אן ווערטער אריין צו זיך אין שטיבל. דער אלטער איז איר נאכגעגאנגען. אריינגעקומען, האט ער זיך געשטעלט ביי דער טיר און האט, ווי זוכנדיק עפעס וואס, זיך ארומגעקוקט.

אין א ווינקל פון שטוב, אויפן בעט, איז געלעגן א קינד, נעבן וועלכן מאשא האט זיך איצט געשטעלט און האט זיך אנגעהויבן צו באשעפטיקן מיט דעם, ווי עס וואלט קיינער אין שטוב נישט אריינ־געקומען.

אז עס איז אדורכגעגאנגען א לאנגע ווייַלע און דער פרעמדער אלטער איז געשטאנען אין דער טיר, און מאשא האט זיך צו אים נישט געווענדט — האט זיך פלוצעם געהערט וויינען, ווי א קראנקע, אלטע חיה וואלט געוויינט, מיט אן אויסגעמאטערטער באסאווער שטימע.

מאשא האט זיך דערשראקן, איז צוגעגאנגען צו אים און האט געזאגט מיט מיטלייד:

— הערט־אויף, מענטשן וועלן זיך דערשרעקן. עס איז ניט שיין.

דער אלטער האט זיך באמיט אויפצוהערן צו וויינען. ער האט געווישט די טרערן פון די באקן, וועלכע זיינען גערונען זייער הייס איבער זיי, און האט שטיל געשליוכצט.

— בארויקט אייך. גייט אהיים! עס איז ניט שיין.

— יעס, יעס, מאשא. שוין, נאך א ביסל... — האט זיך דער אלטער איינגעשטילט, ווי עס שטילט זיך איין א קינד, וואס וויל גוט זיין.

— איך ווייס, עס איז מיין שולד. איי עם ען אלד פול [23]. קיינעמס

[23] איך בין אן אלטער נאר.



ניט שולד, נאר מיינע, מיינע. נאר פאר וואס האט מיך גאט גע־שטראפט, פאר וואס? וואס האב איך געוואלט? וואס יעדער מאן האט... א ווייב מיט א קינד... — האט זיך דער אלטער ווידער צעוויינט.

— אנקל, פליז, פייניקט מיך נישט און גייט אהיים.

— יעס, יעס, שוין, אלרייט... — און דער אנקל האט זיך גע־נומען ווי ארויסצוגיין, אבער ער איז געבליבן שטיין ביי דער טיר און געקוקט אויף מאשאן מיט בעטנדיקע אויגן:

— מאשא, אייןווארט, פליז, איין ווארט... עס איז מיין קינד, מאשא... איי נאו, נאו... [24] — האט דער אלטער געמאכט א טריט נענטער צום בעט, ווו דאס קינד איז געלעגן.

מאשא האט זיך פאר אים דערשראקן און זי האט אים פאר־שטעלט דעם וועג.

— דאנ'ט בי עפרייד, דאנ'ט בי [25]! — איך וועל אים גאר נישט טאן. איך וויל אים נאר אנקוקן, איין מאל נאר אנקוקן און אוועק־גיין, פליז, לאז מיך אנקוקן, דאטסאלל [26]...

דער אנקל איז צוגעגאנגען צום בעט, אויף וועלכן דאס קינד איז געלעגן און געשפילט זיך מיט די הענטלעך, און איינגעגעסן זיך מיט די אויגן אין דעם קינד. פלוצעם איז ער געפאלן אויפן בעט און אנהאלטנדיק זיך מיט בידע הענט, האט ער ווידער געוויינט:

— עס איז מיין קינד, מאשא, איי נאו, דאס איינציקע, וואס איך האב אין לעבן. איך ווייס, מאשא, פליז, מאשא, זאג... עס איז מיין קינד, מיין אייגן, אייגנס...

א לאנגע צייט האט געדויערט, ביז עס איז מאשאן געלונגען, מיט גוטן און מיט בייזן, דעם אנקל ארויסצוקריגן פון שטיבל. מא־שא האט אים בארויקט, צוגעזאגט אים, אז זי וועט צוריקגיין וווינען

[24] איך ווייס, איך פארשטיי... — [25] זייט ניט איבערגעשראקן, זייט נישט! — [26] דאס איז אלץ.



מיט אים און לאזן אים זיין מיט איר און מיטן קינד, און דער אנקל איז אוועק א רויקער און א גליקלעכער.

אויפן צווייטן טאג, אז ער איז געקומען צו דער וווינונג, האט ער שוין נישט געפונען, ניט מאשאן און נישט דאס קינד, און קיי־נער האט אים נישט געקענט זאגן, ווו זיי זיינען פארפאלן געווארן.

***

א לאנגע צייט האט זיך דער אנקל ארומגעדרייט און אלעמען אויסגעפרעגט אויף מאשאן און אויף דעם קינד. ער האט אלעמען דערציילט, סיי באקאנטע און סיי נישט באקאנטע, אז דאס קינד איז זיינס, און מאשא האט אים צוגעזאגט, אז זי וועט צוריקגיין מיט אים וווינען; ער איז אפילו געווען אין פאליציי און געבעטן זוכן זיין ווייב, און ער האט זיך געהאלטן אין איין נאכפרעגן אויף א געניטן דעטעקטיוו, וועלכער זאל זי אויסזוכן.

מענטשן האבן רחמנות געהאט אויף אים און אויסגעהערט, וואס ער האט זיי דערציילט, און אלע האבן אים פארזיכערט, אז דאס קינד איז טאקע זיינס, און אז דאס ווייבל וועט נאך צוריקגיין וווינען מיט אים.

סוף